STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02197

BASHERTE ZAKHN

Yonah Rozenfeld

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02197-0

D:\YIDDISH\TITLES\9780657021979T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

געקליבענע ווערק פון יונה ראָזענפעלד

באַנד VI

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

יונה ראָזענפעלד

באשערטע זאכן

(דערציילונגען)

ספרית אולם הציוני
קייפטון
ZIONIST HALL LIBRARY

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Rozenfeld—„Baszerte zachen“

Drukarnia Wyd. Wileńskie B. Kleckina.

אינהאַלט:

	זייט
אַ הענטעלע	7
אַ מאָדנע געשיכטע	15
אונטער דער ערד	22
וואָס איז דאָס געווען?	27
אַ אובבאַקאַנטער	77
אַ מאַמע מיט קינדער	82
די פרעמדע	88
אַ שפּיל	93
נישט אַלץ קאָן פאַרגעסן ווערן	99
אַז ס'איז באַשערט	108
אויף דער לינקער זייט	149
וואָס האָט זי געמיינט?	156
אין סטעפּ	162
אַ באַגעגעניש	168
אַריינגעפאַלן	175
נומער איינס, נומער צוויי און נומער ערגער	184
זיך דערמאָנט	193
נאָך דער חתונה	198
ים-בילדלעך	202
צווישן לאַנדסלייט	211
עלטער און יוגנט	220
אויף זיין אָרט	227
אין די בערג	231
אידיאָט	234
אויך אַ קרבן פון דער רעוואָלוציע	240
„ער"	248
אין אַ שטורעם-נאַכט	254
אַ שטורעם אויפן ים	262
אַ נאַכט אין צוג	266

אַ הענטעלע

די מאַמע האָט דערפילט איר גליק מיטן קינד. ווען נישט דאָס קינד, איז אָדער זי וואָלט אים נישט געלאָזט אַוועקפאָרן, און זיי וואָלטן באַדאַרפט אַלע יאָרן לעבן אַ געמוטשעטע לעבן, אָדער ער וואָלט יאָ געפאָרן און וואָלט דאָרטן גלייך פאַרגעסן אָן איר. אַז מ׳האָט אַ קינד, איז מען מער פאַרסטראַכירט, און דאָס האָט זי טאַקע געמיינט, זאָגנ־דיק די ווייבער, ווען יענע האָבן איר געוואָלט שווער מאַכן דאָס האַרץ:

— איך האָב פאַר מיין מאַן קיין מורא נישט.

פאַרן פאָרן האָבן זיך אַלע דריי פאָטאָגראַפירט.

זי האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט אין דער מיט, אויף זיינער אַ קני און אויף אירער אַ קני, און ביידע האָבן דאָס געהאַלטן אַרומ־גענומען, ער מיט אַ האַנט און זי מיט אַ האַנט, און ס׳האָט זיך פאַרן אויג באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז די צוויי הענט, וואָס האַלטן דאָס קינד אַרומגענומען, זענען פון איין מענטש...

צוריקגייענדיק פונם פאָטאָגראַף און טראָגנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האָט זי, דאָס ווייבל, געהאַט אַזאַ געפיל, אַז ס׳גייט אַ לע־בעדיקע פאָטאָגראַפיע. און פונקט אַזוי ווי אַ פאָטאָגראַפיע אַזוי קאָן נישט צעריסן ווערן איר לעבן מיטן מאַן... כאָטש ער פאָרט אַוועק אין דער ווייטער מדינה, וועט ער דאָך בלייבן געטריי און צוגעבונדן צו איר, פונקט ווי ער איז דאָ צוגעבונדן צו איר און צום קינד אויף דער פאָטאָגראַפיע.

די פאָטאָגראַפיע האָט זי אים איינגענייט מיט אַלע אַנדערע נוי-טיקע און. וויכטיקע פּאַפּירן אין אַ בוזעם-קעשענע, און טוענדיק דאָס, אָט די אַרבעט, איז זי געווען זיכער, אַז דאָס נייט זי זיך איין אין דעם מאַנס בוזעם-קעשענע אַריין, זיך מיטן קינד. און דערביי האָט זי געמורמלט:

— אָ, ווי מיינסטו, וועסט נישט פאַרלירן, אַ יאָ?... איך האָב עס שוין גוט באַוואָרנט...

זי האָט קיין געדולד נישט געהאַט, און נאָך איידער זי האָט פון מאַן אַ בריוו באַקומען, האָט זי שוין געהאַט צוגעגרייט אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ הענטעלע פונם קינד... זי האָט געוואָלט זען, ווי וועט עס אויסזען אויפן פּאַפּיר אָט די פאַרזיכערונג אירע, וואָס דאַרף איר פאַרזיכערן דעם מאַנס צוגעבונדנקייט...

זי האָט עס געטון מיט אַזויפיל ליבשאַפט, אָט די אַרבעט פון אַרומגיין מיט דער פען די פינגערלעך פון קינדס הענטעלע, און נאָכ-דעם ווי אָט די אַרבעט איז אָפּגעטון געוואָרן, האָט זי איינמאָל און אַ צווייטמאָל אַריינגענומען דעם קינדס הענטעלע מיט אַלע פינף פינ-גערלעך אין מויל אַריין און געדריקט צווישן גומען און צונג, און לייכט געביסן מיט די ציין. אַרויסגעשלעפּט אַ נאַס, גלאַנציק הענטעלע פון מויל, האָט זי זיך מיט דעם הענטעלע און מיט דער נאַסקייט דאָס פּנים געשמירט.

אַזוי גלייך ווי ס'איז אָנגעקומען פון מאַן אַ בריוו, האָט זי צעשפּרייט דאָס בייגעלע פּאַפּיר מיטן „אָנגעשריבענעם" הענטעלע און מיט אַ ברייטקייט און זיכערקייט געשריבן, אַז זי מיטן קינד זענען געלויבט השי"ת געזונט און, — „גיב גאָט דאָס זעלבע פון דיר צו הערן".

מאַכט זיך, דאָס קינד ווערט קראַנק אויף אַ קינדערישער קרענק, און אָפּגעקרענקט צוויי וואָכן, נעמט דאָס קינד און ס'שטאַרבט אַוועק.

דאָס איז געשען מיט אַכט חדשים שפּעטער נאָכן מאַנס אַוועק-פאָרן קיין אַמעריקע... פאַר דער צייט האָט ער שוין באַוויזן דאָרטן זיך אַרויפצואַרבעטן, און אין זיינע לעצטע בריוו האָט ער שוין גע-

שריבן וועגן אַרויסנעמען זי קיין אַמעריקע. דאָס ווייבל איז געווען איבערגליקלעך, און אָט טרעפט עס, אָט דאָס גרויסע אומגליק אַזוי גאָר פלוצלונג, אומגעריכט, פונקט איינצייטיק, ווען דאָס נייע גליק האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין....

דער בראָך איז געווען אַ טאָפּעלער. חוץ דעם, וואָס איר האָט אַלס מאַמע געבלוטיקט דאָס האַרץ אויפן טויט פון איר איינאונאיינציק קינד, האָט זי איינצייטיק, ווי זי האָט דאָס קינד אירס פאַרלוירן, אויך פאַרלוירן די האָפענונג, אַז ער זאָל זי (אָן דעם קינד) אַרויסנעמען קיין אַמעריקע...

אַזוי גלייך ווי דאָס קינד איז „צוגענומען" געוואָרן פון איר, האָט זי דערפילט, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיך, און זי איז ווי אינדערלופטן געבליבן הענגען...

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געהאָנגען אינם קינד, און איר גאַנץ גלויבן, אַז ער וועט זי אַרויסנעמען צו זיך, איז געווען אַדאַנק דעם קינד זייערן... איצט, ווען דאָס קינד איז פון איר „אָפּגעריסן" געוואָרן, איז איינצייטיק איבערגעריסן געוואָרן אָט דער שטאַרקער שנור, וואָס האָט אים, דעם מאַן, געהאַלטן צוגעבונדן צו איר... טאַקע, וואָס וועט אים איצט אָפּהאַלטן ?... וואָס, מ׳קריגט דאָרטן נישט אין אַמעריקע קיין שענערע פון איר ?

זי האָט יאָמערלעך געוויינט אויף דער פלוצלינגער אויסכאַפּעניש פון איר איינאונאיינציק קינד, און איינצייטיק בלוטיקע טרערן פאַרגאָסן אויף איר פינסטער מזל, וואָס זי איז געבליבן אינגאַנצן אָפּהענגיק פונם מאַנס זכות... איצט, הייסט עס, וועט ער עס באַדאַרפן זיין אַ פיינער און אַ ליטישער און אַן אָרנטלעכער, כדי זי נישט צו פאַרלאָזן.

אַ שכנה איז אַריין, אַ שכנה איז אַרויס, און יעדע איינע האָט זי געטרייסט מיט „ד׳ נתן וד׳ לקח" (גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען), און פונקט דעמאָלט, ווען די און יענע האָבן זי געטרייסט, האָט זי ערשט נאָך מער געיאָמערט... זי האָט געיאָמערט אויף יענעם, אויף דעם טאָפּעלטן אומגליק, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַר קיינעם דערציילן...

— אַ בראָך איז דער מאַמען! ווײ צו דיין מאַמען! פינסטער און קלאָגעדיק איז דיין מאַמען!...

דאָס קינד האָט דאָס נשמהלע אויסגעהויכט שפעט אין אָוונט,

אַזוי אַז די חברה־קדישא האָבן עס שוין נישט געקאָנט אויסכאַפּן און באַגראָבן, ווי זיי טוען דאָס מיט אַנדערע מתים, און דאָס טויטע קינד איז אויף אַ גאַנצער נאַכט אין שטוב פאַרבליבן, און די אומגליקלעכע מוטער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. ערשט פאַרטאָג, ווען ס'איז איינגאַנצן געבליבן אַ שעה, אַנדערטהאַלבן צו דער קבורה, איז זי אַביסל באַרואיקט געוואָרן פאַר דעם פאָרשטייענדיקן מאָמענט, ווען מ'וועט דאָס קינד פון שטוב אַרויסטראָגן... אָט דער מאָמענט האָט זיך איר פאָרגעשטעלט טויזנט מאָל ערגער, ווי דער טויט פון קינד. און צו דעם שרעקלעכן מאָמענט האָט זי עס באַדאַרפט פרישע נייע כּוחות „די וועלט איינצולייגן"... ווי אַזוי דאָס זאָל דאָרטן נישט האָבן געווען, צי האָט זי זיך טאַקע אַביסל באַרואיקט, צי איז דאָס נאָר געווען אַ צייטווייליקע שטילקייט, אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם — אַזוי צי אַזוי, איז די אומגליקלעכע מוטער אַנטשוויגן געוואָרן, און אין איר שטילשווייגן האָט זי ניכטערער און מיט אַ סדר געקאָנט רואיקער באַטראַכטן די לאַגע אירע און דאָס, וואָס איר שטייט פאָר אין דער צוקונפט... יאָ, אין דעם איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז די לאַגע אירע איז אַ שרעקלעכע...

מילא, וואָס קאָן זי טון? דאָס קינד איז דאָך געשטאָרבן. נישט זי איז שולדיק אין דעם קינדס טויט (כאָטש פאַרן מאַן פילט זי זיך יאָ עפּעס שולדיק), און זי וועט עס נישט לעבעדיק מאַכן אפילו, ווען זי אַליין וואָלט זיך אַוועקגעלייגט און געשטאָרבן. און ס'איז דאָך אַ נאַרישקייט. זי וועט דאָך נישט נאָכשטאַרבן. אָט האָט זי דאָך שוין דאָס ערגסטע איבערגעלעבט און לעבט און וועט ווייטער לעבן. וואָס וועט טאַקע זיין, אַז דער מאַן, אַזוי גלייך ווי ער וועט זיך דערוויסן וועגן קינדס טויט, — וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זי פאַרלאָזן?... ס'האָט געטראָפן מיט מאַנען, וואָס האָבן געלאָזט שענערע און יינגערע ווייבלעך פון איר, טאָ פאַרוואָס קאָן עס מיט איר מאַן נישט טרעפן?...

און דאָ האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט: נאָך וואָס דאַרף ער עס גאָר וויסן? צוליב וואָס? מען מוז אַמאָל געבן־צוּוויסן אַ זון, ווען ס'שטאַרבט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, אָדער איבער עפּעס אַנדערע וויכטיקע אורזאַכן, וואָס זענען אָדער שטאַרק וויכטיק פאַרן מת, אָדער פאַרן לעבעדיקן. אָבער דאָ, צוּוואָס? צוּוואָס דאַרף ער עס וויסן?... זי וועט אים קיין טובה נישט טון (סיידן, נאָר, וואָס זי וועט אים

מיט דעם צעבינדן די הענט) און זיך וועט זי טון אַ גרויסע רעה. און צו וואָס?...

זי וועט אים נישט שרייבן און געזונג... זי וועט אים שרייבן, אַז... זי וועט אים שרייבן דאָס אייגענע, וואָס זי האָט אים געשריבן, ווען דאָס קינד האָט געלעבט... זי וועט אים שרייבן, אַז דאָס קינד איז אַ דאַנקען גאָט... געזונט און שטאַרק, און אַז... אַז...

זי האָט זיך צעוויינט און זיך שטאַרק זינדיק געפילט אַנטקעגן קינד, גלייך ווי זי וואָלט עפּעס אַ מין אומרעכט אַנטקעגן קינד באַגאַנגען מיט דעם, וואָס זי וועט פאַרלייקענען פאַרן פאָטער דעם טויט פון קינד, און גלייך ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ מין זלזול-המת, וואָס זי וועט מאַכן עמעצן דאָרטן צו מיינען, אַז דאָס געשטאָרבענע לעבט...

האָט זי זיך גאָר פּלוצלונג געכאַפּט, אַז דאָס, וואָס זי האָט באַשלאָסן צו טון, נישט וויסן צו לאָזן דעם מאַן דעם טויט פון זייער קינד, אַז דאָס וועט זי נישט קאָנען, ווייל זי מוז דאָך אויף יעדן בריוו אָפּצייכענען אַ הענטעלע פונם קינד; און וויבאַלד ער וועט איין בריוו נאָר באַקומען אָן אַ הענטעלע, וועט ער שוין פאַרשטיין...

דאָ האָט זי זיך אָנגעקלאַפּט, ווי אָן אַן אייזערנער וואַנט: וואָס טוט זי איצט?...

עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַזעלכעס פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קינד וועט שטאַרבן און זי וועט אים וועלן נאַרן... ווייל וואָס עפּעס פּלוצים איז דאָס אים איינגעפאַלן?...

יאָ, אַ פּאָר בריוו אַזעלכע, אַ צוויי-דריי און נישט מער, אויף אַ צוויי-דריי חדשים, און ביז דעמאָלט וועט ער איר אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע... הייסט עס, אַז זי מוז האָבן אַ צוויי-דריי אָפּגעצייכנטע הענטלעך אויפן פּאַפּיר... ווען איר וואָלט עס איינגעפאַלן, אַז... וואָלט זי זיך געווען באַוואָרנט מיט אַ האַלב טוץ בייגעלעך פּאַפּיר מיט הענטלעך... יאָ, איז עס דאָך פאַרפאַלן... טאָ וואָס טוט זי איצט?

ווען זי האָט אָט די געדאַנקען געטראַכט, איז געזעסן אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב און געדרימלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פּנים צו דער ברוסט, און די גאַנצע פאָדערשטקייט אירע האָט געקוקט מיט שלאָף און מיט אומעטיקער טעמפּקייט צום וויגעלע און צום טויטן קינד, וואָס איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ שאַל מיט

פרענזלעך. די אומגליקלעכע מוטער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט, וואָס זי וועט טון, אָבער שוין באַצייטנס, נאָך איידער זי האָט געוווסט, האָט זי שוין דערפילט, אַז די שכנה איז איר דאָ איבעריק... זי האָט דערפילט, אַז עפּעס האָט זי דאָ אַזעלכעס, אַזאַ אַרבעט צו טון, וואָס אַ זייטיקער מענטש קאָן איר שטערן.

זי האָט דער שכנה אַ שטורכע געטון אין אַקסל אַריין און איר געהייסן גיין שלאָפן, און ווען יענע, די פאַרשלאָפענע, האָט איר אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט נישט געוווסט, וואָס מ׳וויל פון איר, האָט זי געזאָגט צו יענער, אַז זי זאָל זיך גיין צו זיך אין שטוב אַריין, אַז ס׳איז איר קינד, אָט דאָס טויטע קינד, און זי האָט פאַר איר קינד קיין מורא נישט...

די שכנה האָט זיך אַ צופרידענע אַרויסגערוקט, און דאָס ווייבל האָט לייכטער אָפּגעזיפּט... ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז פריער האָט איר יענע געשטערט פריי צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס זי האָט צו טראַכטן... יאָ, ס׳איז, זעט אויס, נישט אָנגענעם אַזעלכעס צו טראַכטן אין דער געגנוואַרט פון אַ זייטיקער און פרעמדער פּערזאָן...

יאָ, איז וואָס?... הענטעלעך! זי מוז האָבן אַ צוויי-דריי הענטעלעך אָפּגעצייכנט אויף פּאַפּיר...

זי האָט אויפגעהויבן דעם צודעק און געקוקט דעם טויטן קינד אין פּנימל אַריין... דאָס קינד האָט, ווי דאָס רוב טויטע קינדער, געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ס׳שלאָפט... יאָ, אמת נישט פון קיין געוויינלעכן שלאָף... עפּעס מיט אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן שלאָף, מיט אַזאַ שלאָף, וואָס לאָזט זיך אינגאַנצן נישט גלויבן, אַז דאָס קינד לעבט, אָבער דערפאַר דערלאָזט עס נישט דאָס פולע גלויבן, אַז דאָס קינד איז טויט... איינצייטיק האָט זי דערזען די צוויי הענטעלעך צעוואָרפן מיט פאַרמאַכטע פויסטעלעך, ווו פיר פינגערלעך ביי איין הענטעלע און פיר פינגערלעך ביים צווייטן הענטעלע האָבן געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן הינטער זיך דעם גראָבן פינגער עפּעס מיט אַזויפיל צערטלעכקייט און מיט אַזויפיל אומבאַהאָלפנקייט און קינדערשער שוצלאָזיקייט, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די צוויי גראָבע פינגערלעך איינס ביי איין הענטל און אַ צווייטס ביי דעם צווייטן הענטל האָבן זיך אומישנע אַרונטערגערוקט הינטער די פיר דינינקע און שוואַכינקע פינגערלעך, כדי נישט צו זיין אָפּגעשיידט, כדי אַלע צוזאַמען צו ליגען...

זי האָט לאַנג געקוקט אויף די בלאַסינקע, כמעט דורכזיכטיקע הענטלעך, און האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צו נעמען טון דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט טון... זי האָט אָבער געמוזט, אָט די אומגליקלעכע... אַנדערש, האָט זי געוווסט, וועט איר אויסקומען לעבעדיקערהייט זיך צו באַגראָבן... יאָ, איר קינד איז טויט און זי קאָן דערצו גאָרנישט העלפן. און די אומגליקלעכע מאַמע לעבט און וועט מוזן לעבן, און אַז לעבן וועט זי דאָך מוזן האָבן צום לעבן...

זי האָט פּאַמעלעך, מיט ציטערדיקע הענט און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ גענומען אַ הענטעלע אין האַנט אַריין, און דערפילט די קעלט פון טויט, איז איר אַ גרויל איבערגעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב... געגלעט אַ פּאָר מינוט דאָס הענטעלע, ווי מחילה געבעטן פאַר דער זאַך, וואָס זי גייט טון... זי האָט געפּרוווט אַ גלייך טון אַ פינגערל, אָבער ס'האָט זיך נישט געלאָזט, און כוח אָנצוווענדן האָט איר דאָס האַרץ נישט פאַרטראָגן. דאַן האָט זי גענומען דאָס פויסטעלע, אַזוי ווי ס'איז זיך געווען און אויסגעשפּרייט עס אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר און האָט מיט אַ בליישטיפט גענומען אַרומגיין אָט דאָס פויסטעלע, און ס'איז אויפן פּאַפּיר אַרויסגעקומען עפּעס... אַ מין „פאַרשטעלטע" זאַך פון אַ הענטעלע... אָדער עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דערמאָנט, אַז אַמאָל איז דאָס אַ הענטעלע געווען... איצט איז דאָס אַ פאָרמלאָזע זאַך מיט אַרומגעטאָקטע פינגער, ווו ס'האָבן נאָר אַרויסגעשטעקט סימנים פון פינגער...

יאָ, ס'האָט נישט געטויגט. אָבער אַוועקוואַרפן האָט זי דאָס פּאָרט נישט געקאָנט, פּונקט ווי איינער האָט קיין האַרץ נישט אַוועקצוואַרפן אַ פאַלשע אַסיגנאַציע... ער ווייסט טאַקע, אַז ס'איז אַ פאַלשע זאַך, אָבער ס'איז פּאָרט עפּעס מער און בעסער, ווי גאָרנישט צו האָבן — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

ערשט אַכט טעג שפּעטער, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שבעה־זיצן, איז איר טאַקע צונויף געקומען דאָס שטיקל פּאַפּיר... זי האָט עס אים טאַקע אַריינגעלייגט אין דעם בריוו און צוגעשריבן, אַז דאָס הענטעלע האָט זי אָראָפּגעצייכנט פון קינד, ווען דאָס קינד איז געשלאָפן... און מיט אַ געפיל, ווי עמעצער רוקט אַריין איינעם אַ פאַלשע אַסיגנאַציע און פילט זיך שולדיק, כאָטש ער האָט די

פּאַלשע אַסיגנאַציעס נישט געמאַכט, מיט וואָס געמיין האָט זי אַט דאָס פּאַפּירל מיטן פויסטל פון טויטן קינד אין בריוו אַריינגעלייגט. אַחוץ אַנדערע זאַכן, וואָס זי האָט געשריבן, איז געווען וועגן קינד געשריבן:

„דאָס ליבע קינד אונזערס, דאָס חיות גייט עס אויס... אַז מ׳עפנט נאָר אַ טיר, ציט עס זיך צו דער טיר מיט די הענטעלעך און מיטן קעפּעלע, און אַז ס׳זעט, אַז ס׳איז אריינגעקומען עמעץ אַנדערש און נישט דער טאַטע, צעוויינט עס זיך״...

אַ מאָדנע געשיכטע

(וואָס אַ לאָנדאָנער ייִד, וואָס האַנדלט מיט אַלטוואַרג,
האָט מיר דערציילט)

איינמאָל איז אַריינגעקומען צו מיר אַ הויכע, שלאַנקע פֿרוי און מיך פֿאַרבעטן, איך זאָל גיין מיט איר צו איר אַהיים. זי האָט מיר אַ סעט מעבל צו פֿאַרקויפֿן.

די דאַמע האָט זיך געפֿונען אין איינע פֿון די פֿאַרוואָרפֿנסטע אַריסטאָקראַטישע געגנטן, הינטער דער שטאָט, וואָס זעט אויס ווי אַ באַזונדער וועלטל... פּריוואַטע הייזער און ביימער, ביימער און הייזער, און ס'איז שווער זיך צו פֿונאַנדערקלייבן, צי האָט מען די הייזער אַריינגעבויט צווישן די ביימער, צי האָט מען אָט די ביימער אַריינגעזעצט צווישן די הייזער... און עס דערמאָנט עפּעס אָן אַ דאָרף מיט דער אידילישער שטילקייט און מיט דעם ווי די הייזער שטייען אָפּגעטראָטן איינס פֿון דאָס אַנדערע, אַרומגעפּאַרקנט, אָפּגעצוימט הויז פֿון הויז, ביימער פֿון ביימער. אָבער וואָס פֿאַר אַ הייזער, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשידנאַרטיקע אַרכיטעקטור, וויפֿל פֿאַנטאַזיע, וויפֿל איינפֿאַל עס ליגט אין יעדן הויז! אַ פֿאַנטאַסטיש דאָרף... אַ דאָרף, וואָס האָט באַקעמפֿט די נאַטור, די ערד. אָפּגעאַרבעט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל ביי איר, און זי טוט שוין איר אַרבעט אַליין פֿון זיך, און ס'איז יום-טוב, אַ שטענדיקער יום-טוב!

די פּריצה האָט מיר אויפֿגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און

צו מיין גרויס פאַרווונדערונג, מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל אָנטון דאָס היטל, ווייסנדיק, אַז נאָך דער יידישער רעליגיע איז פאַרבאָטן צו שטיין אָן אַ היטל (קענטיק, מיך אָנגענומען פאַר אַ רעליגיעזן ייד). זי האָט געשמייכלט, די פּריצה: יאָ, איך קאָן אָנטון דאָס היטל, זי וועט עס פאַר זיך נישט רעכענען פאַר קיין באַליידיקונג.

זי האָט מיך אַראָפּגעפירט אונטן, אין אַ גרויסן קעלער, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אויבן, ווי דאָס גאַנצע פאַרנעם פון הויז. זי איז געגאַנגען פאָרויס, געשפּאַנט טרעפּ־אַראָפּ, טרעפּל נאָך טרעפּל, אָנגעהאַלטן מיט אַ האַנט פון הינטן דאָס קלייד מיטן לאַנגן שלעפּ. און נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַראָפּצוגיין פון די לעצטע טרעפּ, איז שוין דער קעלער געווען באַגאָסן מיט אַן עלעקטרישן שיין, און דאָ האָב איך צווישן גרויסן אַרכיוו פון שטובּיקע זאַכן, וואָס איז אומ־מעגלעך און איבעריק אויסצורעכענען, דערזען אַ „סעט" מעבל אין פולער אָרדענונג, ווי עס וואָלט געשטאַנען אויבן אין „פּאַרלאָר־רום", און אונטן איז געלעגן אַ פּערסישער דיוואַן, און אַלץ איז געווען אַזוי ריין. קענטיק, אַז מען פּאַסט דאָ אויף דעם אויף. אין אַ ווײַלע אַרום בין איך נאָך מער איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק אויפן וואַנט אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגן מענטש מיט שטריכן פון אַן עכטן אַנגלאָ־זאַקס, און אויף זיין גאַנצן אויסזען איז געווען צו דערקענען, אַז דער אָריגינאַל באַלאַנגט צום אַדל. ווער ווייסט, אפשר גאָר נאָך אַ טיטולירטער לאָרד. דער פּאָרטרעט איז געווען געמאָלן אין אייל־פאַרבן פון אַ גענִיטן און זיכערן פּענזל פון אַ גרויסן קינסטלער. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּאָרטרעט לעבט, קוקט אַראָפּ מיט שווייגעניש און מיט שטילקייט און מיט עכטער און פאַר זיך אַליין אָפּגעשאַצטער ווירדע פון זיין מענטשלעכן אינדיווידואום.

באַמערקט, אַז איך קוק אויפן פּאָרטרעט, האָט מיין פּריצה אַ שמייכל געטון און זיך אַוועקגעזעצט און מיך פאַרבעטן זיצן, און מיר דערציילט אירס אַ שטיק לעבנס־געשיכטע, וואָס איז כדאי, איר זאָלט עס פאַרשרייבן און דאָס אָפּדרוקן, הגם דאָס האָט צו טון מיט אַ קריסטין. איך מיין אָבער, אַז אַזאַ זאַך איז אוניווערסאַל און ס'וועט זיין אינטערעסאַנט דעם יידישן לעזער.

זי האָט מיר דערציילט, אַז דער פּאָרטרעט איז פונם ערשטן מאַן אירן, און אַז זי האָט אים געמוזט אַראָפּטראָגן אַהערצו, אין קעלער ווייל אַזוי איז געווען דער ווילן און שטרענגער פאַרזאָג פון

איר צווייטן מאַן, צו וועמען זי איז איצט פֿאַרהייראַט. אָט די צוויי מאַנען האָבן זיך געקאָנט פֿריער, זענען געווען חברים און די בעסטע פֿריינט. ביידע האָבן זי ליב געהאַט פֿאַר דער חתונה. זי האָט ביידן געליבט, און ביידע מענער האָבן באַשלאָסן אינגאַנצן איבערצוגעבן דעם גורל זייערן צו איר אין די הענט אַריין. וועמען פֿון זיי זי וועט אויסקלייבן, אַזוי וועט עס בלייבן, און זי האָט אויסגעקליבן אָט דעם, וועמענס פּאָרטרעט איך זע דאָ. פֿאַרוואָס האָט זי אויסגעקליבן דעם, און נישט יענעם? עפּעס אַזוי האָט זיך איר געדאַכט, אַז דעם האָט זי מער ליב, ווי יענעם, דעם איצטיקן מאַן אירן. יענער האָט אָפּגעטראָטן, פֿאַרשוווּנדן פֿון זייער האָריזאָנט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם, וועמענס פּאָרטרעט איך זע דאָ פֿאַר זיך. אָפּגעלעבט עפּעס אַ קאַרג יאָר מיט אים, האָט עס זי אָנגעהויבן ציִען צו יענעם, עס הייסט צו דעם, וואָס איז איצט איר מאַן, און עס האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט אין איר אויסוואַל; ס'האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז ליב געהאַט שטאַרקער האָט זי נאָר יענעם, וועמען זי האָט אָפּגעשטויסן פֿון זיך. און פֿון טאָג צו טאָג, פֿון וואָך צו וואָך האָט עס איר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געצויגן צו יענעם, צום פֿון איר פֿאַרשטויסענעם, ביז זי האָט עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז אים זען און זאָגן וועגן דעם טעות, וואָס זי האָט געמאַכט. יענער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זי נאָך אַלץ געליבט, און ער איז געווען זייער גליקלעך, וואָס ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט איר. און אַזוי האָט עס אָפּגעהאַלטן עטלעכע מאָנאַטן. זיי פֿלעגן זיך כּמעט אַלע טאָג זען, און דער מאַן האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פֿאַרדעכטיקן, ביז די זאַך איז גאָר פּלוצלינג און אומדערוואַרטעט אַרויסגעשווומען. דאָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַרנדיק מיט יענעם, מיטן געליבטן, אין זיין אויטאָמאָביל, און אויף איינעם אַ פּלאַץ, וווּ מ'האָט באַקומען אַ סיגנאַל צו בלייבן שטיין, האָט זי צו איר גרויסער איבעראַשונג אין אַ פֿענסטער פֿון אַ צווייטער מאַשין, וואָס איז געשטאַנען פּאַראַלעל מיט דער מאַשין, אין וועלכער זי איז געפֿאָרן, האָט זי דערזען דער מאַן אירן, און ער זי. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר גלייך אַרויסגענומען אַ וויזיט-קאַרטל און עפּעס פֿלינק געגעבן אַ שרייב אָן און איבערגעגעבן דעם מאַן, וואָס איז מיט איר געזעסן. זי האָט גלייך איבערגעלייענט דאָס אָנגעשרי-

בּענע, און דאָס איז געווען אַן אַרויסרוף אויף אַ דועל — אָנגעוויזן דעם טאָג, די שעה און דאָס אָרט.

אויף מאָרגן האָבן ביידע דועלירט, און עס איז געפאַלן אין קאַמף דער מאַן אירער, אָט ווען איך זע דאָ אויפן פּאָרטרעט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט יענעם, מיטן צווייטן, מיט דעם, וואָס האָט דעם ערלעכן קאַמף געוווּנען. דער האָט גלייך באַפוילן אַראָפּצונעמען דאָס בילד פון וואַנט, וואָס איז געהאָנגען צוזאַמען מיט איר בילד. און אין דעם מאָמענט, וואָס די הויז-באַדינער האָבן אָט דאָס בילד פון וואַנט אַראָפּגענומען, האָט זי גלייך דערשפּירט, אַז עפּעס איז דאָ ווידער מיט איר געשען. זי האָט געפּילט, אַז עפּעס אַן אומעט האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע וועזן אירס, און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, ווען זי האָט קלאָר דערשפּירט, אַז דאָס רעדל האָט זיך שוין צוריק אַ דריי געטון, האָט זי אַליין אַרויסגעגעבן אַ פּאַראָרדנונג, אַז מען זאָל דאָס מעבל פון דעם צימער אויך באַזייטיקן. דער מאַן איז געווען איינשטימיק מיט איר, און מ'האָט אַלץ אַראָפּגעטראָגן אין קעלער אַריין...

אַ פּאָר חדשים האָט זי זיך געפּילט גאַנץ גליקלעך מיט איר נייעם מאַן און אַלטן געליבטן. שפּעטער-צו האָט עס זי אָנגעהויבן צוריקציִען צו יענעם, צום ערשטן. פריער האָט זי געמיינט, אַז דאָס טוט איר גלאַט באַנג דאָס יונגע לעבן זיינס, וואָס ער האָט איבער איר פאַרלאָרן. שפּעטער אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס איז עפּעס מער ווי דאָס, און זי האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אָפטע וויזיטן דעם פּאָרטרעט זיינעם. און אַדאַנק דעם, וואָס זי איז געוואָרן אַן אָפטע באַזוכערין דאָרט, האָט זי געגעבן אַ פאַראָרדנונג צו די הויז-באַדינער, אַז עס זאָל דאָרטן אונטן אויסגעשטעלט ווערן דאָס מעבל פונקט אין דער זעלבער אָרדנונג, ווי עס געשטאַנען אויבן. און אַזוי צו-ביסלעך האָט זיך איר ווידער אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז ליב געהאַט האָט זי טאַקע נאָר דעם ערשטן מאַן אירן, און אַז עס איז גאָר אינגאַנצן אַ טעות, וואָס זי האָט פריער געמיינט, אַז זי האָט ליב דעם צווייטן.

און די פּריצה האָט זיך פאַר מיר אָפנהאַרציק מודה געווען, אַז ווען דער ערשטער וואָלט געלעבט, וואָלט זי זיך צוריק צו אים אומגעקערט.

— איז מיט וואָס קאָן איך אָבער דינען דער פּריצה-לעבן? — האָב איך בײַ איר געפֿרעגט.

זי האָט מיר אויף מײַן פֿראַגע נישט געענטפֿערט גלײַך, נאָר מיט אַ טרויערדיקן טאָן דערציילט, אַז עס איז געקומען די צײַט, ווען זי מוז זיך פֿון דער אילוזיע, וואָס זי האָט פֿאַר זיך געשאַפֿן אין קעלער, אָפּזאָגן; אַז עמעצער פֿון די באַדינער האָט, קענטיק, איבערגעגעבן דעם מאַן אירן וועגן דער גאַנצער געשיכטע, און דער מאַן האָט זי אָנגעהויבן נאָכצושפּיאָנירן, און זי האָט באַשלאָסן „אַרויסצומופֿן" די אילוזיע אירע פֿון קעלער אַרויס.

— פֿאַרקויפֿן, הייסט עס?

ניין, נישט פֿאַרקויפֿן. זי קאָן דאָס נישט פֿאַרקויפֿן. דאָס איז בײַ איר דאָס טײַערסטע אין דער וועלט. ס'איז גאָרנישטאָ אַזאַ פּרײַז, וואָס זאָל עס קאָנען בײַ איר אָפּקויפֿן.

— טאָ וואָס פֿאָרט קאָן איך טון פֿאַר דער פּריצה-לעבן?

זי האָט אַ װײַלע פֿאַרטראַכט געקוקט אויף מיר און געזאָגט, אַז זי וויל, איך זאָל דאָס מעבל אַריבערנעמען צו זיך און איך זאָל פֿאַר דעם אָפּגעבן בײַ מיר אין שטוב אַ באַזונדער צימער, פֿאַר וועלכן זי וועט מיר צאָלן אַ שיינעם רענט, און זי וועט קומען, ווען זי וועט קענען, און אָפּזיצן בײַ מיר אין שטוב, בײַ איר אין צימער, אַ שעה אָדער צוויי, אַזויפֿיל וויפֿל זי וועט קאָנען זיצן...

איך האָב מיר פֿאַרטראַכט, צי איך זאָל עס טון, צי נישט. אָט די געהיימע ראַנדעוווס פֿון דער אַריסטאָקראַטישער דאַמע מיטן פּאָרטרעט פֿון איר טויטן מאַן בײַ מיר אין שטוב, האָט מיך עפּעס אָפּגעהאַלטן, און איך האָב קיין חשק נישט געהאַט אָפּצוגעבן איר בײַ מיר אין הויז אַ צימער... אָבער אָפּזאָגן זיך פֿון דעם געשעפֿט האָב איך נישט געקאָנט, זי האָט מיר אָנגעבאָטן זייער אַ גוטן פּרײַז, און דערצו האָב איך גענומען אין באַטראַכט, אַז די איבעריקע צײַט, דאָס הייסט, אַלע צוויי און דרײַ און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת, בלײַבט דאָך דאָס צימער פֿאַר מיר, טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט טון?

איך האָב אַריבערגעפֿירט דאָס מעבל מיט אַלע דיוואַנעס און פֿאַרשידענע זאַכן מיטן פּאָרטרעט צו זיך. און אַ חוץ דעם, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פֿון דעם צימער ביז אַ ברעקל פֿון מײַן ווירטשאַפֿט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, האָט זי מיר נאָך געגעבן אַ מוס-

טער פון שפּאַליער, מיט וועלכן איך האָב געדאַרפט אויסקלעפּן די װענט.

די דאַמע איז געקומען אַלע טאָג. די צייט פון איר קומען און אַוועקגיין איז געווען צווישן דריי און זעקס אַזייגער בייטאָג. זי איז אַלעמאָל געקומען געדיכט געשלייערט. און די צייט, וואָס זי איז דאָרטן געזעסן, האָט מען פון איר קיין פּיפּס נישט געהערט, און פאַרבייגייענדיק די „סטאר״ מיינע, האָט זי מיך קיינמאָל נישט באַגריסט, נישט קומענדיק און נישט אַוועקגייענדיק. זי האָט זיך פאַרבייגעטראָגן ווי אַ שאָטן, פאַרקערפּערט אין אַ פרויען-געשטאַלט.

אָפּגעגאַנגען אַ חודש און צוויי און פּינקטלעך אָפּגעהיט די צייט פון קומען און אַוועקגיין, ביז אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו קומען, און אויס, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

ס׳איז שוין אַ יאָר אין דער געשיכטע, און דאָס צימער איז נאָך אַלץ געבליבן ביי מיר אין דער זעלבער אָרדנונג, גאָר נישט גערירט, מיטן פּאָרטרעט פון אומבאַקאַנטן מאַן אויף דער וואַנט, און איך האָב עס מורא צו רירן. כ׳ווייס, אפשר וועט זי נאָך קומען.

און ס׳איז ביי מיר ביז היינטיקן טאָג געבליבן אַזאַ געפיל, אַז עפּעס שטיי איך אויפן שוועל פון אַ גרויסער טראַגעדיע פון אַ מענטשלעכער נשמה, און וועל קיינמאָל נישט וויסן, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע פון מענטשלעכע ליידן ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי מיר אין שטוב, אונטער מיין נאָז. און אויס טיפער ערפורכט צו דער טראַגעדיע, האָב איך קיין מוט נישט זיך צוצורירן און ענדערן אין דעם צימער. און דער פּאָרטרעט פון פרעמדן מאַן, וועמען איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען, קוקט אַראָפּ אויף מיר מיט אַזעלכע קלוגע אויגן, פול מיט לעבן און מיט זעלבסטווירדע פון זיין מענטשלעכן אינדיווידואום, מיט אַן אויסדרוק פון אַזעלכן, ווי ער וואָלט געזאָגט צו מיר:

— טשעפּע מיך נישט... אָט לאָז מיר דאָ ביי דיר אַזוי הענגען, לאָז מיר דאָ אין דער אַטמאָספערע, וווּ ס׳איז געזעסן און מיך אָנגעקוקט, אָט די פאַרשווונדענע פרוי.

און איך קאָן נישט, איך קאָן אים טאַקע פון אָרט נישט רירן, כאָטש איך ווייס, אַז איך וועל גאָרנישט קריגן דערפאַר, וואָס איך לאָז אים הענגען אויף דער וואַנט און קוקן, ווי איך האָב

געקראָגן בײַ דער דאַמע פֿאַר אירע וויזיטן בײַ אים דאָרטן; איך וואַרט אויף עפּעס אַ נס, אַז דער פּאָרטרעט זאָל פֿאַרשווינדן ווערן פֿון דער וואַנט, ווי די דאַמע איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. און אַזוי לאַנג ווי „ער" וועט עס נישט טון, אַזוי לאַנג וועל איך זיך האַלטן מיט אַן אומזיכטיקן טויטן „באַרדער" אויף דער וואַנט... וואָס זאָל איך טון? איך קאָן נישט...

אונטער דער ערד

אין דער גרויסער פוסטקייט פון ליידיקן וואַגאָן און ליידיקע ערטער זענען געזעסן צעוואָרפן אַ פּאָר געציילטע מענטשן. איינער האָט פון זיך און פון זיין זיצן אָפּגעצויגן די פיס אויף אַ צווייטן אָרט, וואָס איז געווען ליידיק, און האָט געכאַפּט אַ דרעמל. אַ צווייטער איז געזעסן און האָט געקוקט אין פענסטער. אַ דריטער האָט ברייט געגענעצט, און נאָך אַ פּאָר מענטשן זענען געזעסן געזונקען אין אומעט פון שפּעטער נאַכט-שעה, געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער דער גרויסקייט און איבער דער פוסטקייט פון וואַגאָן, געקוקט אויף די אַנאָנסן און זיי נישט געלייענט, און צווישן אַלעמען און באַזונדער איז געזעסן אַ יונגע פרוי, פאַרשטעקט די אויגן אין אַ טיכעלע אַריין און שטיל געוויינט...

די סאָבוויי איז געלאָפן מיט פענסטער און מיט ליכט אין אונטערערדישער נאַכט, און ס'האָט זיך געהערט דאָס קיילעכדיקע געלויף פון די אייזערנע רעדער אויף אייזן; האַרטע שטיינערנע ווענט זענען געלאָפן אויף צוריק, אַ בליץ געטון ווי-נישט-ווו מיט אַ גרינעם בליק און ווייטער געלאָפן בלינד, געדיכט און מיט שטיינערנער האַרטקייט, ווי צעטומלט און צעשראָקן פאַר רעש און ליכט, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער ערד, און שטערן די אייביקע פינסטערניש פון אונטערערדישן איינגעווייד.

ווי אין בייטאָגיקער נאַכט, אַזוי האָט זיך אין דער נאַכטיקער נאַכט געשטעלט די סאָבוויי אויף יעדער סטאַנציע; עס האָבן זיך

צעעפנט די טירן און פאַרמאַכט, אַ מענטש איז אַראָפ, אַ מענטש איז אַרויף, און די וואָס זענען געזעסן, האָבן עס געזען און נישט באַמערקט; פאַר זיי איז דער פריש-אַרויפגעקומענער מענטש געווען דער זעלבער וואָס דער, וועלכער איז איינצייטיק מיט דעם אַריינגעקומענעם אַרויס, און ווי די טירן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן האָט מען גלייך פאַרגעסן, אַז ס'איז עמעצער אַריין און אַרויס, און דער נייער פאַרשווין איז גלייך ביים אַריינקומען שוין געזעסן מיט אַזאַ באַקוועמלעכקייט און היימישקייט, ווי די איבעריקע, וואָס זענען אַרויפגעקומען פאַר אים... אויף יעדער סטאַנציע האָבן גערעדט מיט ווערטער און אויפן קול צוויי טרובקעס, איינע מיטן לאָך צהין און אַ צווייטע מיטן לאָך אַהער. ס'האָט זיך זעלטן ווער געגויטיקט די ווערטער צו הערן, און מ'האָט זיי טאַקע נישט געהערט, פונקט ווי מ'האָט נישט געזען דאָס, וואָס מען זעט. און דעם, וואָס ס'האָט געכאַפט אַ דרעמל, האָט זיך אין זיין דרעמלדיקן צושטאַנד געדאַכט, אַז עפעס רעדט און זאָגט: „פעטערוט, רעטו, רעטו, פעטערוט!"

און פונקט ווי ס'איז אין געוויסע שעהן בייטאָג אַ רחמנות אויף די מענטשן, וואָס שטיקן זיך אין ענגשאַפט, אַזוי איז געווען אַ רחמנות אויף די עטלעכע געציילטע מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אין דער שפעטער נאַכטיקער שעה אין אַ גרויסן, ליידיקן וואַגאָן. דאָרטן זעען זיי זיך נישט אָן פון צופיל מענטשן און ענגשאַפט, און דאָ ווייל זיי זענען געווען ווייניק, זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פוסטקייט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען דאָ ווייניקער, וויפל זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט געווען. עס האָט זיך געשפירט אַן אומעט פון דער איינזאַמקייט און פון דער רעשיקער און איבעריקער ליכט, וואָס האָט באַלויכטן די גרויסע וואַגאָן-פוסקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בלענדענדיקע ליכט האָט זיך ווי אַ ליכטיקע קללה אַריינגעריסן אין דער נאַכט אַריין, כדי צו צעשטערן מענטשן זייער רו און שלאָף.

איין מענטש איז אַראָפ, אַ צווייטער אַרויף, און אין וואַגאָן האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דורכויס איז אַלעמאָל געווען צו באַמערקן, ווי איינער האָט געדרימלט און אַ צווייטער האָט געגעגעצט, און אַזוי די איבעריקע, וואָס זענען דאָ געזעסן פאַר זיי. נאָר די איינע, די יונגע פרוי, האָט פאָרטגעזעצט אַ לאַנגן אומענדלעכן וועג, געהאַלטן דאָס טיכעלע ביי די אויגן און אַרומגערייזט דעם גאַנצן

אונטערגרונט, ווי גרויס ער איז, פון איין עק ביזן אַנדערן און ווידער צוריק. די יונגע פרוי האָט שטיל אַריינגעגענעצט אין טיכעלע אַריין און אויסגעדרעמלט אַ שטיל געוויין, און ס'האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט...

2

אין דער אינטערבאָראָ, וואָס לויפט פון בראָנקס קיין ברוקלין איז אין איינעם אַ וואַגאָן געשטאַנען איינער און אָן אויפהער געאַרבעט מיט די הענט, אַרויסגעוואָרפן פאַרשידענע זשעסטן, ווי אַ דיריזשאָר, וואָס דיריזשירט אַן אָרקעסטער מוזיק, און אַמאָל האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַטלעטישע קונצן, און גלאַט אַזוי זיך געאַרבעט מיט די הענט, מיט די פיס און מיטן גאַנצן קערפּער. דער יונגערמאַן איז נישט געווען אַזוי אָרעם אָנגעטון ווי נאַכלעסיק: דאָס העמד האָט אים אַרויסגעקוקט פון צווישן וועסט און הויזן. די הוט איז נישט געזעסן אויפן ריכטיקן פּלאַץ, און אונטן האָבן די הויזן צוגעדעקט די שיך, פון וועלכע ס'האָט זיך אָנגעזען נאָר די נעזער זייערע. אָן דעם הולך זיינעם און די קונצן, וואָס ער האָט געמאַכט, האָבן גלייך די אַלע, וואָס זענען דאָרט געזעסן (נישט קיין גרויסע צאָל) אין אים דערקענט אַ צעדרייטן און אַלע האָבן אַריינגעקוקט מיט עכטער צופרידנקייט און פאַרגעניגן פון דעם אומגליקלעכן פּאַיאַץ, ווי חכמים געקוקט אויף אים מיט ברייטע צעעפנטע אויגן און נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, און איינס אויף דאָס אַנדערע האָט מען געקוקט מיט בליקן אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט איינער דעם אַנדערן, אַז איך און דו זענען מיר, אַז דער פּאַרשוין איז אַ צעדרייטער און מיר זענען חכמים, וואָס מיר זיצן שטיל און רואיק, און טוען נישט דאָס, וואָס ער. און מען האָט געקוקט, נישט מיד געוואָרן קוקנדיק אויפן פּאַרשוין, כאָטש יענער האָט אַלץ געמאַכט איינע און דיזעלבע זשעסטן. ער האָט זיך געדרייט. געשפּאַנט הין און צוריק און אָן אויפהער זשעסטיקולירט אינדערלופט צו די ווענט. און מיט אַזויפיל גוטמוטיקייט אויפן פּנים און מיט אַזאַ טיפן ערנסט אין די אויגן, און דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַזאַ סימפּאַטישער, אַזאַ ווייכער, אַזאַ ליבלעכער און געמיטלעכער, און זיינע אויגן האָבן גע-

גלאַנצט מיט חכמה פֿון לעבן און פּאַרטיפּטקייט אין זיינע ענינים. ער איז זיך געווען פֿאַר זיך אינגאַנצן און פֿאַר זיך ערנסט און טיף אַריינגעאַרבעט אין דער אַרבעט זיינער, ווי איינער אַליין, ווי קיינער וואָלט מיט אים נישט געווען דאָ; אַליין ביי זיך, אַליין בעל-הבית איבערן גאַנצן וואַגאָן.

ס'האָט אַ שכן מיט אַ שכן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט ווערטער וועגן אים, מיט נאַרישער צופֿרידנקייט גערעדט, זייער מבינות וועגן דעם צעדרייטן בחורל אַרויסגעזאָגט, און קוקנדיק אויף די אַלע פֿאַרשווינען און אויף אים, אויף דעם בחור, האָט זיך געדוכט, אַז די אידיאָטן זענען זיי, אָט די קעפּ מיט די אויגן-קוקערס און מיט ליפּן, וואָס הערן נישט אויף צו שמייכלען, אַז אַלע צוזאַמען זענען זיי אַ קאָמפּאַניע אידיאָטן, און דער איינציקער חכם איז דער, וואָס טוט זיך זיינע אַ געוויסנהאַפֿטע אַרבעט, וואָס איז אינגאַנצן פֿאַרטון אין זיך און האָט מיט קיינעם קיין עסק נישט.

3

די לעצטע ענגשאַפֿט, איין וואַגאָן ווי דער צווייטער, אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. יעדער איינער פֿאַרנעמט אַזויפֿיל און נישט מער פּלאַץ ווי די טריט פֿון זיינע פֿיס פֿאַרנעמען. מ'שטייט איינער צום צווייטן פּנים צו פּנים, פּנים צו פּלייצע און פּלייצע צו פּלייצע. מ'שטייט, מ'הענגט און מ'זיצט. אַ וואַגאָן מיט קעפּ און מיט פּנימער, ווייטער גיסט זיך אַלץ צוזאַמען, און ס'דאַכט זיך, אַז הינטן איז מער קיין חילוק נישטאָ פֿון איינעם צום צווייטן, אַז אַלע זענען איינער, און איינער איז אַלע; פֿאַרשיידענע ריחות טראָגן זיך פֿון מיילער, איינער דעם צווייטן בלאָזט אַריין דעם אָטעם זיינעם גלייך אין פּנים אַריין, אָדער בלאָזט אים הינטערן אויער.

די סאָבוויי לויפֿט, שניידט זיך אין אונטערערדישן חלל אין שטענדיקער נאַכט און אין טאָפּלטער פֿינסטערניש; דער גאַנג אירער און דאָס קלאַפּן פֿון די רעדער ווערט פֿאַרטויבט און צוזאַמענגעמישט מיטן רעש און טומל פֿון מענטשן אינעווייניק; אַלץ מישט זיך צוזאַמען און ס'איז נישט פֿונאַנדערצעצנעמען, וועלכער טומל ס'גייט פֿון די מענטשן און וועלכער פֿון דעם געלויף פֿון שטאָל און אייזן, און

צענדליקער לעמפלעך באַלויכטן מיט ליכטיקן רעש זייערע קעפּ און פּנימער, און צייטנווייז דערמאָנט עס, ווי יום־כּפּור צו כּל־נדרי אין אַ גרויסשטאָטישער שול... א יום־טובדיק געמיט פון פיל ליכט און פיל מענטשן.

פלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ געהערט אַ גערודער און אַ געדראַנג, און ס'איז געוואָרן טומלדיק, און אין איין מינוט האָט מען זיך פון איין עק וואַגאָן ביזן צווייטן דערוווּסט, אַז אַ מיידל האָט צראָפּגעלאָזט אַ בחור אַ פּאַטש, און גלייך מיטן דערוויסן זיך, האָט זיך יעדער איינער אָנגעשטויסן, פאַרוואָס דאָס איז געשען, און ס'איז געוואָרן אַ ברויזנדיקער פּיקאַנטער טומל... איין אומבאַקאַנטער בחור האָט זיך צום צווייטן געלאָזט באַקענען מיט אַ בליק פון די אויגן, מיט שמייכעלעך, מיט צוהוסטן און מיט האַלבע, נישט־דערזאָגטע ווערטער וועגן עפּעס, וועגן גאָרנישט, און דאָס האָט געמיינט וועגן דעם געשעענעם, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ טויש פון ערטער, מ'האָט זיך גערוקט און געקייקלט פון אָרט און פון שטיין, יעדער איינער (געוויינלעך פון יונגוואַרג) האָט זיך געריסן מקבל פּנים זיין דער פּאַטשערין און דעם געפּאַטשטן, און קוקנדיק אויף זיי ביידן, איז אויף קיינעם פון זיי נישט געווען צו דערקענען, אַז זיי זאָלן זיך האָבן געפילט אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע. ס'איז נישט געווען צו דערקענען אויף אים קיין פאַרדרוס פאַרן פּאַטש, וואָס ער האָט אַרייַנגעכאַפּט פון דעם מיידל, און אויף איר איז נישט געווען צו דערקענען, אַז זי זאָל האָבן פאַרדרוס אויף אים... ס'איז פאַר זיי ביידע פאַרשטענדלעך געווען, ווי פאַר אַלע איבעריקע, די גאַנצע נאַטירלעכקייט פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויסנוצן די ענגשאַפט... און זי, אַלס אַ „זי״, האָט באַדאַרפט זיך ווערן אַנטקעגן דעם, וואָס אַן אומבאַקאַנטער האָט זי אויף אַזאַ אופן געוואָלט אויסנוצן...

ס'האָט זיך געפילדערט, חברה־לייט האָבן געשריען און געטרוימייטערט אין די פויסטן אַריין פאַר זיך, פאַר אַ צווייטן און פאַר אַלעמען. און איינער האָט זיך געבריהט נאָכצורעדן און נאָכצוקרימען מיטן קול פון די טרובעס, ווי די טרובעס פון אויבן רעדן: — וואָטש די דאָאָר! וואָטש די דאָאָר!

וואָס איז דאָס געווען?

אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר האָט מיין שוויגער געשפּילט אַ קידער-ווידער-שפּיל מיט איר טאָכטער, מיט מיין ווייב, אַדאַנק דעם וואָס זי האָט מיך אויסדערווײלט פאַר איר מאַן און נישט געוואָלט נעמען דעם, וואָס טאַטע-מאַמע האָבן פאַר איר געוואָלט אויסדערוויילן. זינט אָבער די טאָכטער, מיין ווייב, איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט זי אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן זיך ווייזן. און הגם זי האָט פאַר דער טאָכטער גאָרנישט געטון, איז פונדעסטוועגן געווען צו דערקענען, אַז די שוויגער פילט זיך זייער גוט, אַז דאָס אַריינקומען אירס אַליין איז שוין אַ זאַך פאַר זיך.

און וואָס ס'איז אַוועק מער אַ וואָך, מער אַ חודש, אַלץ אָפטער האָט זי זיך געוויזן און וואָס ווייטער אַלץ לענגער ביי אונז פאַרבראַכט, הגם די טאָכטער האָט זיך אין איר נישט גענויטיקט, און ווי ס'איז שוין דערמאָנט געווען, האָט יענע גאָרנישט געטון. אדרבא, מיינע האָט נאָך געהאַט אַרבעט אַרום איר. אמת, זי איז געקומען אַלע מאָל אַן אָפּגעגעסענע, אָבער פון אַ גלאָז טיי מיט עפּעס צובייסן צו דער טיי האָט זי זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, און אַזוי ווי קיין דינסט האָבן מיר נישט געהאַט, האָט מיין ווייב אַליין געמוזט מאַכן די טיי און אַליין איר דערלאַנגען. און ווי צוליב דעם בלויז, כדי צו באַווייזן, אַז זי פאַרדינט זיך כשר די גלאָז טיי, האָט זי אַלעמאָל דערציילט איין און דעמזעלבן פזמון, אַז זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב, און אַז דער פאָטער ווייסט נישט דערפון, ווייל יענער

האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם רוגז אויף דער טאָכטער פאַר איר אויסוואַל, און מיך האָט עס אַזוי באַליידיקט, אַז מיר האָט זיך אַלע מאָל געגלוסט זאָגן:

— שוויגער, ווער שיקט נאָך אייך?

בכלל האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס באַגייסטערונג, וואָס די טאָכטער שוואַנגערט, ווייל זי, מיין שוויגער, האָט נאָך אַליין געפירט אַ יונג־ווייבלדיק אַרט לעבן... ס׳איז קענטיק געווען אָן איר, אַז דער פּרייז אירער ביים מאַן איז נאָך נישט געפאַלן... און זי אַליין האָט, קענטיק, געמיינט, אַז זי איז נאָך אַן „עיקר" פאַר זיך און דער עיקר־תּוך פאַרן מאַן. און, קענטיק, אַז דערפאַר אַליין איז זי נישט באַגייסטערט געווען פאַר דער טאָכטער, מיט דעם טאָכטערס טראָגן, וואָס זי גייט איר מאַכן פאַר אַ באָבע... און זי האָט זיך אַזוי מאָדנע געהאַלטן, ווי זי וואָלט זיך געטראַכט, אַז דו, טאָכטער, באַדאַרפסט זיך נישט שטאַרק איבערנעמען מיט דיין טראָגן און מיט דיין קליינבן זיך אין בעט אַריין. ערשט פאַר דריי יאָרן בין איך אין קימפּעט געלעגן.

אַמאָל האָט זי נאָך געטון אַ „טובה" און געבראַכט מיט זיך דאָס בן־זקונימל. נו־נו, האָט אָט דער חברהמאַן, מיין דריי־יעריק שוואָגערל, געגעבן קאַטשקע. ער האָט ממש איבערגעקערט די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. וויפל בענקלעך ס׳זענען געווען אין שטוב, האָט ער זיי איבערגעקערט. ווו ס׳איז ערגעץ געהאַנגען אַ האַנטוך און ווו ס׳איז ערגעץ געלעגן אַ טישטוך, איז דאָס אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן. און אַחוץ די אַלע שיינע מלאכות, וואָס דער אַרעסטאַנט האָט אָפּגעטון, האָט ער נאָך געהאַט אַ מין ליידנשאַפט צו שפּייען אין שפּיגל... איז מילא, וואָלט איך אים שוין דאָס אַלץ מוחל געווען, האָט ער אָבער נאָך געטון אַן ערגערע זאַך. ער פלעגט זיך אָפט געבן אַ כאַפּ אַרויף אויף מיין פרוי און האָט זי מיט אַלע זיינע כּוחות געטויטשעט מיט די קני, אַז ס׳איז מיר פּשוט דאָס האַרץ אַרויסגעפאַלן, ער זאָל עפּעס קיין אומגליק נישט אָנמאַכן...

— וואָס לאָזטו אים, אַ?... ער ווייסט דאָך נישט... ס׳אַ חכמה, מיינסטו? ער קאָן דיר געבן אַזאַ טויטש, אַז דו זאָלסט אים האָבן צו געדענקען — האָב איך זיך געבייזערט אויף מיינער.

און זי האָט געשמייכלט. קענטיק, אַז איר האָט הנאה געטון, וואָס איך באַוויז פאַר איר מאַמע אַזויפיל געטריישאַפט צו איר, און

האָט זיך ווייטער געלאָזט טויטשען פון אים. בין איך איינמאָל צוגעגאַנגען און געזאָגט צו אים, אין זינען האָבנדיק דאָס קינד, וואָס ביי איר, ביי מיינער, און אין זינען האָבנדיק, אַז דער שוואָגעריק איז צו דעם אַ פעטער:

— זאָג נאָר, „פעטער", אפשר וואָלסטו זיך מטריח גע[illegible]ן צו פאַרלאָזן די שוועסטער דיינער...

דער קליינער אָבער האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע: האָט ער זיך דערוווסט, אַז דו ווילסט נישט, ער זאָל טון דאָס, וואָס ער טוט, האָט ער אויף צו־להכעיס דאָס דוקא געוואָלט טון. און געזען, אַז איך וועל מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָב איך אים אָנגענומען ביי די הענט און פיס און אַריינגעטראַסקעט אין זאַך אַריין, אים צוגעטראָגן צום שפיגל און געטראַכט: „מיין כפרה, זאָל ער שוין בעסער שפייען אין שפיגל אַריין", און אַוועקגעזעצט אים ביי זיך אויפן אַקסל און צו אים געזאָגט:

— אַרבעט, חברהמאַן!

* *

*

איינמאָל און אַ צווייטן מאָל האָט ווער אָנגעקלאַפט אין טיר. און נישט געוואַרט אויף אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין, איז אַ יונגע פרוי (אָדער אַ מיידל) אַריינגעקומען מיט אַ היימיש שמייכעלע, ווי ס'קומט אַמאָל אַריין אַ באַקאַנטער צו באַקאַנטע, ווען דאָס איינציקע, וואָס איז אומבאַקאַנט ביי זיינע באַקאַנטע, איז די נייע דירה, ווו זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן, און מיך באַגריסט מיט אַזאַ באַגריסונג, ווי זי וואָלט געוווסט, ווער איך בין און ווי זי וואָלט געווען זיכער, אַז איך ווייס ווער זי איז. איך האָב מיר נאָר אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין אַן אַקושערקע, און איך האָב זי אַריינגעפירט. זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיינער, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אַן אָנגעטוענע אויפן פאַרבעטן בעט און גלייך גענומען זיך אויספרעגן ביי איר זאַכן, וואָס באַלאַנגען צו איר פראָפעסיע. מיינע האָט געענטפערט מיט בלאַסע „טראָגנדיקע" שמייכעלעך, און אויף וואָס מיינע האָט אַזוי גיך נישט געענטפערט, האָט די שוויגער פאַר איר געענטפערט, און עס האָט זיך באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז די מאַמע ווייסט מער וועגן דער טאָכטער, ווי די טאָכטער ווייסט וועגן זיך... און אין אירע ענטפערס,

וואָס זי האָט געענטפערט, האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ מין גרויס זיך מאַכן... ווי אַלץ, וואָס איז שייך צו דעם ענין, ווייסט זי אַליין מער ווי זיי ביידע, די טאָכטער מיט דער אַקושערקע צוזאַמען.

און איך אַליין בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל, צווישן עס-צימער און שלאָף-צימער. עס זאָל הייסן, אַז איך בין יאָ דאָ און נישט דאָ... אויב, הייסט עס, איך באַדאַרף דאָ זיין, בין איך דאָ. און אויב איך באַדאַרף דאָ נישט זיין, בין איך אַזוי גלייך ווי נישטאָ... און ס'האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים, הערנדיק ווי אַלץ ווערט אָנגערופן ביים נאָמען, און דאָ האָט זיך ביי מיר באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז „טראָגן" און האָבן זענען עפּעס צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן... פּונקט ווי פון איין זאַך שלאָגט זיך אָפּ צוויי שאָטנס ביי דער ליכט פון צוויי פייערן, אַזוי האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די איינע זאַך האָט זיך צעטיילט אויף צוויי... „טראָגן" איז איין זאַך און האָבן איז אַ צווייטע זאַך... די ערשטע זאַך איז דורכויס געווען אונזערע... אונזער אינטימע זאַך, מיינע און מיין ווייבס, נאָר מיר צוויי ווייסן דערפון און ס'איז אַזוי אָנגענעם געווען אָט דאָס, וואָס נאָר מיר ווייסן דערפון, און ווייטער קיינער נישט. ס'ליגט אין דער סודותדיקייט אַזויפיל פּראַכט און רייץ פון אינטימער באַציאונג צווישן אַ פאַרליבט פּאָרל, און אַזוי גלייך ווי איין מענטש און אַ צווייטער ווערט דערפון געוואָר, איז ווערט דאָס טיפע, שיינע געפיל פאַרפלאַכט.. אָבער דאָס ערגסטע קומט, ווען די אַקושערקע רעדט וועגן דער „זאַך" מיט אַזאַ וואָכעדיקייט, אויבערפלעכלעכקייט און קלאָרקייט, ווי עס קאָן נאָר רעדן אַ מענטש, וואָס קוקט אויף דעם גאַנצן עסק, ווי אויף אַ „פּראַקטיקע". און מערקווירדיק, וואָס מיט דער אַקושערקעס באַזוך בין איך עפּעס מער זיכערער געוואָרן אין דעם, וואָס איך בין פריער, אָן איר, אויך זיכער געווען... און געהאַט אַזאַ איינדרוק, אַז אָט ערשט הויבט זיך ערשט אָן, און אַז... דאָס לאַנג דערוואַרטעטע איז פאַר דיר געקומען גאָר אומדערוואַרטעט...

איז דאָס נישט מערקווירדיק, וואָס דאָס, וואָס דו האָסט חדשים-לאַנג דערוואַרט, אַז עס זאָל קומען, איז ווען ס'גייט קומען, דאַכט זיך דיר, אַז דאָס איז אומגעריכט. צי דו נעמסט עס אויף מיט פרייד, צי דו ביזט אומצופרידן, אַלץ איינס האָסטו דעם איינדרוק, אַז ביי דיר גייט זיין עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך און ס'פאַרכאַפּט אַזוי דיין גאַנץ וועזן, פּונקט ווי ס'וואָלט באמת געווען אַזעלכעס, וואָס

האָט נאָך בײַ קײנעם, זײַט די װעלט שטײט, נישט געטראָפֿן, נאָר דו ביסט דער ערשטער, װאָס האָט זיך דערטראַכט צו אַזאַ קונציקער זאַך...

און געװוּנדערט האָט מיך אױף מײנער, װאָס זי איז זיך אַזױ געלעגן און זיך אַזױ אױסגעהערט די רײד, װאָס די מאַמע און אַקו־שערקע רעדן װעגן איר, און אַלײן גערעדט װעגן זיך אָן אַ שפּור פֿון בושה, פּונקט װי ס'װאָלט זיך געהאַנדלט װעגן אַראָפּנעמען אַ מאָס פֿון איר, אױף אַ קלײד איר אױפּצוניײען...

װען די אַקושערקע האָט גענומען מײנער צו באַטראַכטן, האָב איך געכאַפּט דעם שװאָגעריק מײנעם, װאָס איז גראָד דאָ געװען (צו איר שבח, צו מײן שװיגערס, מוז געזאָגט װערן, אַז נישט אַלעמאָל האָט זי אים געבראַכט מיט זיך), אים אַ כאַפּ געטון בײַ אַ הענטל און אים מכבד געװען מיט הוצאה... װײל איך אַלײן האָב מיך געשעמט צו שטײן דאָ דערבײַ, און װײל איך האָב מיך געשעמט מיט מײן אַװעקגײן, איז מיר אײנגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, אַרױסצושלעפּן אָט דעם קלײנעם דרײַ־יאָריקן מאַנסביל, און דאָס האָט באַדאַרפֿט פֿאַרשטאַנען װערן, אַז דאָס האָב איך געמײנט אים אַרױסצושלעפּן, אַז ער זאָל דערבײַ נישט זײַן, און נישט געמײנט זיך, אַז איך זאָל נישט זײַן... דער קלײנער האָט אפֿילו קײן חשק נישט געהאַט אַװעק־צוגײן, נאָר איך האָב אים אײַנגערוימט אין אױערל אַרײַן:

— קום, װעסט שפּײַען אין שפּיגל אַרײַן!

דאָס האָט שױן דער קלײנער נישט געקאָנט בײַשטײן און האָט זיך געלאָזט גײן מיט מיר... איך האָב אפֿילו נישט געװאָלט האַלטן די הבטחה מײנע, נאָר דער קלײנער איז נישט אַזעלכער, מיט אים מוז מען האַלטן װאָרט, און ער האָט שױן מיך געשלעפּט צום שפּיגל און דוקא און נישט אַנדערש װי רײַטנדיק אױף מיר, אױף מײן האַלז און נאַקן געװאָלט זיצן און שפּײַען אין שפּיגל אַרײַן... און געשפּיגן האָט ער אױף מײן פּנים און אױף זײַנעם אַלץ אײנס, און האָט דערבײַ אַזױ געכיכיקעט, אַז ער איז שיער נישט צעפּלאַצט געװאָרן לאַכנדיק.

בײַם קלײנעם האָט זיך אָבער דאָס שפּײַ־מאַטעריאַל אױסגעלאָזט פֿיל פֿריער, װי ס'האָט גענומען דאָרטן צײַט די באַטראַכטעניש, און ער האָט זיך אָנגעהױבן צו רײַסן אַראָפּ פֿון מײנע אַקסל. איך האָב אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט און אים געהאַלטן אַזױ בײַ די הענטלעך

אינדערלופטן ווי אַט-אַט פליט ער אַליין אַריין אין שפּיגל אַריין. ער האָט אָנגעהויבן צו בריקען, אַז ער וויל אַ טרונק, האָב איך אים אַזוי אַריינגעטראָגן מיט זיין זיצן רייטנדיק אויף מיר אין קיך אַריין און האָב אים דאָרטן אָנגעגאָסן אַ גלאָז מילך און געהערט, ווי דער בחורעצל כליאָפּטשעט דאָרטן דעם מילכיקן געטראַנק איבער מיין קאָפּ.

ווען איך בין אַריינגעקומען צוריק אין זאַל, האָב איך געטראָפן דאָרטן שטיין די שוויגער און די אַקושערקע. די שוויגער האָט מיר גלייך אַ וויַיז געטון אויפן שפּיגל:

— וואָס איז דאָס, איך בעט דיך?

— דאָס איז אייער בן-זקונימל — האָב איך געענטפערט.

— איך זע דאָך, אַז ער זיצט ביי דיר אויף די אַקסל.

— נו, איז וואָס?

— ער וואָלט אָן דיר אַזוי הויך נישט געקאָנט דערלאַנגען.

— נו, איז וואָס? וואָלט ער געשפּיגן פון אונטן, וואָלט געווען בעסער?

די שוויגער האָט מיך אַ היבשע ווייַלע אָנגעקוקט און באַטראַכטנדיק דעם שפּיגל, וואָס איז פון אויבן ביז אַראָפּ געווען אָפּגעצויגן מיט נאַסע שנירלעך, האָט זי אַ זאָג געטון כהאי לישנא:

— ווי איך בין אַ יידיש קינד, אַז ס׳איז ביי דיר און ביי אים איין שכל... שוין געהערט אַזעלכעס, אַז דער שמדאַלניק שפּייט פון אונטן אין שפּיגל אַריין איז אים שלעכט, נאָר פון אויבן איז גוט.

די אַקושערקע האָט זיך אַנטקעגן דעם פאַרשפּיגעגעם שפּיגל גענומען ברענגען אין אָרדענונג דאָס אָנטון אויף זיך און דאָס היטעלע צום אַוועקגיין, און ס׳האָט מיך געשטיקט אַ געלעכטער ממש דערשטיקט צו ווערן, וואָס זי שפּיגלט זיך אין אַ פאַרשפּיגעגעם שפּיגל.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קליינעם חברהמאַן פון די אַקסלען, און ער איז אַזוי גלייך צוגעלאָפן צו דער אַקושערקע און געטון צו איר אַ פאַל צו איר פון פאָרנט מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענטלעך און זי געגעבן אַ שטויס אָפּ פון שפּיגל. די אַקושערקע, קענטיק געוווינט צו אַזעלכע זאַכן, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרדרוס. זי האָט אים נאָר אַ כאַפּ געטון און איבערגעגעבן אין דער שוויגערס רשות, און די שוויגער האָט אין אים אַריינגעטראַסקעט וויפל ס׳איז

נאָר אין אים אַריין און אים אַוועקגעטראַסקעט אין שלאָף-צימער אַריין.

— ס׳זעט אויס, אַז איר האָט זייער ליב קינדער — האָט די אַקושערקע געזאָגט צו מיר.

— אין וואָס זעט איר דאָס?

— אין וואָס? איינמאָל אין דעם, וואָס איר גיט אַזוי נאָך אייער שוואָגערל, און צווייטנס, וואָס איר האָט זיך פאַסטאַרעט צום יאָר... גאָרנישט קיין היינטוועלטיקער...

— דאַרפט איר דאָך זיין צופרידן..

— וואָס מיינט איר?

— ווען אַלע וואָלטן געווען „היינטוועלטיקע”, וואָלט איר דאָך קיין פּראַקטיקע נישט געהאַט...

ס׳איז מיר געווען דערווידער אָט דער גאַנצער שמועס... הגם איך האָב געוווּסט, אַז זי טוט עס נישט פון אויסגעלאַסנקייט, אַז אַדאַנק איר פּראָפעסיע קאָן זי זיך דערלויבן צו רעדן אַזעלכע זאַכן, וואָס אַן אַנדער פרוי קאָן זיך נישט דערלויבן...

געזען, אַז זי לאָזט זיך אַוועקגיין, בין איך באמת געווען צופרידן, וואָס איך ווער זי פּטור, און פון גרויס צופרידנקייט (פון איר אַוועקגיין) האָב איך ברייט געעפנט פאַר איר די טיר און זי אַרויסבאַגלייט מיט אַ שמייכעלע פון היינטוועלטיקער פאַלשקייט און היינטוועלטיקער געהויבליעוועטקייט:

— אַדיע, מאַדעמאַזעל (הגם נישט געוווּסט, וואָס זי איז: אַ פריילין, צי אַ דאַמע, אַלנפאַלס געוווּסט, אַז פאַר אַזאַ טעות ווערן דאַמען נישט ברוגז).

ווען איך בין אַריינגעקומען אין שלאָפצימער, האָט מיך מיין שוויגער באַגעגנט מיט אַזעלכע ווערטער:

— שוין! זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר! — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מיך מיינע געגומען אויפן צימבל:

— וואָס האָסטו דאָרטן געטון?

— ווי, ווען, וואָס מיינסטו?

— נאָך וואָס האָסטו אים אָנגערעדט, ער זאָל פאַרשפּייען דעם שפּיגל?

— אָנגערעדט? אַ שיינע מעשה, וואָס הייסט איך האָב אים אָנגערעדט?

— דו האָסט דאָך אים געהאַלטן אויף די אַקסל, דערציילט די מאַמע, און ער האָט געשפּיגן אין שפּיגל!

— יאָ, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, ער זאָל זיין דאָ.

דאָ איז די שוויגער אַריינגעפּאָרן:

— וואָס האָסטו מורא געהאַט? ער וועט ביי איר אויסכאַפּן?

דאָ, דערביי, נעבן דער שוועסטער און נעבן ד׳ער מוטער, איז געשטאַנען דער קליינער חברהמאַן און געביסן אַ שטיק ברויט מיט פּוטער... נאָך יעדן ביס, וואָס ער האָט געגעבן אַ בייס אָפּ מיט אַ רייס אָפּ, איז דאָס הענטל זיינס מיט דער שטיק ברויט אָפּגעפלויגן אָן אַ זייט, און ס׳זענען זיך צעפלויגן ברעקלעך און שטיקלעך ברויט מיט פּוטער אין אַלע זייטן, און איך האָב געהאַט אַן אַרבעט איטלעכס מאָל אָט די שטיקלעך און ברעקלעך צונויפקלייבן און שטיין און זיך האַלטן מיט זיי און וואַרטן, ביז וואַנען ער וועט נאָכאַמאָל צעוואַרפן און צעשפּריצן אַזעלכע ברעקלעך און שטיקלעך, און איך זאָל ווייטער צונויפקלייבן.

— שוין גאָרנישט, מאָל דיך, ווי דער טאַטע דיינער, — האָט די שוויגער געזאָגט צו מיינער, — דער טאַטע דיינער, מאָל דיך, האָט געמוזט שטיין ביים „האָבן” און מיך גלעטן... און ווישן דעם שווייס פון פּנים, און נישט אָפּגעטראָטן פון מיר, ביז איך בין בשלום אי־בערגעקומען...

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך וועל נישט שטיין ביים האָבן?
— האָב איך געזאָגט צו מיין שוויגער.

— יאָ, מ׳זעט שוין, מ׳דערקענט שוין... — האָט זי געזאָגט צו מיין פרוי — אַז די אַקושערקע באַטראַכט דיר דאָ, שטייט ער דאָרטן, האַלט בערעלען אויף די אַקסל און הייסט אים שפּייען אין שפּיגל אַריין...

און דאָ האָב איך זיך גענומען אַריינטראַכטן אין מיין שוויגער. געטראַכט, אַז אַ שוויגער איז ווירקלעך א מאָדנע באַשעפעניש... צי איז זי צופרידן צו האָבן מיך פאַר אַן איידעם, צי ניט; צי זעט זי ווירק־לעך איין, אַז איך בין נישט געטריי צו איר טאָכטער ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, האָט זי אַלנפאַלס אָט דעם מאמר נישט באַדאַרפט האַלטן... ס קאָן זיין, אַז מיינע אַליין וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז איך מוז דוקא שטיין דערביי און קוקן וואָס די אַקושערקע טוט. און ס׳קאָן אפילו זיין, אַז די שוויגער האָט דאָ קיין בייז נישט געמיינט, אַז זי

האָט בלויז געוואָלט באַווייזן, אַז כאָטש זי מיטן שווער האָבן נישט חתונה געהאַט פון קיין ליבע, איז פונדעסטוועגן אַזאַ געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. און דאָ, ביי אונז, כאָטש מיר האָבן חתונה געהאַט פון אַ ליבע, איז בין איך איר, מיין ווייב, נישט אַזוי געטריי און איבערגעגעבן ווי איר, דער שוויגער, איז דער שווער געטריי...

אין צוויי וואָכן אַרום איז זי ווידער געקומען, די אַקושערקע. איך האָב זי באַגעגנט מיט אַ „ברוך-הבא". איך האָב טאַקע געזאָגט אַזוי:

— ברוך-הבא!

דאָס מאָל בין איך שוין געשטאַנען און געקוקט, וואָס זי האָט מיינער געטון (אַ ברירה האָב איך געהאַט! הגם די שוויגער איז דאָס מאָל נישט געווען דערביי), און אַרויסגעטראָגן איר „דיאַגנאָז", אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, מיט אַזאַ צופרידנקייט, ווי דאָס וואָלט געווען אירע פאַרדינסטן, אָט דאָס, וואָס ביי איר, ביי מיינער, איז אַלץ אין אָרדנונג. זי האָט זיך מיט כאַפּעניש און איילעניש געכאַפּט און געאיילט אַוועקצוגיין — גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס אַוועקגיין אירס איז פונקט אַזוי וויכטיק, ווי איר קומען...

ווען זי האָט אָנגעטון דאָס היטעלע אַנטקעגן שפיגל, האָב איך געזאָגט צו איר:

— דעמאָלט האָט איר זיך געשפיגלט, אויב איר געדענקט, אין אַ פאַרשפיגענעם שפיגל... דאָס האָט באַדאַרפט מאַכן אויף אייך אַ שלעכטן איינדרוק. נישט אַזוי? יאָ, איך פאַרשטיי, קומסט דאָס ערשטע מאָל אין אַ שטוב אַריין און דו גייסט צו צום שפיגל און דערזעסט, ווי ער איז גאָר פאַרשפיגן...

איך האָב זי אַרויסבאַגלייט ווי אַן עכטער „דאַמען-שיצער", געהאַלטן אָפן די טיר ביז דער קאָפּ אירער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַראָפּנידערנדיק פון די טרעפּ אַראָפּ.

ווען איך בין אַריין אין שלאָפצימער, האָב איך דאָרטן מיין פרוי שוין נישט געטראָפן. איך האָב זי אָפּגעזוכט אין זאַל. ביים שפיגל איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף זיך. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און זיך צוגעמאָסטן צו איר און געשמייכלט.

— וואָס ביזטו אַזוי צופרידן? — האָט זי ביי מיר אַ פרעג געטון גאָר פּלוצים.

— וואָס הייסט מיט וואָס? מיט דיר און מיט... מיט...

— גוט, וואָס די מאַמע איז נישטאָ — האָט זיך עס עפּעס אַזוי ווי געגעבן אַ זאָג אַרויס פון איר.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— ווען די מאַמע וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי שוין געזאָגט, אַז דו ביזט פאַרליבט אין דער אַקושערקע.

— וואָס איך האָב זי אַרויסבאַגלייט, מיינסטו?

— ווען זי איז געווען דאָס ערשטע מאָל, האָט די זאַמע אויך געזאָגט, אַז דו האָסט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר.

— דיין מאַמע! ווען זי וואָלט געקאָנט אויסטראַכטן אויף מיר כ׳ווייס אַליין נישט וואָס, וואָלט זי דאָס געטון.

— טאָ צו וואָס טויג עס דיר?

— וואָס?

— דו ביזט נישט קיין קאַוואַליער פאַר איר, און זי איז פאַר דיר נישט קיין דאַמע... זי קומט — אַ גוטמאָרגן, גוט־יאָר...

— געפועלט — האָב איך געזאָגט.

— יעדע זאַך האָט זיך איר צייט, — האָט זי גערעדט אין שפּיגל אַריין... איך ווייס, אַז ס׳איז גאָרנישט, אָבער פאַר אַזאַ צייט איז דאָס קיין צייט נישט זיך נאַריש צו מאַכן.

זי האָט גערעדט אַזוי רואיק און געלאַסן, מיט אַזאַ שוואַכקייט אין טאָן, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אונז ביידן, נאָר וועגן צוויי באַזונדערע מענטשן, וואָס קערן זיך גאָרנישט אָן מיט אונז...

און אַזוי קעמענדיק און ברענגענדיק די האָר אין אָרדנונג, האָט זי אין עטלעכע מינוט אַרום, נאָך יענעם קורצן און שטיל־רואיקן מוסרל, געזאָגט:

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ „ברוך־הבא"?

נו, גיי דערצייל איר, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן אונטערן איינדרוק פון פאַרשידענע אַסאָציאַציעס... אַז דאָס איז נאָר אונטערן איינדרוק פון דער צייט, וואָס דערנענטערט זיך... געבורט פון קינד, אַ ברית, און „ברוך־הבא", ווען מ׳טראָגט אַריין דאָס קינד צו דער מילה... נישט אַלץ, וואָס מ׳טראַכט און מ׳פילט איז מעגלעך אַרויסצו-

געבן אין ווערטער, און בײַ מײַן בעסטן ווילן וואָלט איך עס נישט געקאָנט, ווײַל דאָס, וואָס ס׳איז אַזוי לאָגיש פאַרן געדאַנק, איז פאַרלירט אָפּט יעדן זין, ווען ס׳קומט אַרויף אויפן צונג...

אַ נס, וואָס די שוויגער איז אָנגעקומען, בין איך באַפרײַט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע... אַ הערצלעכן דאַנק איר, דער שוויגער!... דאָ האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז אַ שוויגער קאָן אויך אַמאָל נוצלעך זײַן, און דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב מיך באמת דערפרייט מיט איר, און פון גרויס גדולה האָב איך בײַ איר אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס האָט איר נישט געבראַכט בערעלען מיט זיך, פאַרוואָס?

מיט קאַרגע דרײַ וואָכן פריער האָט שוין מײַן שוויגער אָנגעהויבן צו נעכטיקן בײַ אונז. וואָלט עס געווען גאַנץ פײַן פון איר זײַט. ס׳איז אָבער זייער נישט פײַן געווען, וואָס זי האָט מײַן בעט רעקווירירט. און איך האָב זיך דרײַ וואָכן געוואַלגערט אויף דער סאָפע אין עס־שטוב; אמת, אַ גאַנץ גוטע און ווייכע סאָפע, אָבער זי איז נאָר גוט און ווייך בײַטאָג זיך צוצולייגן. אָבער אָפּשלאָפן אַ נאַכט אויף איר, מוז מען אויפשטיין מיט אַ צעבראָכענעם האַלז און נאַקן און מיט אַ ווייטאָק אין רוקן...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַלץ געטון צו מאַכן דאָס געלעגער, בעסער און באַקוועמער, און יעדע נאַכט, מאַכנדיק דאָס געלעגער, האָב איך אַלץ געמאַכט נײַע קאָמבינאַציעס, אַז עס זאָל מיר זײַן וואָס בעסער און באַקוועמער צו שלאָפן. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. די סאָפע איז פאָרט נישט „באַשאַפן” געוואָרן אויף צו שלאָפן אויף איר, נאָר אויף זיך „צוצושפּאַרן”. פאַרקערט, וואָס מער בעטגעוואַנט און קאָלדרעס איך האָב אָנגעלייגט, איז אַלץ ערגער געווען... ווען איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי נאָך אַזאַ אויסבעטעניש, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז נישט נאָר איך אַליין בין דאָרטן געשלאָפן, נאָר עפּעס נאָך אַ גאַנץ צענדליק צו מיר, און אַז דאָס גאַנצע צענדליק איז נישט געשלאָפן, נאָר האָבן זיך געטוּמלט אַ גאַנצע נאַכט.

מײַנע האָט זיך וואָס ווײַטער ס׳איז אַוועק אַ טאָג, אַלץ עפּטער אָנגעהויבן צו קרימען און אונטערקרעכצן. ווען איך הער איר אַ קרעכץ

טון ביינאַכט, פלייס איך זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן איר געבן צו הערן און צו וויסן, אַז איך שלאָף נישט; אַז איך בין, הייסט עס, אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט איר לאַגע און אַז דערפאַר שלאָף איך נישט...

אין צוויי וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי מיין שוויגער האָט אָנגעהויבן צו נעכטיקן ביי אונז, האָב איך פון איר באַקומען אַ „פריקאַז”, איך זאָל זיך נישט אויסטון. איך זאָל זיך לייגן שלאָפן אינם אָנטון, טאָמער, ווי ס׳מאַכט זיך, גיט עס „איר” אַ נעם ביינאַכט, זאָל איך זיין גרייט צו לויפן נאָך דער אַקושערקע.

בין איך אַזוי גרייט געווען אַ גאַנצע וואָך מיט נעכט. איך ווייס נישט, צי אַן עופהלע, וואָס ליגט אין איי, פילט עפעס, און אויב ס׳פילט יאָ עפעס, איז האָב איך זיך אַזוי געפילט, שלאָפנדיק אין אָנטון... איך האָב נישט געוווסט, ווו ס׳הויבט זיך אָן מיין לייב און ווו ס׳ענדיקן זיך מיינע קליידער... אין די קליידער האָב איך מיין לייב געפילט און אין מיין לייב די קליידער... און בין געווען כסדר אונטערן איינדרוק, אַז איך האָב אין דער נאַכט אַריין עפעס טאָגעדיקס אַריינגעשלעפט, און בייטאָג האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך טראָג אויף זיך עפעס אַ טייל פון דער נאַכט...

* *

*

ענדליך בין איך אין איינער אַ נאַכט שטורמדיק אויפגעוועקט געוואָרן פון דער שוויגער און פון צוויי הענט דער שוויגערס און פון דער שוויגערס קול:

— שטיי אויף, גיכער, און לויף נאָך דער אַקושערקע!

און דאָ האָב איך שוין קלאָר און דייטלעך דערשפירט, אַז קיין מענטש אין דער וועלט קאָן דיר אַזוי פרעמד נישט זיין ווי אַ שוויגער. אין דעם טראָג-אויף, וואָס זי האָט מיר געגעבן, האָב איך די פרעמדקייט דערשפירט און דאָס מיינט איינצייטיק אין דער געטריישאַפט, וואָס זי האָט מיט דעם אויפטראָגען מיך פון שלאָף באַוויזן צו איר טאָכטער. הגם איך האָב מיין פרוי זייער ליב געהאַט, איז מיר קלאָר געווען, אַז מיין מוטער וואָלט מיך אַזוי נישט אויפגעוועקט, ווי זי וואָלט נישט געטריי געווען איר זונס ווייב, און ביי מיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט צו מיין פרוי, האָב איך אין דעם

מאָמענט דערשפּירט, אַז די שוויגער איז מיר דער פרעמדסטער מענטש אין דער וועלט.

איך בין גלייך אַריינגעלאָפן און צוגעלאָפן צו מיין פרוי, געכאַפּט אַ קוק אויף איר גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט געפרעגט (ווייל וואָס איז געווען וואָס צו זאָגן אָדער וואָס צו פרעגן, איך האָב דאָך געוווּסט וועגן וואָס און ווען ס׳האַנדלט זיך), און אַזוי שטייענדיק און קוקנדיק אויף איר, האָב איך געגעבן אַ צי צו דעם האַלדז-שטיק צום קאָלנער און צום האַלדז, און איינס און צוויי בין איך שוין געשטאַנען פון יענער זייט טיר.

אַריינגעפאַלן אין קאָרידאָר אַריין, האָב איך דורכן גרויסן אָפּענעם קאָרידאָר-פענסטער דערהערט, אַז ס׳ליאַפּעט אַ היבש רעגנדל, און ס׳איז מיר דוקא איינגעפאַלן זיך אומצוקערן און נעמען אַ שירם. איך האָב עס אָבער נישט געטון אויס מורא, מיין שוויגער זאָל נישט איבערטראַכטן, אַז איך בין נישט געטריי געגוג דער טאָכטער אירער, ווען איך האָב זיך אין זינען אין אַזאַ צייט מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אַ שירם.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון די טרעפּ, האָב איך צונויפגעשפּילעט דאָס רעקל אויף אַלע קנעפּלעך, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און אַראָפּגעבויגן פון פאָרנט אַ שטיק ראַנד פון מיין הוט, אַזוי אַז ביז איך בין געקומען אונטערן פרייען הימל, בין איך שוין געווען אַ גרייטער, אַ פּאַרטיקער אויפצונעמען אויף זיך אָט די נאַסע רעגנדיקע ברכה, וואָס הימל האָט אויף ערד געשיקט.

ס׳האָט טאַקע היבשלעך גענעצט, און מאָדנע, וואָס אַזוי גלייך ווי איך האָב די ערשטע פּאָר טראָפּן רעגן אויף מיין פּנים דערפילט, בין איך גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער אַזאַ איינדרוק, אַז איך גיי אין עמעצנס אַ שליחות... אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב גערן געהאַט צו נעמען אַ שירם און האָב אונטערן דרוק פון דער שליטה פון אַ צווייטער פּערזאָן איבער מיר מיין באַגער נישט געקאָנט אויספירן, איז דערפאַר האָב איך שוין געהאַט אַזאַ געפיל, אַז דעם גאַנג, וואָס איך לאָז מיך גיין, איז נישט אינגאַנצן מיט מיין ווילן, נאָר בשותפות מיט אַ פרעמדן ווילן.

אַזוי גלייך ווי איך בין אַרויס פון טויער, האָב איך מיך גלייך געלאָזט לויפן... און אַ מענטש אַ דערוואַקסענער, וואָס לויפט קיינמאָל נישט, מוז זיך דערפילן מעשה ייִנגל, ווען ס׳קומט אים אויס אַזעלכעס

צו טון. ס'איז אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס גראָד אין אַזאַ צייט, ווען איך „קלייב מיך" צו ווערן אַ טאַטע, באַדאַרף איך מיך גראָד ייִנגליש דערפֿילן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס איז נישט געוווינט צו לויפֿן, האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ, און ס'האָט מיר פֿאַרשלאָגן דער אָטעם, אָפּלויפֿנדיק אַ שטיקל וועג, און איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן. און כּדי נישט דורכגעווייקט צו ווערן פֿונם גאָס־רעגן, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו אַ פֿאַרמאַכטן טויער פֿון אַן אומבאַקאַנט הויז, ווו ס'האָבן געוווינט און צו דער צייט געשלאָפֿן, פֿרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן... איך האָב גלייך אַראָפּגעכאַפּט מיין הוט פֿון קאָפּ, און ס'האָט זיך מיט אַ כליאָפּ געגעבן אַ גיס אויס פֿון איר אַ היבש ביסל וואַסער; אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין אַ קעשענע פֿון מיין רעקל, וועלנדיק ארויסנעמען דאָס טיכעלע און אָפּווישן דאָס פּנים, איז די קעשענע געווען נאַס און דאָס טיכעלע דורכגענעצט, אַזוי אַז מיין פּנים האָט שוין געמוזט בלייבן אַ נאַסער, נישט האָבנדיק מיט וואָס אים אָפּצווישן.

איך בין געשטאַנען און מיט פֿאַרדרוס געקוקט אויף די פֿיר גלאַנציקע אייזערנע ווירעס, וואָס האָבן זיך אַוועקגעצויגן ווייט אַהער און אַהין אין דער לענג פֿון גאַס, פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער ווייטקייט פֿון גרויסשטאָטיקן פֿאַרנעם, און געהאַט אַזאַ נאַרישן באַגריף, אַז ווען אָט די אייזנקייטן וואָלטן זיך אַזוי ווייט נישט אַוועקגעצויגן, וואָלט אַזוי ווייט דער טראַמוויי נישט אַוועק, און איך וואָלט געקאָנט איינס און צוויי זיין דאָרטן, ביי דער אַקושערקע, און וואָלט פֿאַרשפּאָרט לויפֿן אין רעגן און וואָלט פֿאַרשפּאָרט צו שטיין און זיך אָפּרוען פֿונם לויפֿן... (ווייל איך האָב דאָך געפֿילט די גרויסע עוולה, וואָס איך באַגיי מיט מיין שטיין, ווען מיין גיין און מיין לויפֿן איז אַזוי וויכטיק פֿאַר מיינעם אַ נאָענטן מענטשן...)

וועגן דער צייט האָב איך קיין אַנונג נישט געהאַט. ביי מיר איז רעכט געווען, אַז דער טראַמוויי קורסירט נאָך אין דער צייט, וואָס איך האָב נישט געוווּסט וויפֿל דער זייגער איז. אין די פֿאַרמאַכטע טויערן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז נאָך עלף. דער טראַמוויי גייט אָבער ביז צוועלף. איז ביי מיר רעכט געווען, אַז ס'איז נאָך קיין צוועלף נישט... ביי מיר איז רעכט געווען, אַז ווייל ס'רעגנט

זע איך נישט קיין לעבעדיקן נפש, און אפשר טאַקע איבער דער זעלבער סיבה זע איך דאָ אַזוי לאַנג נישט קיין טראַמוויי.

וואָס קאָן בכלל אַ מענטש וויסן פון צייט, ווען מ׳גיט אים אַ טראָג-אויף אינמיטן דער נאַכט פון שלאָף. אין אַזאַ פאַל איז מען נוטה צו גלויבן, אַז ס׳איז נאָך גאָר פרי, און מ׳קאָן איינצייטיק גלויבן, אַז ס׳איז שוין גאָר שפּעט.

סיי-ווי האָב איך נישט געוואַרט אויף קיין טראַמוויי. איך בין בלויז געשטאַנען, כדי זיך אָפּצורוען, און דורך-אַגב געטראַכט, אַז אויב דער שוכן שחקים וועט מיר צושיקן אַ טראַמווייעלע, וועט עס זיין פיין פון זיין געטלעכער זייט.

2

דערווייל בין איך געשטאַנען אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט. בין געשטאַנען און געקוקט אויף די מויערן, אויף זייערע ווענט האָב איך געקוקט און אויף די שוואַרץ־בלאַנקעדיקע פענסטער... מאָדנע, וואָס ביינאַכט, ווען דו ביסט אַליין אין גאַס, זעט דיר אַלצדינג אויס אַנדערש... טאַקי אַלץ דאָסזעלבע, אָבער איינציי״טיק אַן אַנדער „זעלביגקייט״... אַ שטייגער, אַזאַ מין זאַך, ווי ווענט, ווענט פון די מויערן: בייטאָג (אָדער ביינאַכט, ווען דו ביסט נישט אַליין) זעסטו נאָר מויערן, און ביינאַכט זעסטו אי מויערן, אי ווענט, ווי צוויי באַזונדערע זאַכן, גלייך ס׳וואָלט מעגלעך געווען אַ מויער אָן ווענט...

איך האָב געקוקט אויף די הייזער און אויף די ווענט און זיך געטראַכט: אַזאַ גאַס, אַזעלכע מויערן, מיט צענדליקער שכנים אין יעדן הויז, און עס פעלן דאָרטן נישט, פאַרשטייט זיך, קיין יונגע פּאָרלעך, און דאָך בין איך דער איינציקער שלימזל, וועמענס ווייבל ס׳האָט זיך אויסגעקליבן גיין צו־קינד פּונקט אין אַזאַ גאַס רעגן... סקאַנדאַל!

און דער „סקאַנדאַל״ האָט מיך שוין אַרויפגעפירט און אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן סקאַנדאַל... וואָס צום יאָר... גזלנים, אמתע גזלנים אויף זיך אַליין... איך מיין, איך מיט מיינער... מיר זענען דאָך עפּעס היינטוועלטיקע, ציוויליזירטע, אינטעליגענטע מענטשן, ווי אַזוי האָבן מיר עס געקאָנט דערלאָזן?...

צו דער אַקושערקע איז נישט חייט, אַ צוואַנציק, פינפאונצוואַנ־ציק מינוט גאַנג, און אויף צו לויפן -- נאָך ווינציקער. איז אָבער דאָס גאַנצע אומגליק, וואָס אַז דו לויפסט, דאַכט זיך דיר, אַז דער וועג ציט זיך דיר אויס פיל לענגער, ווי ווען דו וואָלסט געגאַנגען מיט דיין נאַטירלעכן גאַנג, און דערצו, אַז גאָט העלפט, און ס׳שמייסט דיר נאָך אַ רעגן אין פנים אַריין, ווערסטו שוין זיכער קיין קפיצת הדרך נישט האָבן...

נישט קוקנדיק אויף די אַלע זאַכן, בין איך דאָך ווידער גע־לאָפן. איך האָב געמוזט לויפן און דעריאָגן די צייט, וואָס איך בין געשטאַנען, און דער רעגן גיסט פון די הויכקייטן און עס ליאַפעט פון די רינוועס אויף גרויס־שטעטיקער האַרטער ערדישקייט... אין דער האַרטקייט און אויסגעפּאַנצערטקייט פון דער ערד פילט זיך די גאַנ־צע פרעמדקייט און די אכזריותדיקייט פון דער גרויסער שטאָט... (די אַכזריותדיקייט רוט אין שלאָפן טאַקע, אָבער דו פילסט זי אפילו אין דער רואיקייט און אין דער שלאָפעדיקייט)... און דאָס ליאַפּעריי פון רינוועס פאַרטויבט די לופט, און עס דאַכט זיך, אַז אַ גרויסשטאָטישע ביינאַכטיקע שטילקייט האָט זיך צעגאָסן, צעליאַפעט און צערעשט. און אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז איך בין שוין צוגעקומען צום טויער פון הויף, ווו די אַקושערקע האָט געוווינט, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ קלינגעניש, איך בין אָן אַ גוזמא פופצן מינוט געשטאַנען און געריסן דאָס הענטל פונם גלעקל, און די גאַנצע צרה איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס דאָס גלעקל האָט זיך נישט אָפגערופן אויף יעדן שטופ, וואָס איך האָב דאָס הענטל געטון. דאָס גלעקל איז געווען אַזוי צרותדיק איינגעאָרדנט, אַז פון זעקס־זיבן מאָל ציען דאָס הענטל, האָט עס דאָרטן, אינעווייניק, איינמאָל אַ קלונג געטון. די איבעריקע שלעפּעדישן און ציעניש זענען פאַרלוירן געגאַנגען אָן קלאַנגען. איך האָב נור געהערט ווי דער דראָט, וואָס ציט זיך און פאַרייניקט דאָס הענטל פון דער זייט מיטן גלעקל פון יענער זייט, אַז אָט דער דראָט פּאַטשט אין אַ טוי־בער, האַרטער וואַנט אַריין, און וואָס שטאַרקער און האַסטיקער איך האָב דאָס הענטל געשלעפּט, אַלץ מער פּאַטשעריי פון דעם דראָט אָן וואַנט, און אַלץ ווינציקער האָט דאָס גלעקל געקלונגען.

ענדלעך האָט זיך דאָס קליינע טויערל אין טויער געעפנט, און אַ פאַרשלאָפענער, צעפּאַטלטער און צעכראַסטעטער עויל מיט גרויסע וואָנסעס האָט געפרעגט, צו וועמען איך באַדאַרף. און באַקומען אַן

ענטפער, האָט ער ברייטער דאָס טויערל אין דעם טויער צעעפנט, און ווען איך האָב אַריינגעשפאַנט מיט אַריבערשפּאַנען אינעווייניק, האָב איך אָט דעם ערל אַריינגעשטופּט אַ פּאָר מטבעות אין דער יד אַריין, און ער האָט מיר מיט אַ פריש, לעבעדיק קול, ווי ער וואָלט גאָר אויף זיין לעבן נישט געוווסט, וואָס שלאָף איז, געזאָגט וווהין איך באַדאַרף גיין.

דריי גאָרנס מיט טרעפ געקראָכן און זיך גֶעדראַפּעט, ביז וואָנען איך בין דערקראָכן און זיך דערדראַפּעט צו דער טיר פון הויז, ווו די אַקושערקע האָט געוווינט. ס׳איז שוין איינמאָל אַ טעם צו קריכן ביינאַכט אויף טרעפ אין אַ פרעמדן מקום, ווו דיין פוס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען... יעדער טראָט דיינער ווערט באַגלייט מיט פאָרזיכטיקייט און אומרואיקייט, ווי גאָט ווייסט, וואָס מיט דיר וואָלט געקאָנט דאָרטן טרעפן, ווען דו וואָלסט, חלילה, נישט געווען אַזוי פאָרזיכטיק.

ביי דער טיר אַ דריק געטון אַ ווייס קנעפּעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ווייס אַרבעסל פון אַ פיש־אויג (אַן אָפּגעקאָכטער), און איך האָב גלייך דערהערט ווי עס שלייכן זיך טריט אין שטעק־שיך, שלאָפנדיקע, שורעוודיקע טריט אַזעלכע, וואָס דערמאָנען נאַכטיקע שטילקייט און נאַכטיקע אומרואיקייט אין אַ שלאָפנדיקער און רואיקער שטוב, ווו איינער אַ מענטש שלאָפט נישט און רוט נישט... אויף אַ ווײַלע זענען די טריט פאַרשטילט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן פאַרשלונגען געוואָרן פון באַכט און נאַכטיקער שטילקייט. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט זיך דער שליסל אין טיר געגעבן אַ דריי איבער, און די טיר האָט זיך געעפנט...

ס׳האָט מיר געעפנט די טיר טאַקע זי אַליין, די זעלבע, נאָך וועלכער איך בין אָן אַן אָטעם אין רעגן געלאָפן. זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכעלע און געזאָגט:

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענט איר...

מיט אַזאַ שמייכעלע באַגעגנט אַמאָל אַ יונג ווייבל איר יונגן מאַן, ווען ער פאַרשפעטיקט צו קומען צוליב אַ וויכטיקן עסק, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער ווייב, ווי פאַרן מאַן, און נאָך פיל וויכטיקער, ווי זיין שפּעט קומען.

זי איז געווען כמעט ווי אָנגעטון און כמעט ווי אויסגעטון... אין די שטעקשיך האָבן זיך געבלייכט די ווייסע באָרוועסע פיס, איבער וועלכע ס'איז געהאַנגען מיט ברייטקייט אַ ווייס אונטערשט קליידל. אויף די אַקסל איז ביי איר געווען אָנגעוואָרפן אַ בלוזע מיט ליידיקע אַרבל, און אָט די ליידיקע אַרבל האָבן צוגעגעבן מער פולקייט און רונדקייט די נאַקעטע הענט אירע, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דער צוגעדעקטקייט... איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז נישט צוצודעקן זיך איז געווען איר ציל מיט דער אַרויפגעוואָרפענער בלוזע אויף זיך, נאָר ס'זאָל אויסזען, אַז זי איז צוגעדעקט...

און אפשר האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די ליידיקייט פון די אַרבל אַדאַנק דעם, וואָס הינטער זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע צוויי אויסגעפולטע הענט. אויף איינער אַ האַנט האָב איך אפילו באַמערקט צוויי גרויסע, טעמפיק-גלאַנציקע פּאָקן, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי אַ נישט-דערבאַקענע מצה. און צו וואָס בכלל דער אָנשטעל, אַז אַלץ וואָס וואָלט געדאַרפט זיין צוגעדעקט, איז געווען אָפן? ס'איז געווען אָפן דער גאַנצער ברייטער אויסשניט פון איר דעקאָלטירטער העמד. און אַלץ האָט ביי איר אויסגעזען אַזוי לייביק און פליישיק, אַזוי רונד און שטייף, אַז עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ זאָל קאָנען אַריין אין דער בלוזע, וואָס ליגט אויף איר אָנגעוואָרפן... ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די בלוזע איז פון אַ פרוי (אָדער פון אַ מיידל), וואָס איז פיל איידעלער פון איר...

דערזען אַזאַ עשירות פון ווייבלעכן לייב, בין איך פשוט איבערראַשט געווען, וואָס אָט די עשירות זעט זיך נישט אַזוי אָן, ווען דאָס איז צוגעדעקט. און מערקווירדיק, וואָס נישט נאָר איך בין געבליבן צו דעם אַלעמען גלייכגילטיק, נאָר איך האָב אפילו דערשפירט אַן אָפּשטויסנדיק געפיל... איינצייטיק געהאַט אַזאַ נישט-קלאָרן באַגריף, אַז דאָס פאַרמעגן אירס איז נישט אירס... אַז ס'באַלאַנגט צו קימפּעטאָרינס, צו קימפּעט-קינדער, און דער טייוול ווייסט נאָך צו וועמען און צו וואָס?

וועגן אַן אַנדער פרוי וואָלט איך שוין זיכער געקאָנט געווען עפּעס איבערטראַכטן. וועגן איר — אַ האָרעלע נישט... איך האָב געוווּסט, אַז דאָס, וואָס זי האָט אַלץ געלאָזט אָפן, איז נישט פון אויסגעלאַסנקייט, און אַז דאָס, וואָס זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די

בלוזע, איז דאָס ווידער נישט פון ערלעכקייט... אַי, צוליב וואָס האָט זי דאָך אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ בלוזע? בלייבט אַ קשיא.

זי האָט מיר אָנגעוויזן אַ צימער אין אַ זייט פון פּאָר-הייזל, ווּהין איך זאָל אַריינגיין און דאָרטן צוּוואַרטן אויף איר, ביז וואַנען זי וועט פּאַרטיק ווערן צום גיין. איך האָב זי באַדאַנקט און געזאָגט, אַז ס'מאַכט נישט אויס, אַז איך קאָן דאָ אין פּאָרהויז וואַרטן אויף איר. פּאַר מיר איז אַלצאיינס, אָבער פּאַר איר איז גלייכער, איך זאָל דאָ בלייבן וואַרטן אויף איר, אַנדערש, וועל איך אָנטראָגן אַהינצוּ נעץ און בלאָטע. זי האָט געשמייכלט און געפרעגט, פּאַרוואָס איך האָב נישט גענומען קיין שירם מיט זיך, און איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און געענטפערט:

— ווער האָט דאָס אין זינען אין אַזאַ צייט?

געבליבן אַליין, האָב איך ביי אַ זייט לעבן מיין זייט אין אַ ווינקל אַ שפּיגל דערזען, און אין שפּיגל?... ווען איך וואָלט נישט געוווסט, אַז דאָס איז איך, וואָלט איך זיך נישט דערקאָנט... ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ שפּיגל — אַ בלעך, ווּ דוּ זעסט אַלץ און זעסט גאָרנישט... פון ערשטן אויגנבליק בין איך דערציטערט געוואָרן, מיינענדיק, אַז ס'איז מיר עמעצער אויסגעוואָקסן ביי דער זייט...

איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם „בלעכענעם" שפּיגל און געטראַכט מיט ווערטער: ביסט גערעכט, בלעכענער שפּיגל. אויב איך זע נישט אויס אין דער ווירקלעכקייט, ווי דוּ ווייזט מיר דאָ אין דיין שפּיגל-גלאַנץ, איז פיל איך מיך אַלנפאַלס אַזוי, אַז איך וואָלט באַדאַרפט אַזוי אויסזען, ווי איך זע דאָ אין דיר אויס... און איך בין זיכער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז ווען איך וואָלט ערגעץ געהאַט אַ ברודער אַ שלימזל, אָדער אַ געשוועסטערקינד, אַ לא-יוצלח, וואָלט דער, צי יענער באַדאַרפט האָבן אַזאַ צורה, ווי איך האָב דאָ ביי דיר, מיין „ליכטיקער שפּיגל"...

דאָ דערביי, אין זעלבן ווינקל, לעבן שפּיגל, האָב איך דערזען אַ שראַגע, און אויף דער שראַגע איז געהאָנגען אַ האַרטער הוט, אַ מאַנטל און אַ שירם. און ס'האָט מיך זייער פּאַראינטערעסירט צוּ וויסן, צוּ וועמען אָט די דריי מאַנסבילשע זאַכן באַלאַנגען, צוּ אַ טאַטן אירן, אָדער צוּ אַ מאַן אירן... יאָ, זי איז נאָך אַזוי יונג, אַז זי קאָן נאָך האָבן אַזאַ פּראַנטעוואַטן טאַטן, און איינצייטיק גענוג „אַלט", זי זאָל האָבן אַזאַ מאַן, וואָס זאָל טראָגן אַזעלכע „אָפּגעטראָגענע" זאַכן...

און אפשר ווינט זי גאָר ביי פרעמדע מענטשן?... אויב אָבער די אַלע דריי זאַכן באַלאַנגען צו אַ מאַן, וואָס איז איר מאַן, מוז ער דאָך ערגעץ ליגן אין בעט, אין זעלבן בעט, ווו זי איז נאָר וואָס געלעגן... שלאָפט ער איצט, צי שלאָפט ער נישט? אויב ער שלאָפט נישט, פאַרוואָס איז ער נישט געגאַנגען עפענען די טיר? און וואָס טראַכט אַזאַ מאַן, וואָס פילט ער, ווען עס קומט אַ פרעמדער מאַן און שלעפט ביי אים אַרויס דאָס ווייב פון בעט?

ס'האָט נישט לאַנג גענומען ביי איר, איינס און צוויי איז זי פאַרטיק געוואָרן. איינס און צוויי, און זי האָט זיך געוויזן מיט אַ רענצל, וואָס האָט געהאַט אַ ניקלנעם שלאָס און מיט אַ שירמל אין די הענט, און האָט ווידער אָדער נאָך אַלץ געשמייכלט, און איך האָב געהאַט אַזאַ איינדרוק, אַז דאָס שמייכלען אירס, סיי דאָס איצטיקע און סיי דאָס פריערדיקע שמייכלען, און סיי דאָס ערשטע שמייכעלע, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל ביי דער ערשטער באַגעגעניש באַמערקט — אַז דאָס איז עפּעס אַ לאַנגע אומענדלעכע פאָרטזעצונג פון שמייכעלעך, וואָס איך ווייס נישט (און זי אַליין ווייסט זיכער אויך נישט), ווען דאָס שמייכלען אירס האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן און ווען דאָס וועט זיך ענדיקן.

— איאָ איך האָב דאָס געמאַכט זייער גיך?! — האָט זי באַרימעריש אַ זאָג געטון און אַ פרעג געטון.

— איך וואָלט מיך געוווּנדערט, ווען ס'וואָלט געווען אַנדערש — האָב איך געזאָגט — ווען איך בין אויף אייער אָרט, וואָלט איך זיך קיינמאָל נישט אויסגעטון.

זי האָט מיך אָנגעקוקט, און איך האָב דערקענט, אַז זי פאַרשטייט מיך נישט.

— אָט שלאָף איך שוין אַכט טעג אינם אָנטון... און ווי איז, אַז איר דערוואַרט כסדר אַזעלכע זאַכן...

ווען זי האָט אָנטקעגן שפיגל זיך אַ גלייך געטון דאָס היטעלע אויפן קאָפּ, האָב איך אַריינגעשמייכלט אין שפיגל אַריין און צו איר און געזאָגט:

— ווען מיין שוואָגעריקל וואָלט אַזאַ שפיגל באַקומען, וואָלט עס ביי אים געווען אַ שיינע גדולה... אין אַזאַ שפיגל, פאַרשטייט איך, דאַרף טאַקע זיין אַ גרויס פאַרגעניגן צו שפייען.

זי האָט אויפן אָרט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אין אַ ווײַלע

אַרום, ווען זי האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון שפּיגל, האָט זי מיר אַריינגעוואָרפן אַ קוק אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— ביי אייך איז עפּעס אַזאַ שוואַכקייט צו שפּייען אין אַ שפּיגל אַריין!

— אָ, ניין, איר האָט אַ טעות. ס׳מיין שוואָגערל האָט די שוואַכקייט.

— יאָ, אָבער דאָס ווערט געטון דורך אייך, מיט אייער הילף.

— דאָס האָט אייך מיין שוויגער דערציילט?

צעעפנט דאָס פּאַראַסאָלכל מיט אַ פּרווו צי ס׳עפנט זיך, און האָט עס גלייך פאַרמאַכט און אַ קוק געטון אויף מיר און אויף דער שראַגע, האָט זי געזאָגט:

— אויב אירווילט, קאָנט איר זיך נעמען דעם פּאַראַסאָל, וואָס הענגט.

איך האָב נישט מער ווי געוואַרט, זי זאָל אים מיר הייסן נעמען. איך האָב אים גלייך אַראָפּגעכאַפּט פון זיין הענגען און אים אַ צעעפן געטון, צי ער עפנט זיך. האָב איך אים צוריק פאַרמאַכט, און דאָ איז מיר אַזוי גלייך איינגעפאַלן, אַז ס׳איז עפּעס נישט שיין, אַז אַ יונגערמאַן מיט אַ יונגער פרוי, וואָס גייען אַרויס פון איין הויז און גייען אין איין הויז אַריין, אַז ס׳איז נישט שיין און אַפילו אַ באַליידיקונג פאַר דער דאַמע, אַז דער מאַן זאָל גיין אונטער אַ באַזונדערן שירם, און זי, דאָס „פרויען-צימער“, זאָל גיין אונטער אַ באַזונדער שירם.

— וואָס באַדאַרפן מיר צוויי פּאַראַסאָלן? — האָב איך תמעוואַטע געזאָגט — ס׳וועט זיין גענוג איינער.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט זי געזאָגט, און גלייך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל איר פּאַראַסאָלכל.

אַזוי גלייך ווי מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן פון די טרעפּ, האָט זי מיר אונטערן אָרעם גענומען. יאָ, אַזוי פירט זיך און אַזוי טוט אַ באַלעבאָסטע (אָדער אַ באַלעבאָס), ווען זי פירט אַרויס אַ גאַסט פון איר שטוב, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט די טרעפּ און אַראָפּגאַנג. איך, פון מיין זייט, האָב געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס טועכץ אירס איז ביי מיר אָנגעלייגט, האָב איך צוגעדריקט די האַנט אירע, וואָס האָט געשטעקט צווישן מיין אָרעם און ברוסט. איך האָב עס געטון דערפאַר, ווייל איך האָב געוווסט פון פּראַקטיק, אַז

אַ פרוי — מעג זי זיין ווי גלייכגילטיק צו אַ מאַן — וועט זי דאָך די גלייכגילטיקייט פון דעם זעלבן צו זיך גלייכגילטיק נישט קאָנען אַריבערטראָגן.

איך האָב מיך געלאָזט פירן פון איר אַזוי לאַנג, ווי איך האָב זיך געפונען אין איר רשות, דאָס הייסט אַזוי לאַנג, ווי איך האָב מיך געפונען אויף „אירע" טרעפּ און אויף „איר" הויף. אַזוי ווי אָבער מיר זענען אין דרויסן אַרויס, האָב איך מיר שוין, אַלס מאַן, דערשפירט פאַר מער תקיף, האָב איך זי שוין גענומען אונטערן אָרעם.

איך האָב זי גלייך אַ נעם געטון שטאַרק, פעסט און זיך צונויפגעגאָסן מיט איר און געוואָרן ווי איין מענטש אונטער דעם איינעם שירם... מיט אַלע קליפּערלעך פון אַ דאַמען־שיצער, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט דער אומנות פון דאַמען־שיצעריי, וואָס ווייסט ווי דאָס צו טון, אַז אי ער זאָל הנאה האָבן, אי די דאַמע זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט... אַ שטייגער, ווען דו וואָלסט ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, וואָס דו באַקענסט זיך מיט אַ דאַמע, ווען אַ שטייגער, חלילה וחס, ווען דו וואָלסט איר אָנגערירט ביי דער ברוסט, וואָלט דאָך געוועזן הימל עפן זיך! דערפאַר אָבער קאָנסטו איר צוואַנציק מאָל אָנרירן, ווען דו פירסט זי אונטערן אָרעם, און זי זאָל מאַכן אַ שוויג. און קריגסטו אַזאַ געלעגנהייט און דו מיידסט אויס (אַז מ׳וויל קאָן מען עס אויסמיידן אויך), איז פילט זיך די דאַמע זייער געקרענקט, וואָס דו נוצט נישט אויס דאָס, וואָס דו קאָנסט אויף אַזאַ אופן אויסנוצן... דאָ, מיט מיין דאַמע, האָב איך עס, פאַרשטייט זיך, אויכעט געקאָנט אויסמיידן, האָב איך אָבער רחמנות געהאַט אויף איר... אָט, ווייל זי איז מיר אָפּשטויסנד, האָב איך דערפאַר געפילט אַ רחמנות צו איר...

נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט, איז עס דאָך אַ מלאכה בזויה, אָט די כלומרשט שיינע, אינטעליגענטע פּראָפעסיע... וואָס האָט עס מיט איר צו טון אָט דאָס, וואָס אַ פרעמדע פרוי גייט דאָרטן האָבן אַ קינד?... מיט וואָס פאַר אַ רעכט קום איך, אַ פרעמדער מאַן, און שלעפּ זי אין מיטן דער נאַכט אַרויס פון בעט, און שלעפּ זי אין אַזאַ וועטער צו אָט דער זעלבער פרעמדער פרוי פאַר אַ געוויסער „זליבעדע", וואָס זי וועט דאָרטן קריגן פאַר איר שווערער אַרבעט... נו, איז באַדאַרף איך נאָך מיט אַזעלכע זאַכן איר מאַכן שלעכט זיך צו פילן?

— ווי לאַנג איז שוין, אַז איר פֿאַרנעמט זיך מיט דער פּראָפֿעסיע? — האָב איך גאָר פּלוצים בײַ איר אַ פֿרעג געטון.

— אַכט יאָר!

אַכט יאָר „פּראַקטיקע” איז אַ גאַנץ קורצע צײַט פֿאַר די פּאַציענטן. פֿאַר איר אַליין אָבער איז דאָס אַ היבש ביסל צײַט, אַ צײַט פֿון שווערער פּראַצע, פֿון נעכט נישט דערשלאָפֿענע, טעג נישט קיין רואיקע, פֿון וואַלגערן זיך בײַ יענעם, אַרום פֿרעמדע בעטן און עסן בײַ פֿרעמדע טישן... ס'איז בפֿירוש אַ רחמנות אויף איר...

דער רעגן האָט אָן אויפֿהער געגאָסן, אויף דער שטײַף־אָנגעצויגענער מאַטעריע פֿונם שירם האָבן אָן אויפֿהער געקלאַפּט די רעגן־טראָפּנס. איך האָב געפֿילט אַ פֿרייד אין האַרצן, וואָס אָט די אַלע טראָפּנס פֿאַלן נישט אויף מיר, נאָר אויפֿן שירם... ס'איז אַ גרויס פֿאַרגעניגן צו גיין אין אַ רעגן אונטער אַ שירם און נישט פֿאַרנעצט ווערן...

איבער וואָלקנדיקע הויכקייטן האָט זיך דורכגעקייקלט אַ דונער נישט דונערנדיק... ער האָט זיך געקייקלט איבער נאָענטע, אָבער ווײַט נישט דערגרייכבדיקע, הויכקייטן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ ווײַטער און ערגעץ העכער אַ דונער צו טון. אַזעלכע דונערן קאָן מען אָפֿט הערן אין מיטן זומער, און אַלע מאָל דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זיך פֿון ווײַט־ווײַט דערהערן אַ קנאַל, און ס'לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט: דער דונער דונערט זיך אויס מיט זײַן קייקלען און ואיננו...

אַזוי האָט עס אויך דאָס מאָל געטראָפֿן: פּלוצים, אויס, אויס דונער, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ בליץ געטון, און ס'האָט געמאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק, אַז דער בליץ איז געקומען נאָך אָט דעם דונער, אַז דער דונער האָט פֿאַרענדיקט דאָס לעבן זײַנס מיט אַ בליץ. לאַנג־דונערנדיק געלעבט און מאָמענטאַל בליציק געשטאָרבן...

— מיט מענטשן איז דאָס אויך אַזוי — האָב איך געוואָלט אַ פֿילאָזאָפֿיר טון מיט מײַן באַגלייטערין — טאַראַראַמעוועט, פֿילדרעוועט און פּלוצים — באַץ, נישטאָ!

— אַנטקעגן וואָס איז דאָס צו רייד געקומען? — האָט זי אַ פֿרעג געטון.

איך האָב אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווידער געזאָגט:

— ס'קאָן דאָך גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק (איך בין אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר) איז מײַן טאַטע,

עליו־השלום, פונקט אין אַזאַ גאָס־רעגן געלאָפן נאָך דער אַקושערקע (אָדער נאָך דער „באָבע"), ווען זיין ווייב, מיין מאַמע, האָט זיך גע־קליבן מיך אויף דער וועלט צו ברענגען, און שפּעטער מיט אַ דריי־סיק יאָר וועט מיין זון (לאָמיר רעכענען, אַז ס'וועט געבוירן ווערן אַ זון) וועט ער לויפן נאָך דער אַקושערקע. גלויבט זיך אַזעלכעס, אַז אָט דער אָ, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט נישטאָ, וועט שפּע־טער מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר... אַיאָ, עס גלויבט זיך נישט?... ווען מיין פאָטער וואָלט דעמאָלט אַזעלכעס איינגעפאַלן, וואָלט ער זיך אויך אַזעלכעס נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס'וועלן איבערפליען אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן, און דער זון וועט...

געשוויגן עטלעכע מינוט און ביי איר אַ פרעג געטון, צי זי איז נאָך אַ פריילין צי אַ דאַמע, און זי האָט מיר גלייך אָפּגעענט־פערט מיט אַ פראַגע, צוליב וואָס איך מוז עס נויטיק וויסן. זי האָט טאַקע אַזוי אַ פרעג געטון:

— איר מוזט עס נויטיק וויסן?

און שפּעטער האָב איך ביי איר אַזאַ זאַך געפרעגט:

— אַ שטייגער, ווען צו אייך קומט ביינאַכט איינער אַ מאַן, וואָס איר קאָנט אים נישט, און רופט אייך צו זיין ווייב אויף אַ פּראַקטיקע — גייט איר?

— מ'גייט. וואָס דען?

— ווי איז אָבער, אַז דער מאַן האָט גאָר אינגאַנצן קיין ווייב נישט, אַז דאָס איז עפּעס אַן אויסוואורף, אַז ער האָט אייך נאָר גע־וואָלט פאַרנאַרן?

— דערווייל האָט עס נאָך נישט געטראָפן. הלוואי אויף ווייטער נישט.

איך האָב שוין ווייטער נישט געהאַט וואָס צו רעדן, און גע־מיינט, אַז ווייל איך האָב נישט. מוז איך עס שמועסן, הייסט עס, מיט איר, און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך איר אַזאַ מעשה דער־ציילט:

— מיינע אַ לאַנגיאָריקע באַקאַנטע אַקושערקע האָט מיר דער־ציילט אַ טשעקאַווע געשיכטע, וואָס איר האָט געטראָפן, ווי איינער אַ יונגערמאַן האָט זי ביינאַכט געפירט צו זיין יונג ווייבל, וואָס איז געגאַנגען צו קינד. ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. די טראַמווייען זענען שוין לאַנג נישט געגאַנגען, און מ'האָט בכלל קיין איין רעדל אין גאַס

נישט געזען. גייען זיי אַזוי, ער פירט זי אונטער דער האַנט, און אַזוי פירנדיק איר אונטער דער האַנט און פירנדיק זי צו זיין ווייבל, וואָס גייט דאָרט צו קינד, עפנט ער גאָר פלוצלינג זיין מויל מיט הייץ און מיט אַזאַ פלאַם און זאָגט איר, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער פירט זי צו זיין ווייב, איז ער דאָך גרייט צו פאַרקערעווען זיך און אַוועקגיין אין אַן אַנדער וועג, ווו זי וועט נאָר וועלן, וועט ער גיין מיט איר, אויף אַלע עקן וועלט צו גיין און צו לויפן — אַזוי פאַרליבט איז ער אין איר... וואָס וואָלט איר אַ שטייגער געטאָן, ווי וואָלט איר רעאַגירט, ווען אייך וואָלט אַזעלכעס געטראָפן?

— איך וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון אים!

— גוט איז אייך, אַז איר בויטיקט זיך נישט אין דעם... איר קריגט מסתמא גאַנץ אָפט קאָמפלימענטן... אָבער ווען, למשל, איר וואָלט זיך יאָ געבויטיקט, און דער מאַן איז גראָד אַזעלכער, וואָס פאַלט צו צו אייער געשמאַק, איז ווי וואָלט איר דעמאָלט געהאַנדלט?

— אַלץ איינס! — האָט זי מיט אַ שטרענגן טאָן געענטפערט.

— ס'רעדט זיך אַזוי „אַלץ איינס"... איר דאַרפט וויסן, אַז אונזערע הערצער זענען זייער פילבאַרע, אַז איין האַרץ, אויב ס'פילט זיך עלנט און איינזאַם, איז גרייט זיך אָפצורופן אויף יעדן רוף פון אַ צווייט האַרץ... און דאָ נאָך איז ער אַזוי נאָענט פון אייך. ער פירט אייך, למשל, אָט אַזוי אונטער דער האַנט ווי איך פיר אייך, און איר הערט, למשל, אַזעלכע ווערטער: פאַרן ערשטן מאָל, וואָס איך האָב אייך דערזען, האָב איך דערפילט ווי מיין נשמה האָט אַ צאַפל געטאָן, און איך האָב גלייך דערפילט עפעס אַזאַ נאָענטקייט צו אייך, ווי איך וואָלט שוין יאָרנלאַנג געפילט, אַז אַזעלכע איז דאָ, נאָר נישט געוווסט ווו זי געפינט זיך... און פון ערשטן מאָמענט האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס זענט איר צו מיר געקומען און נישט צו וועמען אַנדערש... און איך האָב פאַר אייך ברייט די טיר פון מיין הויז געעפנט...

זי האָט זיך פלוצלינג געגעבן אַ שטעל אָפ און אַזוי שטייענדיק האַרט נעבן מיר און אַנטקעגן מיר, אַ פרעג געטאָן דער גאַנצער אַנטקעגנדיקייט מיינער.

— זאָגט נאָר, איר זענט ביי די געדאַנקען?

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז זי נעמט מיך אָן פאַרן פאַרליבטן העלד, און ס'האָט מיך באמת געפרייט. ערשט איצט קען איך מיר דערלויבן צו באַפרייען די האַנט מיינע פון איר ווייבעריש גוטס,

און איך בין זיכער, אַז וואָס זי זאָל שוין וועגן דעם נישט קלערן, וועט עס שוין אַלץ זיין צום גינסטן פאַר איר. און נישט צום גונסטן פאַר מיר. אַי, זי מיינט, אַז איך בין דאָס דער פאַרליבטער העלד — זאָל עס איר וויל באַקומען.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען איינס נעבן אַנדערן. מיר האָבן באַזונדער נישט געקאָנט גיין, ווייל מיר האָבן דאָך געהאַט נישט מער ווי איין שירם. מיר זענען געגאַנגען איינס נעבן אַנדערן, ווי אַ שטייגער מאַן און ווייב, וואָס גייען אַרויס פון שטוב שלום ושלוה, אונטער איין שירם, און אויפן וועג האָט מען זיך צעהרגעט. דערפאַר אָבער האָט די האַנט מיינע, וואָס האָט זי געהאַט געהאַלטן „אונטערגענומען", זיך קיין פלאַץ נישט געפונען... זי האָט זיך נעבעך געפלאָנטערט מיט איר הענגען צווישן מיר און איר און האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון. געהאַט אַזאַ נעפלדיקן באַגריף, אַז איך האָב צייטווייליק מיינע פריוואַטע רעכט אויף מיין האַנט פאַרלוירן, אַז איך קען נישט טון מיט איר דאָס וואָס איך וויל און דערפאַר מוז זי זיך טעלעבענדן צווישן מיר און איר...

— אפשר וועט איר מיר געבן אייער רענצעלע?

זי האָט באַדאַנקט און נישט געגעבן.

דער רעגן האָט שוין כמעט ווי אויפגעהערט צו גיין, אָבער דער שירם איבערן קאָפּ פון מיין דאַמע איז נאָך אַלץ נויטיק געווען... איך אַליין בין שוין מיט מיין קאָפּ אונטערן פרייען הימל געגאַנגען (אָדער אונטער די „פרייע" וואָלקנס), און פון צייט צו צייט האָט מיך אַ טראָפּעלע מכבד געווען מיט אַ נעצל אין פנים אַריין. יאָ, ס'האָט שוין כמעט ווי נישט גערעגנט, אָבער די רעגנדיקייט אין גאַס איז נאָך געווען אין איר פולער מאַכט. די טראָטואַרן זענען נאָך געווען אַזוי נאַס ווי פריער, און ביי די זייטן, אויף דער ברוקירטער גאַס, זענען נאָך מיטן פולן אימפּעט געלאָפן די „פּוציוועס", וואָסערדיק געיאָגט זיך וואָס גיכער אַריינצופאַלן הינטער די אונטערערדישע קאַנאַלן... פון צייט צו צייט האָט זיך מיט בליציקער שנעלקייט אַ פינקלדיקע ליכטיקייט געוויזן, אַ פלאַטער געטון אַ בליק, אַ שפּאַלט געטון וואָלקן
און ואיננו... פון צייט צו צייט האָט הימל הימלישקייט באַוויזן, און
ס'האָט מיט איין בליק און מיט אַזויפיל צייט ווי איין בליק געדוי
ערט, האָט עס עטלעכע מאָל אַ בליק געטון אייַנצייטיק און איינס נאָך דאָס
אַנדערע... און ס'זענען געשפּרונגען פון דער פינסטערניש אַרויס דע
כער, קוימענס און פענסטער, שוואַרצע, פון ווענט אַרויס...

דאָ און דאָרטן האָט זיך געלאָזט הערן ווי עס קלאַפּט נאָך וואַסערדיק און ביסלדיק אין די בלעכענע רינוועס, וואָס ציען זיך פון אויבן אַראָפּ ווי שוואַרצע האַלז־שטיקער אויסגעבונדענע אויף די הייזער, און ס׳האָט געפליוכעט פון אָט די שוואַרצע קיילעכדיקע רינוועמיילער אויף די טראָטוואַרן און גענעצט די שטיינער...

ווען איך האָב דערזען דאָס ליכטיקע פענסטער פון מיין שלאָףצימער, האָב איך מיך געכאַפּט, אַז אַפילו ווען די אַקושערקע וואָלט די גאַנצע האַנדלונג מיינע אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, איז וועט זי אַפילו אין דעם פאַל האָבן וועגן מיר אַ מיינונג, אַז איך בין גאַנץ ווייט פון צו זיין אַן איבערגעגעבענער מאַן, ווען מיר ליגט אין זינען אין אַזאַ צייט אַזעלכע קונצן צו מאַכן. און ס׳האָט מיר באַנק געטון די גאַנצע געשיכטע... ווי אַזוי וועל איך איר קענען קוקן אין די אויגן אַריין?

צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג איז גאָר געווען שטיל, ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב. מיין פרוי איז געשלאָפן, און די שוויגער איז געלעגן מיט האַלב־אָפענע אויגן. געזען אונז אַריינקומען און גאָרנישט, גלייך ווי נישט נויטיק און איינגאַנצן איבעריק דער גאַנג מיינער, וואָס איך בין געגאַנגען, און דער „מענטש", וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט.

אין אַ געווויסער מאָס בין איך געווען צופרידן פון מיין ווייבס רואיקייט און פון איר שלאָפן. נאָך דעם וועג, וואָס איך האָב אָפּגעאַרבעט מיט דער אַקושערקע, וואָלט איך מיך פיל ערגער געפילט, ווען איך טרעף זי אַן אויקענדיקע, אַ קרעכצנדיקע... איינצייטיק האָט מיך באַאומרואיקט, וואָס פלוצלינג איז דאָס איבערגעריסן געוואָרן... איך האָב געמיינט, אַז וויבאַלד „ס׳הויבט זיך אָן", איז לאָזט עס נישט אָפּ, ביז וואַנען מ׳קומט עס איבער... יאָ, איך האָב מיך אפילו שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי ווערט מען עס אין „מיטן דערינען" אַנטשלאָפן... ס׳האָט ביי מיר אויסגעזען חוץ לדרך הטבע... נאָר זעענדיק, אַז די שוויגער ליגט אַזוי רואיק און קוקט מיט אַ האַלב־אָפן אויגל, איז מסתמא אַלץ אין אָרדנונג...

איך בין צוגעגאַנגען צו דער שוויגער און שטיל אין איר ליגן אַריין אַ פרעג געטון:

— זי שלאָפט שוין לאַנג?

— אַזוי ווי דו ביזט נאָר אַרויס, איז זי אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

געזעצן, אַז די אַקושערקע וויל איר עפּעס זאָגן, האָב איך פֿאַרלאָזט די שוויגער, און ביידע ווייבער האָבן זיך גענומען שושקען צווישן זיך, און איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט, ווי אַ זייטיקער און נישט געוווּסט, וואָס צו טון, און נישט געוווּסט, ווו זיך אַהינצוטון...

איך בין צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט צופֿוסנס ביים בעט, ווו מיין פֿרוי איז געלעגן, און הגם איך האָב געוווּסט, אַז דאָ איז פֿאַר מיר קיין פּלאַץ נישט, און קיין אַרבעט איז דאָס אודאי נישט, אָט דאָס שטיין, האָב איך דאָך געפֿילט, אַז מיין שטיין דאָ צופֿוסנס ביי מיין ווייבס בעט איז פֿאָרט דאָס איינציקע פּלאַץ, וואָס קאָן מיר דינען פֿאַר אַ פּלאַץ און איינצייטיק מיט פֿאַרנומענקייט... אַז איך בין, הייסט עס, מיט שטיין נעבן מיין ווייב פֿאַרנומען...

איך בין געשטאַנען און פֿאַמעלעכינקע געגלעט און געריבן די ניקלנע „גאַלקע" פֿון בעט, וואָס איז מיר צו דער האַנט געווען, און פֿון צייט צו צייט האָב איך אַריינגעקוקט אינם גלאַנץ פֿון אָט דעם קאַלטן מעטאַלענעם קאָלפּעק און געזען דאָרטן אַ פּנים לאַנג און שמאָל ווי אַ פֿינגער, מיט אויגעלעך לאַנגע און מיט אַ לאַנג שטעקעלע און מיט וואָנסעלעך לאַנגע (ס'מיינט, וואָס פֿון דער ברייט פֿון רענדל איז אַ „לענג געוואָרן"), און די מאָרדעטשקע האָט זיך פֿאַרזייערער איז אַ „לענג געוואָרן"), און די מאָרדעטשקע האָט זיך פֿאַרענדיקט שפּיציק און פּלאַטשיק, אַזוי ווי אַ קליין שמאָל דאָליטקעלע. דאָס איז געווען אַ זעלטענע קאַריקאַטור אין מיניאַטור, און ס'האָט מיר אויסגעזען אַזוי אויפֿן פּלאַץ... אַזוי קאָמיש און קאַריקאַטוריש און קינדעריש ווערט אַמאָל דער גייסטיקער צושטאַנד ביי אַ מענטש... ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך גאָר אויף אַזאַ מין אופֿן אָפּגעמאָלט אויף פּאַפּיר דעם גייסטיקן צושטאַנד מיינעם.

ס'איז געווען שטיל... איך האָב נאָך אַזאַ שטילקייט קיינמאָל נישט געהערט... אַ שטילקייט ביינאַכט, ווען מ'דאַרף שלאָפֿן און מ'שלאָפֿט נישט, אַ שטילקייט, ווען מענטשן שלאָפֿן נישט צוליב איינעם אַ מענטש צווישן זיך, און וואָס דער איינער, איבער וועלכן די מענטשן וואַכן, שלאָפֿט דווקא יאָ... ווּעמען וואַכט מען און וואָס וואַכט מען? וואָס איז דאָ וויכטיק, צי דער שלאָף פֿון דעם מענטש, צי דאָס, וואָס ס'וועט קומען נאָך „זיין" שלאָף?... ווער איז וויכטיקער— צי דער מענטש (די פֿרוי), וואָס מיר זעען פֿאַר זיך, צי „יענער מענטש", וואָס מ'האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, און מ'דערוואַרט „זיין

קומען"... וואָס האָט זיך איבער אַן אומבאַוווסטער אורזאַך „אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג".

איך האָב מיך פּאַמעלעכקע און שטיל אַוועקגעזעצט צופוסנס אין מיין ווייבס בעט און ווייטער אַזוי פאָרטגעזעצט מיינע מחשבות, געטראַכט פון דעם „מענטשן", וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג... ווער איז „ער", אָט דער „מענטש", וואָס קלייבט זיך באַווייזן אויף דער ליכטיקער וועלט... און איז דאָס נישט קיין ווונדער, וואָס איך, אַ דערוואַקסענער מענטש, ווייס וועגן אים פּונקט אַזוי פיל, וויפיל ער דאָרטן ווייס וועגן מיר...

ווייטער האָב איך זיך אַריינגעטראַכט וועגן אונז אַליין, ס'הייסט וועגן מיר און וועגן מיין פרוי... צי איז דאָס אַן אָנהויב צי אַ סוף?.. איך מיין, צי איז דאָס אַן אָנהויב פון אַ ניי לעבן ביי אונז אָדער דאָס איז אַ סוף צו דעם שטיק לעבן, וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט ביז אַהערצו...

יאָ, זיכער! אַ סוף צו דעם, וואָס איז געווען ביז אַהער, ס'איז אָבער אַן אָנהויב איינצייטיק... אָבער וואָס זאָגט צו דער אָנהויב: בעסערס פון פאַרגאַנגענעם, צי ערגערס?... איך פיל עפּעס אַן אומעט, אָבער אַזאַ געשמאַקן און זאַפטיקן, וואָס נעמט דורך און דרינגט דורך דאָס גאַנצע וועזן מיינס...

אויפגעהערט זיך צו שושקען, האָט די אַקושערקע אַזוי ווי זי איז געזעסן, האָט זי זיך אַזוי איבערגעקערט „באַזונדיק" ביי דער שוויגער אויפן בעט מיט די הענט פאַרשלאָסן אויפן האַלז און אַקן, און האָט זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט פון בעט מיטן פּנים אַרויף... אויב אַ מענטש קען הייסן אַ מענטש אַפילו אַז ער איז אַן פּיס, איז זי, קען מען זאָגן, מיט איר גאַנצער מענטשישקייט געלעגן אויסגעצויגן אין דער ברייט פון בעט, און די פּיס אירע זענען דאָרטן ערגעץ אַראָפּגעהאָנגען.

זי האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט אַזאַ ליגן, וואָס זי האָט צו יעדער צייט געקאָנט כאַפּן אַ דרימל און איז צו יעדער צייט גרייט געווען אויפצושטיין... און ס'האָט מיך פאַרדראָסן אויף איר און אויף זיך... ס'האָט מיך פאַרדראָסן, פאַרוואָס איז דאָס איר איינגעפאַלן און נישט מיר אַזוי זיך אַוועקלייגן דאָ מיין ווייב אין בעט צופוסנס... קיינער, פאַרשטייט זיך, האָט עס מיר נישט פאַרווערט אויך איצט

דאָס צו טון, נאָר ס'וואָלט דאָך שוין זיכער ביי איר אויסגעקומען אַז איך טו דאָס מיט אַ געוויסן צוועק... אָט ווייל זי האָט זיך צוגעלייגט, איז דערפֿאַר טו איך עס אויך.

יאָ... טאָ וואָס פּאָרט זאָל איך טון? אַוועקגיין און זיך לייגן שלאָפֿן, פּאַסט עפּעס נישט... זיי, זי און מיין שוויגער, ליגן דאָ לעבן „איר" און מיט זייער ליגן לעבן „איר" טוען זיי דאָס, וואָס זיי האָבן לעת־עתּה פֿאַר איר צו טון... און ווען איך לייג זיך דאָ, וואָלט עס אויך געהייסן דאָס זעלבע... אָבער דאָרטן זיך לייגן, וועט עס שוין הייסן עפּעס אַנדערש... אַז איך טו עס שוין אינגאַנצן פֿאַר זיך... אַז פּשוט איך בין געגאַנגען זיך לייגן שלאָפֿן... די שוויגער איז געלעגן ווי אַ באַראָנעסע, גלייך ווי מיט איר ליגן וואָלט זי גאָט ווייסט וואָס אויפֿגעטון פֿאַר דער טאָכטער... זי איז געלעגן מיט אַזאַ גדלות, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט דאָ ווייזן, אַז ס'איז אייגנטלעך קיין גרויסער חילוק נישט, צי די טאָכטער גייט צו קינד, צי זי...

איך האָב באמת ביידע מקנא געווען — דער שוויגער און דער אַקושערקע, וואָס ביידע זענען זיי אין זייערע ראָלעס און ווייסן, וואָס זיי וועלן שפּעטער האָבן צו טון, און דערפֿאַר איז דאָס איצטיקע גאָרנישט טאָן זייערס אַזוי גלייך, ווי זיי וואָלטן עפּעס יאָ געטון פֿאַר „איר"... און איך, אַזוי ווי איך ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט מיר שטייט פֿאָר שפּעטער, איז דערפֿאַר אַליין פֿיל איך זיך שוין באַצייטנס שולדיק, דערפֿאַר האָב איך אַזאַ איינדרוק, אַז אפֿילו איצט, הגם זיי אַליין האָבן נאָך אויך גאָרנישט וואָס צו טון, איז פֿיל איך מיך שוין באַצייטנס שלעכט מיט מיין גאָרנישט טון... זיץ איך ווי אַ גולם! זיץ און ווייס, אַז איך באַדאַרף נישט זיצן, אַז איך ברענג קיינעם קיין נוצן נישט מיט מיין זיצן.

איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַ נאַרישקייט: אַז ביי אַ קינפּעטאָווין באַדאַרף מען האָבן שיר המעלותן. און ווייסנדיק, אַז אַלץ נויטיקס, וואָס וועט נויטיק זיין, איז שוין צוגעגרייט, און ווילנדיק באַווייזן פֿאַר מיין שוויגער און פֿאַר מיין אַקושערקע, אַז מיין קאָפּ איז אינגאַנצן מיט איר, מיט מיינער, פֿאַרנומען, האָב איך מעגלעכסט שטיל זי אַ רוף געטון:

— שוויגער!

און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— איר ווייסט, שוויגער, בײַ אונז איז דאָך קיין שיר־המע ניטאָ.

און דאָ בין איך זייער מיאוס דורכגעפאַלן. מיר איז גאָר לגמרי פון זינען אַרויס, אַז ס׳זענען פאַראַן שיר המעלותן לזכר און שיר המעלותן לנקבה. די שוויגער האָט זיך גאַנץ היבשלעך צעשמייכלט און געזאָגט:

— פון וואַנעט ווייסטו, וואָס פאַר אַ שיר המעלותן דו וועסט דאַרפן?

— וואָס מיינט איר?

— דו ווייסט דאָך נישט, צי ס׳וועט זיין אַ יינגל צי אַ מיידל.

איך האָב זיך אָבער אַרויסגעדרייט און געזאָגט, אַז דאָס מאַכט נישט אויס, אַז ס׳באַטרעפט אַזאַ קלייניקייט, אַז מ׳קען זיך פאַרגינען צו קויפן עטלעכע פאָר אַ זכר און עטלעכע פאָר אַ נקבה.

איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי אָט די אשר־יצרלעך וואָלטן געווען איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס מען קען זיך אָן זיי נישט באַגיין. די שוויגער האָט קענטיק איינגעזען, אַז איך בין גערעכט, און האָט געזאָגט:

— נו, אַז דו וועסט וועלן, וועסטו צולויפן אין דער פרי און ברענגען.

און איך האָב באמת מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז ס׳זאָל טאָג ווערן, און איך זאָל האָבן אַ גוטע געלעגנהייט זיך אַרויסצוכאַפּן אויף דער פרייער לופט אויף אַ האַלבער שעה, צי אויף אַ שעה.

זיך באַזאָרגט מיט „אַן אַרבעט”, האָב איך מיך שוין גענומען דאָס רעכט, און האָב זיך אויסגעצויגן אויף מיין ווייבס בעט, וווּ איך בין פריער געזעסן. און אַזוי וויביידע בעטן זענען געשטאַנען איינע נעבן דער אַנדערער, איז דעריבער אַזוי אויסגעקומען, אַז מיין קאָפּ איז זיך צונויפגעקומען מיט דער אַקושערקעס קאָפּ.

איך האָב מיך גלייך געטון אַ רוק אַראָפּ צו מיינע פיס, און האָב אַריינגעטראַכט וועגן דער ווונדערלעכער גליקזעליקייט, וואָס איך פיל צו אָט דער יונגפרוי אָדער מיידל. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך פיל אַזאַ גליקזעליקייט, און ס׳האָט שוין גאָר ביי מיר אַרויסגערופן אַ שמייכל, וואָס זי קען זיך דאָרטן טראַכטן, אַז דאָס האָב איך זיך אומיסטן צוגעשפּאַרט דאָ, כדי ס׳זאָל אַזוי אויסקומען, אַז איך ליג נעבן איר...

און דאָ האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַ קוק צו טון איר אין פנים.

און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך אויפגעהויבן מיין קאָפּ און מיינע אַקסלען אין דער הויך און איר פאַרקוקט אין פאַרקערטן פנים אַריין, און זי האָט אַזוי גלייך איבערגעקערט די אויגן און אַריבערגעקוקט איבער איר שטערן צו מיר, און איך האָב דערזען גאָר אַן אַנדער פנים. איך האָב פאַרקערטערהייט זי נישט אָנגעהויבן צו דערקענען. און מערקווירדיק, וואָס אָט די אומבאַקאַנטקייט האָט מיר אויסגעזען באַקאַנטער און נאָענטער ווי די פריערדיקע באַקאַנטשאַפט.

— איר זעט מיר אויס ווי אַ באַקאַנטע — האָב איך צו איר געזאָגט שטיל אין די איבערגעקערטע אויגן אַריין.

— וואָס מיינט איר? — האָט זי אַ פרעג געטון...

— איך ווייס אויך נישט... עפּעס איצט אָ, איבערגעקערטערהייט, זעט איר מיר אויס באַקאַנטער ווי פריער...

— איך פאַרשטיי אייך נישט...

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— ...איר זעט מיר איצט אויס גאָר אַ נייע, אַ נייער מענטש...

— נו, איז וואָס?

— נו, גאָרנישט... דאָס איז דאָס, וואָס נאָך ווילט איר?

דאָס מויל אירס האָט געשמייכלט מיט אַן איבערגעקערט שמייכעלע... הגם ס'האָט ווייט נישט אויסגעזען ווי אַ שמייכעלע... איך האָב זיך נאָר אָנגעשטויסן, אַז דאָס באַדאַרף עס זיין, ווייל די ליפּן האָבן זי צעצויגן און צענומען...

— יאָ, איר שמייכלט איצט?

די אויגן אירע האָבן זיך נאָך שטאַרקער אַריבערגעקייקלט און מיט מער אָנגעשטרענגטקייט געקוקט אויף מיר אַריבער איר שטערן... אַדאַנק דעם האָבן זיך די אויגן פאַרוואַנדלט אין צוויי קוקערס פון עפּעס אַ מיסטעריעזער וועלט... עפּעס אַ מאָדנע פאַרשפּיצטקייט איז אין דער פאַרקייקלטקייט פון די אויגן געלעגן, און די שאַרפע פאַרשפּיצטקייט האָט זיך פאַרענדיקט סאַמע הינטער די איבערשטע אויגן־דעקלעך...

— אינטערעסאַנט אַזוי אַראָפּצוכאַפּן אַ מענטשן — האָב איך געזאָגט...

און נישט האָבנדיק מער מיט איר וועגן וואָס צו רעדן, האָב איך אַזוי אַ קוק געכאַפּט אויף מיין שוויגער, וואָס איז שוין געלעגן

מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויף מײַנער אַ קוק געוואָרפן, און אַ פרעג געטון:

— הערט, וואָס איז די מעשה?

— מיט וואָס?

איך האָב אָנגעוויזן מיט אַ דריי מיט מײַן פּנים צו מײַנער:

— וואָס, זי איז גאָר אינמיטן דערינען אַנטשלאָפן געוואָרן?... אַבי איך בין געלאָפן צו אײַך אָן אַן אָטעם... איך האָב געמיינט, אַז אָט־אָ־טאָ...

— מסתם איז נאָך נישט די צײַט...

— ס'קאָן זיך נאָך לאַנג פאַרציען?

— אפילו אַכט טאָג. — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן, אַז מ'קאָן גאָרנישט וויסן, און געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַזאַ טאָן, ווי נאָר זי קאָן אַזעלכס וויסן, אַז מען קאָן גאָר נישט וויסן.

— הייסט עס, האָב איך נאָך, רעכנט איר, צײַט מיט די שיר המעלותן.

— איר האַלט פון די זאַכן? — האָט דאָס איבערגעקערטע מויל אַ זאָג געטון, און דערבײַ האָבן זיך די ליפּן ברייט צענומען. קענטיק, אַז זי האָט געשמייכלט, און די איבערגעקערטע אויגן האָבן זיך נאָך שפּיציקער אָנגעשפּיצט...

— וואָס איז דער חילוק, צי איך האַלט דערפון, צי נישט... האַלטן אַנדערע...

און שפּעטער אַ מינוט האָב איך געזאָגט:

— אויב אַזוי, מעג מען זיך טאַקע גיין צולייגן...

— איר האָט אַזוי אויך געמעגט...

— איך מיין, אפילו איר אויך...

— איך?

— איר קאָנט זיך גיין דאָרטן צולייגן אויף מײַן געלעגער...

— נו, און איר?

— איך?

די שוויגער האָט די אויגן געעפנט און גענומען קוקן אויף אונז ביידן מיט אַזאַ קוקן, ווי מיר וואָלטן דאָ פאַר איר געקומען אומגעריכט... נאַכהער האָט זי אויסגעדרייט דאָס פּנים מיט די נאָר וואָס צעעפנטע אויגן צו דער טאָכטער, און שפּעטער האָט זי ברייט און שטיל אָפּגעגענעצט, ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין געשלאָפן און באַ־

דאַרף נאָך שלאָפן. איך האָב מיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער שוויגער און גאַנץ שטיל געזאָגט:

– שוויגער, זי, די אַקושערקע, זאָגט, אַז מ׳קאָן גאָר נישט וויסן.

– וואָס מיינסטו?...

– ...אַז מ׳קאָן נישט וויסן, וויפל צייט ס׳קאָן נאָך נעמען...

– נו, טאָ וואָס-זשע ווילסטו?

– איך מיין, איך קאָן מיך דערווייל גיין צולייגן.

– האָסט עס פריער אויך געמעגט... ווער באַדאַרף דיך זאָ?...

איך האָב מיך, „אַזוי ווי איך בין געגאַנגען און געשטאַנען", אַריינגעוואָרפן אין מיין געלעגער אַריין מיט די פאַרבלאָטיקטע שיך און מיט די פאַרנעצטע קאַלאָשן פון די הויזן ביי די שיך... און גלייך ווי איך האָב זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם געלעגער, האָב איך גלייך פאַרגעסן אין דער אַקושערקע, אין מיין שוויגער, אין מיין ווייב און אפילו אין זיך אַליין... פון אַלעם און פון מיר איז אַ שטיק שלאָף געוואָרן...

אַז דו פאַלסט אַריין אין אַ שטאַרקן שלאָף ביינאַכט, און מ׳גיט דיך אַ טראָג אויף אויפן טאָג, באַקומסטו אַזאַ איינדרוק, אַז דער מענטש, וואָס האָט דיר „אויפגעטראָגן", האָט דיך געגעבן אַ וואָרף איבער פון דער נאַכט אין טאָג אַריין... יאָ, אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט, ווען מיין שוויגער האָט מיך געגעבן אַ וועק אויף, און געזאָגט דערביי:

– וואָס, דו הערסט גאָרנישט?

דעמאָלט, ווען זי האָט עס מיך געפרעגט, האָב איך שוין געהערט.. איך האָב גאָר נישט געהערט ביז דעם פרעגן מיך.

איך האָב מיך זייער שלעכט דערפילט, וואָס אין האָב געקאָנט שלאָפן און נישט הערן מיין ווייבס קולות... דער פאַקט אַליין, וואָס דיין ווייב שרייט און געוואַלדעוועט, און דו קאָנסט שלאָפן און נישט הערן, איז דאָס זייער אַ פּאַסקודנער פאַקט... ס׳איז נאַטירלעך... אָבער דאָך טויג עס נישט... אַז איך האָב געקאָנט שלאָפן און נישט הערן די געשרייען פון מיינעם אַ נאָענטן מענטש, באַווייזט עס, אַז די ווייטאָגן, וואָס מיינער אַ נאָענטער מענטש ליידט, זענען דורכויס „זיינע"

ווייטאָגן. איך האָב מיך דערפילט, אַזוי ווי מ׳וואָלט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט מיט אַ גנבה... איך האָב נישט געהערט, און אין דעם נישט הערן אַליין קאָן מען דאָך שוין אָנזען אַ שטיק נישט געטריי־שאַפט...

און באמת, פאַרוואָס זאָל עס טאַקע אַזוי זיין, פאַרוואָס אַזאַ נישט דאַנקבאַרע שותפות... ס׳וועט דאָך זיין מיין קינד פונקט ווי אירס... מיר וועלן זיין ביידע גלייכע שותפים אינם קינד, טאָ פאַר־וואָס קומט איר, דער מוטער (אָדער דעם ווייב) איינגאַנצן די יסורים, און אים, דעם מאַן (אָדער דעם פאָטער) גאָרנישט?... דאָס איז דאָך די גרעסטע עוולה, וואָס די נאַטור האָט געקאָנט צוטראַכטן, איינע פון די אומערלעכסטע שותפותן, וואָס דער אומאָרנטלעכסטער מענטש אין דער וועלט וואָלט אַזאַ שותפות נישט געמאַכט מיט זיינעם אַ פריינט, אַז דער פריינט זיינער זאָל, אַ שטייגער, ביי אַ געוויסן געשעפט ליידן אַזעלכע יסורים, ווי אַ געווינערין, און דער זאָל האָבן אַ גלייכן חלק אין געשעפט. ווייל ביי דער גרעסטער געטריישאַפט און ליבע, וואָס אַ מאַן פילט צו זיין ווייב, קאָן ער אָט די זאַך פון אַ קינד האָבן נישט איבערנעמען פון איר, און נאָר דערפאַר, וואָס דאָס איז אוממעגלעך, ווילט זיך מאַכן פאַר דעם ווייב און פאַר אַנדערע אַזאַ אָנשטעל, אַז ער איז גרייט אָט די אַלע יסורים איבערצונעמען. ער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער ליידט דערביי מער ווי זייטיקע מענטשן, מעגן די מענטשן זיין פרויען... אַ פרעמדע פרוי, וואָס האָט איינמאָל אַ קינד געבוירן, מ׳זאָל אַזעלכער פון גאַס אַריינרופן, אַז זי זאָל שטיין ביים „צו קינד גיין" פון אַ ווילד פרעמדער און אומבאַקאַנטער פרוי, וואָלט אָט די פרעמדע פרוי פון גאַס פיל מער געוויטיקט און מיטגעפילט דער געווינערין, ווי דער געטרייסטער און ליבסטער מאַן...

די אַקושערקע איז געוועזן שטאַרק פאַרנומען מיט שלייפן זיך די נעגל, און אויף וויפל איך האָב געוווסט, אַז אָט די נעגל־שלייפע־ניש ווערט געטון פאַר דער שרייענדיקער און קרעכצנדיקער, איז עס מיר דאָך אויסגעקומען פריקרע, וואָס דאָ שרייט אַ מענטש, און דאָ שטייט אַ מענטש און שלייפט זיך די נעגל. און ווי וואָלט געוועזן, ווען איך וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט שלייפן און פוצן די נעגל, וואָלט איך מיט דעם באַוויזן פונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס די אַקושערקע באַווייזט. די אַקושערקע באַווייזט מיט איר נעגל־שלייפן, אַז זי האָט

אין זינען די געווינערין, און איך וואָלט מיט דער אַרבעט באַוויזן דעם היפּך...

און וויסנדיק, ווי וויכטיק עס איז פאַר מײַנער אָט די נעגל־שלײַפעניש, וואָס די אַקושערקע שלײַפט זיך, בין איך צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— ווײַזט מיר, איך וועל עס אײַך מאַכן... מיר וועט זײַן באַקוועמער דאָס צו טון פאַר אײַך מיט בײדע הענט, ווי איר טוט עס פאַר זיך מיט אײן האַנט...

— איך זע, אַז איר זוכט זיך אַרבעט — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמײכעלע — גײט בעסער נאָך שיר המעלותן! — און האָט ווידער געשמײכלט.

איך האָב אָנגענומען אַ גאַנץ ערנסטע מינע און געזאָגט צו דער שוויגער:

— שוויגער, זאָל איך גײן נאָך שיר המעלותן.

— גײ, אַז דו ווילסט — האָט די שוויגער מיר געגעבן אַן ענטפער אָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט מײַנער פּטור ווערן.

און איך האָב זיך גלײַך פאַרגענומען צו צײלן וויפל פענסטער און טירן עס געפינען זיך בײַ מיר אין שטוב. און אָפּגעצײלט צוזאַמען זעכצן, באַדאַרף איך, הײסט עס, צוויי און דרײַסיק — זעכצן פאַר אַ זכר, טאָמער וועט עס זײַן אַ זכר, און זעכצן פאַר אַ נקבה, טאָמער וועט עס זײַן אַ נקבה.

— זעכצן! — האָב איך געזאָגט צו דער שוויגער — זעכצן שיר המעלותן באַדאַרף מען האָבן — און געפרעגט, צי אויף דער פּליטע דאַרף מען אויך האָבן אַ שיר המעלות, אַזוי ווי אין דער פּראָווינץ, אין די קלײנע שטעטלעך, הענגט מען שיר המעלותן אויף די קוימענס. איז דערפאַר, האָב איך גערעכנט, דאַרף מען דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, אויפהענגען אַ שיר המעלות אויף דער פּליטע... די שוויגער האָט מיר נישט געענטפערט, און איך האָב מיר שוין אַלײן געענטפערט פאַר איר:

— אַ דאגה, נו, איך וועל נעמען זיבעצן. ס'איז נישט קײן גרויסער באַטרעף, און זיבעצן איז די זעלבע צאָל, וואָס „טוב" באַטרעפט.

איך האָב מיך מיט בײדע הענט געטון אַ טו אָן די הוט אויף מײַן קאָפּ, מיט בײדע הענט אײַנצײַטיק אַ צי געטון פון פאָרנט און

פון הינטן און שוין פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר, האָב איך מיך דערמאָנט עפּעס צו פרעגן, און געעפנט די טיר, האָב איך געפרעגט:

— אפשר באַדאַרף מען נאָך עפּעס?

די אַקושערקע האָט זיך גענומען אויספרעגן ביי דער שוויגער, צי ס'איז דאָ דאָס און יענץ, און די שוויגער האָט אויף יעדער זאַך, וואָס די אַקושערקע האָט איר געפרעגט צי ס'איז דאָ, האָט זי געענטפערט, אַז ס'איז דאָ, און איך בין ראַש פון שטוב אַרויס. ערשט ווען איך האָב מיך שוין געהאַט פון אַ היכשער צאָל טרעפּ אַראָפּגעלאָזט, האָב איך דערהערט דער אַקושערקעס קול, אַז די אַקושערקע רופט מיך. איך בין אַרויף צוריק, און די אַקושערקע האָט מיר געהייסן קויפן אַ געוויסע זאַך... אַזאַ מין זאַך, וואָס אַראָפּשרייען צו מיר, איך זאָל די זאַך קויפן, האָט זי נישט געקאָנט. און חוץ דעם האָט זי מיר וועגן דער זאַך, וואָס זי וויל איך זאָל קויפן, מיר געהאַט צו זאָגן עפּעס וועגן איר:

— מ'קען זיך אפילו באַגיין אָן דעם... ס'איז אָבער אַן אייביקע זאַך... איר וועט עס איינמאָל קויפן, וועט איר עס האָבן אויף אַלע יאָר...

— איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט די ווערטער „אַלע יאָר”, צי האָט זי געמיינט אויף אַלע יאָרן, צי האָט זי געמיינט אויף אַלע יאָר, ווען, הייסט עס, מיין ווייב וועט געלעגן ווערן אַלע יאָר, וועט עס מיר אַלע יאָר צונוץ קומען...

איך האָב איר געפרעגט, וואָס זי מיינט, און נאָך איר שמייכלען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט נישט „אויף אַלע יאָרן”, באָר טאַקע אויף אַלע יאָר...

— פאַר אייך וואָלט עס אודאי נישט שלעכט געווען...

— וואָס?...

— איר וואָלט אַלע יאָר געהאַט אַ פּראַקטיקע...

זי האָט געשמייכלט, און איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— ווי רעכנט איר, אַז אַזעלכעס איז מעגלעך?...

— וואָס?...

—...אַז איינער אַ מאַן זאָל זיך פאַרליבן אין אַן אַקושערקע, און ער, דער מאַן, זאָל צוליב איר, פאַר אירס וועגן, יעדעס יאָר צושטעלן איר אַ פּראַקטיקע?...

זי האָט אין מיר אריינגעשמייכלט:
– וואָס אייך קאָן איינפאַלן!
– איר רעכנט, אַז אַזעלכס זאָל זיין מעגלעך?
– אפשר ביי אייך! – האָט זי געזאָגט ברייט שמייכלענדיק.
– איר האָט אַ גרויסן טעות אין מיר... איך וואָלט נישט פּעאיק געווען אויף אַזאַ מין זאַך...
– טאָ ווי פאַלט אייך גאָר אַזעלכס איין?
געקוקט איר אין פּנים אַריין, האָב איך געזען, אַז ער האָט יענעם אויסדרוק, וואָס אַ פּנים פון אַ יונגפרוי דריקט אויס, ווען זי, די יונגפרוי, געפינט זיך אין דער קעגנוואַרט פון אַ מאַן, אין וועלכן זי איז זיכער, אַז זי געפעלט דעם מאַן, און דאָס האָט מיך זייער פאַרדראָסן... הגם זי איז נישט שולדיק געווען אין דעם, וואָס זי האָט אַזעלכס געמיינט, ווייל, נאָך מיין האַנדלונג, האָט יעדע איינע אויף איר אָרט געקאָנט דאָסזעלבע דענקען... דאָך האָט עס מיר פאַרדראָסן, וויסנדיק און פילנדיק ביי זיך, אַז נישט נאָר זי געפעלט מיר נישט, אַז איך פיל אַפילו צו איר אַ פיזישן אָפּשטויס...
יאָ, ס'איז נישט שווער אַ פרוי צו מאַכן גלויבן, אַז זי געפעלט דיר, דערפאַר איז אָבער אוממעגלעך צו איבערצייגן, אַז זי געפעלט דיר נישט.
– איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס איר דענקט וועגן מיר...
– איך וועגן אייך?...
– יאָ, איר וועגן מיר.
– טאַקע שוין, באַלד דאָ אויפן אָרט ווילט איר עס וויסן? – האָט זי זיך געפידלט איבער מיר.
– אויב ס'איז מעגלעך...
– איך האָב מורא, ס'וועט אייך נישט שמעקן...
– זאָגט, זאָגט, זאָגט. ס'מאַכט נישט אויס. זאָגט, וואָס איר האָט צו זאָגן...
זי האָט געשוויגן.
– נו?...
– זאָל שוין זיין אויף אַ צווייטן מאָל...
– ניין, איר מוזט שוין זאָגן, אַז איר האָט אָנגעהויבן.

זי האָט איינס-און-צוויי אַ שלייף געטון מיטן פיילעכל אַ נאָגל און איז אַרויס מיט אַזאַ מאמרל:

— איך וואָלט שוין אויף אייך אייער ווייבס לעבן נישט פאַר־טרויט...

— וואָס מיינט איר?

זי האָט ווייטער אַזוי אין זיך אַריינגעשמייכלט, קאָקעטיש גע־פיילט אַ נאָגל און פאָרגעזעצט מיט ישוב-הדעת:

— ס'טרעפט אַמאָל, איר ווייסט, אַז אַ דאָקטאָר גיט אַ פרעג ביים מאַן, וואָס דער מאַן וויל האָבן, דאָס ווייב צי דאָס קינד...

— איך פאַרשטיי אייך נישט!

— ס'טרעפט אַמאָל, אַ פרוי גייט זייער שווער צו קינד, אַז זי געפינט זיך אין אַזעלכע שווערע אומשטענדן, וואָס איז נישט מעג־לעך, אַז די געווינערין זאָל האָבען דאָס קינד און זי זאָל בלייבן לעבן... פאַרקערט, ווידער, דער דאָקטאָר קאָן מאַכן אַזוי, אַז דאָס קינד זאָל אָפּשטאַרבן, און די מוטער זאָל בלייבן לעבן... אין אַזאַ פאַל פרעגט אַמאָל דער דאָקטאָר ביים מאַן, וואָס ער וויל בעסער: זאָל בלייבן לעבן דאָס ווייב צי דאָס קינד...

— נו, יאָ, נו?

— ווען דאָ וואָלט עס, באַהיט גאָט, ביי דעם געהאַלטן, וואָלט איך שוין נישט דערלאָזט, אַז דער דאָקטאָר זאָל זיך מיט אייך אַן עצה האַלטן...

איך בין געבליבן אָן לשון... אָט ווי זי האַלט שוין מיט מיר... איך האָב דערפילט, אַז מיינע אויגן שיסן מיט פייער...

— אַזוי, אַזוי ווייט האַלט איר שוין מיט מיר?...

און געזען, אַז זי קלויבט זיך שוין אַריינצוגיין אין שטוב, האָב איך זי אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט, זי אַ שלעפּ געטון אויף צוריק, און געזאָגט מיט איינגעהאַלטנקייט און פאַרביסנקייט:

— נו, וואָס נאָך?

געזען, אַז זי שווייגט, האָב איך זיך ממש געבעטן ביי איר:

— זאָגט, זאָגט, האָט קיין מורא נישט... זאָגט, וואָס איר האָט צו זאָגן, זאָגט...

זי האָט געשוויגן, און איך בין, פון רגע צו רגע, אַלץ פלאַ־מענדיקער געוואָרן.

— זאָגט, זאָגט!... איך שווער אייך... איך שווער אייך, נו, ביי וואָס איר ווילט, אַז איכל...

— ביי אַלצדינג, נאָר נישט ביי אייער ווייב — האָט זי מיר געגעבן אַ פּאָר אַריין.

איך האָב פּאַרציפּעט מיט די ציין, און אָנגענומען אַ פולע האַנט מיט באַקנפלייש, האָב איך עס אַזוי אַ ריס געטון, מיטן גאַנצן כח, וואָס איז אין דער האַנט געלעגן... זי האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— אַז אַ מאַן קאָן אין אַזאַ צייט, ווען ער פירט די אַקושערקע צו דער ווייב, ווען ער קען זיך איר, דער אַקושערקע...

— דערקלערן אין ליבע! — האָב איך אינגאַנצן אַ פלאַמענדיקער פאַרענדיקט דאָס, וואָס זי האָט נישט דערזאָגט.

זי האָט קענטיק דערשפּירט דעם טאָן און אַ פרעג געטון:

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך פון אייך?..

— וואָס דען, איך פון אייך?

איך בין געשטאַנען, ווי אַ פּאַראַליזירטער, און זי האָט מיר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיינעם אַן אַקסל, און פּאַמעלעכקע אָט דעם אַקסל מיינעם אַ טאָרע געטון, האָט זי מיט יענער ווייכקייט, ווי ס'רעדט אַמאָל אַ געזונטער צו אַ קראַנקן, און מיט יענער מיושבדיקייט, ווי עס רעדט אַמאָל אַ מיושבער צו איינעם, וואָס איז אַראָפּ פון די פּאַנטאַלינעס, מיט אַזאַ טאָן האָט זי געזאָגט צו מיר:

— נו, גייט שוין, נו... ברענגט שיר המעלותן...

איך האָב געפילט, אַז אָט-אָט, נאָך אַביסעלע, וועל איך, פּאַרלירן די קאָנטראָל איבער זיך, און וועל זיך אַרויפוואַרפן אויף איר מיט מיינע ביידע הענט, און מיט אַלע פינגער, וויפל די ביידע הענט פאַרמאָגן, און וועל „אָפּעקן" מיט איר... און מורא האָבנדיק, איך זאָל עס טאַקע נישט טון, האָב איך געמאַכט אַ טריט און זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ זייט צו איר, געמאַכט אַ צווייטן טריט, און שוין געשטאַנען צו איר מיט דער פּלייצע... איך האָב געהערט, ווי זי האָט געעפנט די טיר און זי צוגעמאַכט, און איך האָב מיך אַ היבשע צייט נישט געקאָנט רירן פון אָרט... ענדלעך בין איך אַריין אין שטוב און אַ רוף געטון די שוויגער:

— שוויגער!

איך האָב זי אַרויסגעפֿירט אין קאָרידאָר, און געזאָגט צו איר

— שוויגער, איך וויל רופֿן אַ דאָקטאָר.

די שוויגער איז געבליבן אַ טויטע:

— אַ דאָקטאָר? וואָס פּלוצים? זי האָט דיר געהייסן רופֿן אַ דאָקטאָר?

— ניין, איך האָב מיט איר נישט גערעדט וועגן דעם... איך וויל, זי זאָל אינגאַנצן נישט וויסן וועגן דעם...

— אָבער, וואָס גאָר פּלוצים?

— אַזוי... איך וויל זיך אויף איר נישט פֿאַרלאָזן... איר פֿאַרשטייט, ס'איז אַן ערשטלינג...

די שוויגער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— נו, מהיכא תיתא, אַז דו ווילסט — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן — ס'וועט זיך עס אָנצינדן אַ העליש פֿייער...

און דאָס איז טאַקע געווען מײַן הויפּט-ציל... ס'זאָל זיך אין איר „אָנצינדן אַ העליש פֿייער". אין דעם מאָמענט האָב איך דאָך עפּעס אַנדערש נישט געקענט טון און בכלל עפּעס אַנדערש קיין רעכט נישט געהאַט צו טון... ווײַל נאָך אַלעמען בין איך דאָך פֿאָרט שולדיק אין דער גאַנצער חתונה... דאָ אָבער וועט זי גאָרנישט קענען איבערטראַכטן, און אײַנצייטיק וועל איך איר האָבן באַוויזן, ווי געטריי און איבערגעגעבן איך בין מײַן פֿרוי... אַלזאָ, צוויי האָזן מיט איין שאָס...

איך בין אַוועק, און געקומען אין אַ שעה אַנדערטהאַלבען אַרום מיט די שיר המעלותן, האָב איך ווידער געטראָפֿן מײַן פֿרוי ליגן רויִק און שטיל... איך האָב אַרויסגערופֿן מײַן שוויגער און געזאָגט צו איר:

— אין אַ שעה אַרום וועט דאָ זײַן דער דאָקטאָר אַקושער סקוויר־סקי.

— איך מיין אָבער, אַז זי וואָלט עס פֿריער געדאַרפֿט וויסן.

— ווער?

— רייזל (מײַן פֿרוי). דער דאָקטאָר וועט פּלוצלונג אָנקומען, וועט זי זיך דערשרעקן, און מײנען גאָט ווייס וואָס.

— נו, באַדאַרף מען איר זאָגן.

— נו, און די אַקושערקע? דו ווילסט דאָך נישט, אַז זי זאָל וויסן פֿריער.

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— אויב ס'ווערט זיך יאָ אין איר אָנצינדן אַ העליש פֿײַער, איז גלײַכער, ער זאָל זיך אָנצינדן און זי אַ סמאַליע טון מיטאַמאָל... אַזוי וועט זי ברענען פֿריער און נאָכדעם, איז גלײַכער, זי זאָל אַ פֿלאַקער טון איינעם אַ פֿלאַקער און שוין...

די שוויגער האָט איינגעזען, אַז איך בין גערעכט, אַז איך רעד ווי אַ פּראַקטישער מענטש, און ס'איז געבליבן בײַ אונז, אַז די אַקו־שערקע זאָל נישט וויסן פֿון דאָקטאָר, ביז דער דאָקטאָר וועט קומען. נאָר איר רייזלען, מײַן ווײַב, דאַרף מען דאָס געבן פֿריער צו וויסן, כּדי זי זאָל זיך נישט איבערשרעקן. ס'איז נאָר געבליבן איין אָפּהאַלט: ווי אַזוי שלעפּט מען פֿון דאָרטן אַרויס די אַקושערקע?

— אפשר האָט איר, שוויגער, איר, דער אַקושעורקע עפּעס צו זאָגן כּלומרשט אַזעלכס, וואָס רייזל באַדאַרף נישט הערן, וועט איר זי אַרויסרופֿן, און איך וועל אַרײַנגיין צו רייזלען פֿאַר דער צײַט און איר זאָגן, אַז דער דאָקטאָר וועט באַלד קומען צו איר מיט אַ וויזיט.

די שוויגער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט, אַז נײן, אַז זי קען גאָרנישט צוטראַכטן עפּעס אַזעלכס, וואָס זי זאָל איר זאָגן, און רייזל זאָל עס נישט טאָרן הערן...

— אפשר האָסטו עפּעס אַזעלכס?

און ווילנדיק נישט ווילנדיק האָב איך געמוזט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו. נישט לאַנג געטראַכט, בין איך אַרײַן אין שלאָפֿצימער און אַ ווונק געטון צו דער אַקושערקע און גלײַך זיך געלאָזט אַוועק־גיין, הערנדיק ווי זי גייט מיר נאָך. איך בין אַרויס אין קאָרידאָר, זי נאָך מיר און צוגעמאַכט הינטער איר די טיר.

— וואָס איז שוין ווײַטער? — האָט זי אַ נישט־צופֿרידענע אַ פֿרעג געטון.

איך האָב געקוקט אויף איר אַ ווײַלע, די ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— הערט, לאָמיר אינגאַנצן פֿאַרגעסן, וואָס ס'איז צווישן אונדז פֿאָרגעקומען.

— איך האָב שוין פֿאַרגעסן — האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ צוקוועטש אויפֿן „שוין".

— איר פֿאַרשטייט, ס'האָט מיך זייער פֿאַרדראָסן אָט דאָס־אָ, וואָס איר האָט געזאָגט... ווען איך וואָלט אַפֿילו געווען פֿאַרליבט אין

אייך, ווי איר שטעלט זיך עס פאָר, וואָלט עס אַלץ נישט געהאַלטן דערביי, ביי דעם, וואָס איר האָט געזאָגט...

— איך האָב מיר געמאַכט אַ געלעכטער — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.

— און איך האָב מיך דאָך אויך געמאַכט אַ געלעכטער...

— זענען מיר קוויט!

— ניין, ווי איך זע, ווי איך דערקען אָן אייך, גלויבט איר מיר נישט...

— וואָס גלויב איך אייך נישט?

— אָט דאָס וואָס איך זאָג, אַז איך האָב געמאַכט אַ געלעכ־טער...

— איך האָב דאָס שוין אויך פאַרגעסן.

— ניין, דאָס איז נישט אמת, איר האָט עס נישט פאַרגעסן... ווייל אַזעלכס קאָן מען נישט פאַרגעסן...

— יאָ?... אַבי איר פאַרשטייט עס אַליין...

— אָבער איך האָב עס דאָך צוליב דעם אַליין טאַקע געטון...

— צוליב וואָס? — האָט זי מיט ערנסטקייט געפרעגט.

— צו איבעראַשן אייך!...

— איך פאַרשטיי אייך נישט...

— ס׳איז דאָך אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, אַיאָ?...

— וואָס?

— אָט דאָס, אַ שטייגער, ווען מיר זאָלן זיך פאָרשטעלן אַזעלכס אין דער ווירקלעכקייט, ווי אַ מאַן פירט די אַקושערקע צו דער ווייב, און... און...

— נו? נו?

— איז האָב איך עס צוליב דעם געטון.

— צוליב וואָס?

איך האָב שוין ווידער דערפילט, אַז איך ברען, און אַז דאָס געדולד מיינס שפּאַרט שוין אָן אויף דער לעצטער אָקטאַווע... איך האָב זיך אָבער מיט אַלע מיינע כּוחות באַהערשט, און געזאָגט:

— פאַרוואָס דערפילן אייערע לייט יעדן ווונק און קער און יעדע מינע פון אַ מאַן, ווען ער פילט עפּעס צו אייך, און פאַרוואָס ווערט איר אַזוי טויב, בלינד און טעמפּ, ווען ס׳איז פּונקט פאַרקערט, ווען איינער...

— ווען איינער וואָס?

איך האָב געשוויגן אַ היבשע צייט און אַרויסגעפּאָרן מיט אַזאַ פראַגע:

— איר גלויבט, אַז אין אייך זאָל מען זיך קאָנען פאַרליבן?

— צי איך גלויב? פאַרוואָס זאָל איך נישט גלויבן? אַוודאי גלויב איך!...

— גוט... איר גלויבט, ווייל אַזוי איז אייך אָנגענעמער. אָבער פאַרוואָס קאָנט איר זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ס'קאָן אַמאָל זיין פּונקט פאַרקערט?

— וואָס?

— אַז איר זאָלט אָנטרעפן אויף איינעם, וואָס זאָל אייך האַסן...

— ס'קאָן אַזעלכס אויך טרעפן...

— יאָ, איר דערלאָזט עס?

זי האָט זיך ברייט צעשמייכלט, און מיר אַזוי אַריינגעזאָגט:

— איר ווילט, איך זאָל מיינען, אַז דאָס זענט איר דעריע-ניקער?...

— יאָ!...

— נו, גוט!... גלויב איך אייך!...

פּלוצים דערהערט פון אינעווייניק אַ היסטערישן אויסברוך; אַריינגעלאָפן אין שטוב, האָב איך דערזען דאָס ווייב מיינע ספּאַזמירן. דאָס מויל איז ביי איר געווען אָפן, די אויגן פאַרקייקלט, און די ברוסט האָט זיך געטראָגן און געהויבן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט אַרויף און אַראָפּ. די אַקושערקע איז צוגעשטאַנען צו דער שוויגער, זי זאָל איר זאָגן, וואָס איז דאָ אַזעלכס פאָרגעקומען. איין מאָל און צוויי מאָל, און די שוויגער האָט באַין ברירה געמוזט אַרויס מיט לשון, און דער „לשון" איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקס:

זי, מיין פרוי, האָט באַמערקט, אַז איך האָב אַ ווונק געטון צו דער אַקושערקע, און דאָ איינצייטיק האָט איר די שוויגער דערציילט, אַז דאָ אַהער צו איר וועט באַלד קומען דער דאָקטאָר, האָט זי זיך פאַרביידע זאַכן דערשראָקן און זיך צעוויינט און אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי האָט אַ ספּאַזמע באַקומען.

די אַקושערקע, דערהערנדיק, אַז דער דאָקטאָר דאַרף דאָ אַהער באַלד קומען, איז געבליבן אַ טויטע... זי האָט געקוקט אויף מיר און אויף דער שוויגער, געקוקט אויףביידן און נישט געוווּסט קענטיק

אויף ווײַטן פֿריִער צו קוקן... איך האָב מיך כּלומרשט אײַנגעצן נישט זעענדיק געמאַכט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך זע זי גאָר אײַנגאַנצן נישט, און אַז איך בין אײַנגאַנצן מיט מײַן פֿרוי פֿאַרטראָגן. ענדלעך איז די אַקושערקע אַרויס מיט לשון:

— צו וואָס איז אַ דאָקטאָר, צו וואָס?

קײנער האָט איר נישט געענטפֿערט, און איך, מאַכנדיק זיך נישט הערנדיק, אַז זי פֿרעגט עפּעס און איגנאָרירנדיק די גאַנצע פֿראַגע אירע, האָב איך אײַנצײַטיק געוואָלט באַרויִקן מײַן ווײַב מיט די זעלבע ווערטער דער אַקושערקעס, וואָס איך האָב מכּלומרשט נישט געהערט.

— נו, דו הערסט דאָך, אַז זי פֿרעגט, צו וואָס איז אַ דאָקטאָר, צו וואָס.

און די אַקושערקע איז ווײַטער צוגעשטאַנען:

— ווער האָט עס גערופֿן דעם דאָקטאָר, ווער?

און איך, ווײַטער נישט ענטפֿערנדיק און זיך נישט הערנדיק געמאַכט, אַז זי פֿרעגט עפּעס, האָב ווידער אויפֿגעכאַפּט דער אַקושערקעס ווערטער און געוואָלט מיט זײ באַרוהיקן מײַן היסטערישע פֿרוי.

— דו הערסט דאָך, אַז זי ווייס אַפֿילו נישט, ווער ס׳איז נאָכן דאָקטאָר געגאַנגען.

די אַקושערקע האָט זיך געווענדט דירעקט צו מיר:

— איר האָט גערופֿן דעם דאָקטאָר?

— איך!...

— צו וואָס?

— ווײַל... ווײַל ס׳איז אַן ערשטלינג!...

— נו, איז וואָס, אַז אַן ערשטלינג?

— האָב איך מורא געהאַט...

— צו שטעלן אויף מיר?

איך האָב געשוויגן.

— צי רעכנט איר, אַז ווען ס׳וואָלט עפּעס געווען נישט אין אָרדענונג, וואָלט איך אַליין אײַך נישט געשיקט נאָכן דאָקטאָר?

איך האָב געשוויגן...

— און אַז איר זענט שוין יאָ געגאַנגען, פֿאַרוואָס האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַז איר גײט, וואָלט איך אײַך געזאָגט וועלכן דאָקטאָר צו רופֿן.

— איך האָב אַליין נישט געוווסט... איך בין געגאַנגען נאָך די שיר המעלותן, האָב איך דערזען אויף אַ „טאַבליצע”: „דאָקטאָר אַקושער סווירסקי”, און איך האָב געהערט, אַז ער איז זייער אַ גוטער דאָקטאָר, בין איך צו אים...

און דאָ איז מיר אַריינגעפאָרן די שוויגער אין מיטן:

— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז מ׳באַדאַרף נישט.

און דאָ האָט זיך ווירקלעך אין דער אַקושערקע „אָנגעצונדן אַ העליש פייער”. זי האָט אַ וואָרף געטון אויף מיר צוויי צעגליטע אויגן, און פול מיט גאַל געזאָגט:

— און ער זאָגט, אַז גייענדיק נאָך די שיר המעלותן, איז דאָס אים ערשט איינגעפאַלן.

און איך בין אָנגעפאַלן אויף דער שוויגער:

— שוויגער, איר האָט נישט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף נישט, איר האָט נאָר געזאָגט...

— איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז ס׳וועט איר פאַרדריסן?

— יאָ, דאָס האָט איר יאָ געזאָגט... איר האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיך אין איר אָנצינדן אַ העליש פייער... אָבער איך זאָל נישט רופן דעם דאָקטאָר, דאָס האָט איר מיר נישט געזאָגט...

— צוליב וואָס האָט איר דאָס געטון? — האָט זי גאָר פלוצלונג ביי מיר אַ פרעג געטון.

כ׳האָב אַ קוק געגעבן אויף איר פנים, אויף איר מויל און אויף אירע אויגן, און נישט געגלויבט מיינע אויגן, אַז איך זאָל האָבן אַמאָל געזען אַט דאָס פנים שמייכלען... וויפל גיפט ס׳איז דאָס געלעגן אויסגעגאָסן אין די ווינקלען פון אירע ליפן, וויפל האַס איז אין אירע אויגן געלעגן!

איך האָב געשוויגן, און זי, נישט אַראָפנעמענדיק אירע גיפטיקע אויגן פון מיר, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַ מאמרל כהאי לישנא:

— איך האָב אויף אייך קיין פאַראיבל נישט... אַ מאַן, וואָס פירט די אַקושערקע צו דער ווייב, און קען זיך דער אַקושערקע דערקלערן אין ליבע, איז...

זי האָט קענטיק נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָ האָט מיינע אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכער ספּאַזמע...

איך ווייס נישט, ווי ס׳באַדאַרף זיך פילן איינער, ווען ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס און ער פליט אין אַן אומענדלעכן אָפּגרונט... אַזוי האָב איך מיך געפילט... און פונקט ווי איינער קען זיך נישט פאַנאַנדערגעמען, וואָס איז שרעקלעכער, צי דאָס פליען אַראָפּ.

צי דער אָפּגרונט, די ענדע פֿון פֿליען — אַזוי האָב איך נישט געוווּסט, וואָס מיר איז שרעקלעכער, צי אָט דער גאַנצער כאַאָס, וואָס האָט זיך געשאַפֿן פֿון איר זאָגן, צי דאָס, וואָס וועט ערשט קומען נאָך דעם...

און פּונקט ווי איינער, וואָס כאַפּט פֿון עפּעס אַ געפּערלעכן קלאַפּ און ווייסט נישט אויף וואָס פֿריער צו קוקן, צי אויף דער זאַך, וואָס האָט אים פֿאַראורזאַכט דעם קלאַפּ, צי אויף דער געפֿערלעכער ווונד, וואָס ער האָט געקריגן — אַזוי האָב איך נישט געוווּסט, פֿון וואָס פֿריער צו טראַכטן, צי וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס די מרשעת האָט מיר אָנגעמאַכט, צי וועגן איר אַליין... איך האָב געפֿילט, אַז אָט־אָט קראַפּיר איך, אַז אָט־אָט באַקום איך אַן אַפּאָפּלעקסיע, און אַז אָט־אָט פֿאַל איך אַרויף אויף איר און צעבייס זי און צערייס זי אויף פּיץ־פּיצלעך...

דאָ דערווייל ספּאַזמירט מײַנע... אָט־אָ־טאָ פֿאַרגייט זי זיך, פֿאַרכלינעט זיך און וועט שוין, דאַכט זיך, דעם אָטעם נישט כאַפּן... און איך קען זיך פֿון אָרט נישט רירן. איך ווייס, אַז טאָמער גיי איך צו צו איר, וועט נאָך ערגער ווערן... און די שוויגער, „אַרומפּאַדנדיק" אַרום איר, וואַרפֿט מיר צו פֿון צײַט צו צײַט אַ פֿינסטערן בליק... ס'איז מיר שלעכט, ס'איז מיר קלאָגעדיק... איך קוק אַרויס אויף עפּעס אַ נס, אַז איך זאָל אײַנגעזונקען ווערן דאָ, ווו איך שטיי... פֿון איין זײַט די ספּאַזמעס פֿון מײַן פֿרוי; פֿון אַ צווייטער זײַט די פֿינסטערע בליקן פֿון מײַן שוויגער; פֿון אַ דריטער זײַט שטייט „זי". גאָט, וואָס פֿאַר אַ כּח שטעקט אין מיר, וואָס האַלט מיך אָפּ איך זאָל נישט טאַנצן, נישט שפּרינגען ווי אַ צעבייסענער הונט, וואָס איז משוגע געוואָרן פֿון גרויסע ווייטאָגן... און ועל כּולם, צוליב וואָס און פֿאַר וואָס? פֿאַר מײַנס עפּעס אַן אידיאָטסקן אײַנפֿאַל...

איך בין געשטאַנען ווי אַ פֿאַראַליזירטער און אַליין בעת־מעשה נישט געוווּסט, צי קען איך נישט, צי האָב איך מורא זיך אַ ריר צו טון פֿון אָרט... ווײַל איך פֿיל, אַז דאָס נישט רירן זיך האַלט מיך אין די ראַמען... נו, ווי עפּעס אַ זאַך אַ דורכגעלעכערטע, אַ דורכגעגעסענע, איז אַזוי לאַנג ווי מ'רירט עס נישט, איז האַלט זיך עס, און ווי באַלד מ'גיט עס אַ ריר צעשיט זיך עס... יאָ, איך האָב געהאַט דאָס זעלבע געפֿיל, אַז ווי באַלד איך וועל מיך נאָר אַ ריר טון פֿון אָרט, אַזוי פֿאַרליר איך די שליטה איבער זיך, און איך וועל נישט קאָנען אײַנהאַלטן אין זיך אָט דעם ווולקאַן, וואָס קאָכט און רוישט

אין מיר, און איך וועל עפּעס אָפּטון אַ שרעקלעכע זאַך... ניין, זיך נישט רירן... און דאָ זע איך, ווי די מרשעת ליגט זיך אַרויף דאָס היטעלע אויפן קאָפּ און שטעכט עס דורך מיט צוויי לאַנגע שפּיזלעך. דאָס מיינט, אַז זי גייט אַוועק, און איך קען מיר נישט אָפּגעבן קיין רעכנונג, צי איז דאָס בעסער פאַר מיר דאָס אַוועקגיין אירס, צי ס'וועט נאָך ערגער ווערן. און ווירקלעך, נאָך איר אַוועקגיין איז מיר טאַקע ערגער געוואָרן...

און דאָ מוז איך טאַקע אָנקומען צו אַ פאַרגלייך, צו אַן אומגליקלעך פאַרוווּנדעטן. ווען מען וואָלט אַ שטייגער איינגעפאַלן, אַז אַ געפערלעך פאַרוווּנדעטער איז דווקא נישט גערן זיך צו שיידן מיט דער זאַך, וואָס האָט אים די געפערלעכע ווונד פאַראורזאַכט; ווען מען וואָלט עס איינגעפאַלן, אַז פאַרקערט, אַז ווען מ'באַזייטיקט פון אַזעלכן די זאַך, אָדער מ'נעמט אים אַוועק פונם אָרט, וווּ ער האָט די געפערלעכע ווונד באַקומען, איז נישט נאָר ס'ווערט אַזעלכן נישט גרינגער, נאָר פאַרקערט, ס'ווערט אים נאָך שווערער. (איך וואָלט עס געקענט באַווייזן, נאָר דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר דעם). אַזוי האָב מיך נאָן אומגליקלעכער געפילט נאָך איר אַוועקגיין...

מיין אומגליקלעך ווייב האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרוהיקן, און איך האָב אַלץ נישט געקענט צוגיין, האָבנדיק דורכויס אין זינען, אַז מיט מיין צוגיין וועל איך נאָך ערגער מאַכן... דאָס בעסטע, הייסט עס, וואָס איך האָב געקאָנט טון, איז גאָרנישט טון... זיך נישט רירן פון אָרט... און איינצייטיק האָב איך געוווּסט, אַז דאָס „בעסטע" טויג אויך אין דער ערד, אַז ס'איז נאָר אויף אַזוי פיל גוט, ווייל איך האָב נישט עפּעס אַנדערש צו טון, וואָס זאָל בעסער מאַכן דערמיט... און אַזוי ווי דאָס טו איך במילא נישט, איך מיין אָט דאָס נישט רירן זיך, איז שוין גלייכער אָט דאָס שטיין, וואָס מיינט, איינצייטיק, אַז איך טו גאָרנישט, ווי טון עפּעס איז גאָרנישט אויפטון... ווייל איך האָב דאָך געוווּסט, אַז וואָס איך זאָל נישט טון, וועט עס נישט טויגן, ווייל דאָס איז דאָך נישט דער עיקר... נישט אין יאָ טון און נישט אין גאָרנישט טון האַנדלט זיך דאָ. איך דאַרף טון עפּעס אַזעלכס, אַז איך זאָל איר קענען איבערצייגן, אַז דאָס וואָס די אַקושערקע האָט געזאָגט, אַז דאָס הויבט זיך אַפילו נישט אָן. און דאָס, האָב איך געוווּסט, איז אוממעגלעך. וואָלט איך אַפילו פאַר איר מיין האַרץ צעריסן, ווען איך וואָלט אַפילו מיין קאָפּ אין וואַנט צע-

שפּאָלטן, וואָלט זי מיר נישט געגלויבט... און אַזאַ זאַך קען קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעבן ווערן... אין אַזאַ מין צייט, ווען מ׳פירט די אַקושערקע צום ווייב, און דער מאַן נעמט און דערקלערט זיך דעמאָלט דער אַקושערקע אין ליבע... ניין, אַזאַ זאַך קען אַ פרוי קיינמאָל, קיינמאָל נישט מוחל זיין...

און דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: זיך נעמען דאָס לעבן:

און אַזוי ווי איך האָב באַשלאָסן די זאַך צו טון, איז מיר גלייך גרינגער געוואָרן, און אַזוי ווי ס׳איז מיר גרינגער געוואָרן, האָט זיך מיר שוין נישט געגלוסט נעמען דאָס לעבן. איז מיר דאָך ווידער שווער געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן, אַז נעמען דאָס לעבן וועל איך זיך, נאָר איך האָב צייט... אַזאַ מין זאַך קען איך דאָך אַלע מאָל באַווייזן... אויב שוין יאָ שטאַרבן, וויל איך זען, מיט וואָס דער אינ-צידענט וועט זיך ענדיקן...

— — — — — — — — — — — — — —

איך לעב, אָבער ס׳איז אַן אָך און ווי צו מיין לעבן; שווער און שוויגער האָבן אין זעלבן טאָג גענומען און זי אַוועקגעפירט צו זיך אין אַן אַמבולאַנס... דאָרטן איז זי בשלום איבערגעקומען און ביי זיי איז זי פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג...

שוין אַ יאָר צייט נאָך דער געשיכטע, און איך האָב פאַר דעם יאָר קיין איין מאָל מיין ליבע פרוי נישט געזען און מיין קינד נאָך אין די אויגן נישט אָנגעקוקט... איך ווייס אַפילו נישט, ווי דאָס זעט אויס... איך האָב אַ פּאָר מאָל אַריינגעשיקט מענטשן מיט דער ביטע, מ׳זאָל מיר כאָטש אַרויסטראָגן דאָס קינד אין דרויסן אַ קוק צו טון אויף דעם. איז איינמאָל—ניין! אַזעלכער, האָט מען איבערגעגעבן מיינע שלוחים, האָט נישט קיין רעכט אויף זיין קינד; אַזעלכער, וואָס קען אין אַזאַ צייט...

און איך נעם אָפּ פון צייט צו צייט גרוסן, ווי טאַטע-מאַמע פרעסן די טאָכטער: זיי האָבן געוווּסט, וואָס פאַר אַ נידעריקע בריאה איך בין, און זיי האָבן נישט געוואָלט דעם שידוך, און די טאָכטער האָט זיי נישט געפאָלגט...

יאָ, שוין אַ יאָר אַוועק נאָך אָט דער געשיכטע, און איך האָב נאָך דורכן גאַנצן יאָר קיין איין מאָל נישט געזען מיין ליב ווייב און מיין ליב קינד. דערפאַר באַגעגן איך זייער, זייער אָפט זי, די

ימח-שמוניצע, די אַקושערקע, מיט איר לעדערנעם רענצל און מיטן ניקלנעם שלאָס... אַ שרפה האָט געמעגט אויף איר קומען, איידער איך האָב זי גאָר דערקענט... און צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט זי מיר געדאַרפט זיין אַזוי אָפּשטויסנד?... ווען איך וואָלט עפּעס אַ קלייניקייט געפילט צו איר, וואָלט דאָך צו די אַלע צרות נישט גע-קומען...

אַן אומבאַקאַנטער

איך בין אַזוי געגאַנגען אין גאָס אַ שפּאַציר צו כאַפּן, און אין איין וועגס אָנקוקן און באַטראַכטן די נייע מדינה, וואָס האָט זיך מיר ווי אַ לעגענדע פון קינדווייז אָן איינגעוועבט. שפּאַצירנדיק און גייענדיק אַזוי האָט זיך אויסגעשיילט איין געשטאַלט און אַ צווייטע, וואָס האָט, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען, פאַרלאָזט אונזער שטעטל און איז „אַוועק" אַהער, אין דעם לאַנד אַריין... בילדער זענען פון נעפּל אַרויסגעקראָכן, ווי איינער און אַ צווייטער פאָרט אַוועק, און ווי אַ האַלב שטעטל באַגלייט אים איינעם און אַ צווייטן: „ער פאָרט קיין אַמעריקע".

ווער פאָרט און ווער באַגלייט, דאָס איז שוין אַוועק אין דער אייביקער פאַרגעסנהייט, אָבער דעם איינדרוק פון דעם אַוועקפאָרן און פון דעם באַגלייטן און פון די ווערטער „ער פאָרט קיין אַמע-ריקע", דאָס איז ביי מיר פריש פאַרבליבן... אָבער מאָדנע, וואָס יענע אַמעריקע פון מיין פאָרשטעלונג האָט זיך נישט געקלעפּט מיט דער אַמעריקע, וואָס איך זע איצט דאָ, אין דערווירקלעכקייט, מיט מיינע אייגענע אויגן.

אַזוי גייענדיק און דאָס טראַכטנדיק, האָט פּלוצלונג צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איינער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס און אָן אויפהער געשפּיגן (מיין אויפמערקזאַמקייט איז טאַקע צוגעצויגן גע-וואָרן צו אים . אַנק זיין שפּייען). גייט אַ מענטש און שפּייט אַזוי אָפּט, ברייט און פּליסיק, און איך טראַכט ביי זיך גלייך, אַז דער מאַן

גייט זיכער פון צאָן-דאָקטאָר, ביי וועמען ער האָט זיך געלאָזט אַרויסרייסן אַ צאָן, ווייל נאָר דעמאָלט קען מען עס אַזוי אָפּט און אַזוי פליסיק שפּייען.

איך האָב געמאַכט אַ טריט מיט דער דעה אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. דאָ אָבער, האָב איך אַזוי נישט גערן אַ קוק געוואָרפן אויפן האַלז און אַקן פון דעם שפּייענדיקן מאַן, און דערזען, אַז דער האַלז און אַקן איז מיר זייער נאָענט באַקאַנט. איך בין אַזוי גלייכציייטיק און פאָרויס אים פאַרגאַנגען און זייטיק געוואָרפן אַ קוק אויף זיין פּנים און אויף זיין גאַנצער פאָדערשטקייט, און דערזען מיין טעות, אַז נישט נאָר דער מענטש איז מיר נישט באַקאַנט, נאָר אַז ער איז מיר אפילו איבלדיק פרעמד מיט זיין גאַנצן היבשבייכיקן פאַרנעם און מיטן גוידערדיקן פּנים, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט אַ געדיכטער באַוואַקסנקייט פון אַ געראַזירטער און פון אַ פּאָר טעג פאַרלאָזטער באָרד, און ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דאָס פּנים וואָלט געווען אַרומגעליאַמעוועט מיט אַ שלעכטן געמיט פון אַ מענטשן, וואָס ליידט אָפּט אויף ציין-ווייטאָג, און דער בויך זיינער, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אויך אַ צייטווייליק פאַרלאָזטער... ווי ער וואָלט דאָרטן אין דעם בויך געטראָגן אַ טויטע בן-פּקועה...

איך בין אים פריער געבליבן פון הינטן, כדי נאָך אַמאָל אַ קוק צו טון אויף דעם האַלז און אַקן, און צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָב איך ווידער געזען די זעלבע באַקאַנטשאַפט... צום טייוול, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן טרעפט עס מיר אַזאַ באַגעגעניש: באַקאַנט פון הינטן און אין גאַנצן פרעמד פון פאָרנט...

איך האָב שוין נישט געקענט אַוועקגיין. איך בין נאָכגעצויגן געוואָרן נאָך דעם מאַן און זיך אַריינגעצויגן אין נעפלדיקן געווירמל פון ערינערונגען; ווו און ווען האָב איך עס געזען און זיך געקענט מיט דעם האַלז און אַקן? איך האָב מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג געוועקט דעם מוח מיינעם, און איך האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווו, און איך האָב זיך גענומען צוקוקן צו האַלזאון אַקנס פון אַנדערע מענטשן, צי איז עפּעס פאַראַן אַ חילוק פון איינעם ביז אַ צווייטן... יאָ? יעדער האַלז און אַקן האָט זיך עפּעס זיין אייגנאַרטיקס, זיין אינדיווידועלס, זיין כאַראַקטער. נו, גוט זאָל זיין אַזוי... אָבער, ווי קען עס אַזעלכס געמאָלט זיין, זיין באַקאַנט מיט איין זייט פון אַ מענטשן, און מיט דער צווייטער זייט נישט? ס'איז

ניִשט אַנדערש, אַז דאָס פּנים זיינס האָט זיך אַזוי פיל געענדערט, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו דערקענען?

מיין מוח זינקט אין זומפּ פון פאַרגאַנגנהייט. און עס איז מיר אַזוי שווער פונם געמיט פון געדאַנק, וואָס אָט גייט אַ מענטש (איך הינטער אַ פּלייצע פון איינעם אַ מענטשן, און יענער ווייס עס ניִשט, ער איז אינגאַנצן פאַרטון אין זיין שפּייען, און ווייסט ניִשט און פילט ניִשט, אַז הינטן גייט נאָך איינער אַ מענטש, און טראַכט וועגן אים, צי ער איז מיינער אַ באַקאַנטער צי ניִשט. זיכער איז דאָך, אַז דער מאַן האָט איצט גאָר אַן אַנדער לעבן ווי ער האָט אַמאָל, מיט אַ דריי צענדליק יאָר געהאַט: אַ בערדיק לעבן פון באָרד און ראַזירן זיך די באָרד. און אָט האָט ער עפּעס מיט ציין צו טון, ליגט עס אים ניִשט אין זינען אָט דאָס גאָלעניש, נעמט די באָרד און וואַקסט... צוריק מיט אַ דריי צענטליק יאָר איז אים זיכער קיין באָרד ניִשט געוואַקסן, און קיין ציין האָבן אים ניִשט וויי געטון... וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד איז פון דעמאָלט ביז איצט...

נאָענט און ווייט, פרעמד און אייגן איז פאַר מיר אָט דער מענטש, און ס'וווּנדערט מיך איינצייטיק, וואָס ער איז מיר באַקאַנט אָט דער אומבאַקאַנטער און וואָס מיר איז אומבאַקאַנט דער באַקאַנ־טער. צייט און יאָרן האָבן אַ בשותּפותדיק שטיקל אַרבעט אָפּגעטון... פאַר יאָרן צייט ענדערט זיך אַ מענטש, אָבער אין דער אייביקייט איז דאָך דעס מענטשנס לעבן אַזוי קורץ, אַז ניִשט אַלץ אין אים באַווייזט זיך צו ענדערן. פאַר דער אייביקייט איז אַ פּאָר צענטליק יאָר גאָרניט, און ביי אונז אַליין, ווען ס'וואָלט קיין צייט־רעכנונג ניִשט געווען, וואָלטן מיר ניִשט געוווּסט קיין חילוק פון דעם פאַר־גאַנגענעם נעכטן ביז אַ פּאָר צענדליק יאָרן פאַרגאַנגענע. מיר געדענ־קען און פילן זאַכן, וואָס האָבן מיט אונז פּאַסירט מיט צענדליקער יאָרן צוריק, פּונקט ווי עס וואָלט מיט אונז נעכטן פאָרגעקומען. און ס'איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך:

די צען, צוואַנציק, דרייסיק יאָרן און מערער זענען דאָך שוין אַוועק מיט זייערע חדשים, וואָכן און טעג, פּונקט אַזוי גלייך ווי ס'איז אַוועק דער נעכטיקער טאָג מיט זיינע צעטיילטע שעהן, מינוטן און רגעס... דאָס יאָר, וואָס מיר האָבן פאָרויס איז גאַנץ היבשלעך און דיערהאַפּט, גייט עס נאָר אַוועק, אָט דאָס יאָר, ווערט עס פאַר אונז קירצער ווי די רגע, וואָס מיר האָבן פאָרויס פאַר זיך צום לעבן...

אַדאַנק דעם, וואָס די אָפּגעלעבטע צייט איז פאַר אונז אַזוי קורץ און אומבאַדייטנדיק, איז קיין וואונדער נישט, אַז מיר געדענקען און פילן אייניקע זאַכן אַזוי פריש און צאַפּלדיק, ווי דאָס וואָלט נאָר-וואָס מיט אונז פאָרגעקומען, ווייל דער „נאָר-וואָס", וואָס איז אַוועק, איז דאָך נישט קירצער פון צענדליקער פאַרגאַנגענע יאָרן... אַי, וואָס מיר ענדערן זיך? באַווייזט עס, אַז מיר ענדערן זיך אויגנבליקלעך, ווען מיר זאָלן פאַרמעסטן אונזער לעבן מיט דער אייביקייט... מיר ווערן געבוירן, גיבן איין שפרונג און אַ צווייטן, און נישטאָ... אפשר דער-פאַר, ווייל דאָס לעבן איז קורץ, אפשר דערפאַר באַווייזט נישט אַלץ אין אונז זיך צו ענדערן?

איך האָב מיך אַזוי אַריינגעטראַכט, און דער גייט נאָך אַלץ און שפּייט און איך טראַכט: אַך, צום טייוול, וואָס מיר טרעפט עס נישט... ווער ער געפינט זיך נישט אין אַזאַ לאַגע, וואָלט איך צוגעגאַנגען צו אים, איך וואָלט זיך מיט אים צערעדט, אָבער גיי... ס'איז דאָך פאַר זיך און פאַר יענעם גאָרנישט אַנגענעם.

איך האָב אים דערפירט ביז צו זיין הויז. ס'הייסט, ער איז וואָרטן נעבן אַ הויז שטיין געבליבן און אַוועקגעלייגט אַ פינגער אויף אַ ווייסן קנעפל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון וואַנט. גלייך האָט זיך די טיר געעפנט, און אַ פרוי אין מיטעלע יאָרן האָט זיך געוויזן איינ-צייטיק מיט דער ברייטקייט פון איר צעעפנטער טיר און גלייך אַ פרעג געטון:

— נו, אשר?

און דערהערנדיק דעם נאָמען, האָב איך זיך גלייך דערמאָנט, ווער דאָס איז, אַז דאָס איז ווירקלעך איינער פון מיינע חברים, מיט וועמען איך האָב עטלעכע יאָר צוזאַמען אין איין חדר געלערנט. איך האָב געוואָלט צוגיין צו אים, נאָר דאָ אין דער צייט האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און איר באַוויזן אַ דריי צי פיר אויסגעריסענע ציין...

ביידע זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן, און איך בין געבליבן שטיין און לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף דער טיר, אויפן הויז און אויף די פענסטער און זיך אויטאָמאַטיש געחזרט:

אשר? אשר?... יענער פלינקער יינגעלע האָט געהייסן אשר און דער הייסט אשר. אַזוי ענדערן מיר זיך, נישט צו דערקענען.

נאָר עפּעס בלייבט אין יעדן איינעם פון אונז, וואָס באַגלייט אונז דעם גאַנצן לעבנס-וועג, וואָס באַגלייט אונז פון געבורטס-טאָג ביזן קבר. און ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אַלץ אין אונז ענדערט זיך, ווייל דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, אַז נישט אַלץ באַווייזט זיך פאַר אַזאַ קורצער צייט צו ענדערן...

ספרית אולם הציוני
קייפטון
ZIONIST HALL LIBRARY

אַ מאַמע מיט קינדער

אין איינעם אַ הייסן טאָג איז צום „באָרדינג הויז" „סאַנשיין" צוגעפאָרן אַ שוואַרצע, פאַרשטויבטע מאַשין, און אַזוי גלייך ווי זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ חברה-מאַן, און גלייך נאָך אים אַ צווייטער, אַ ייִנגערער פון ערשטן, און נאָך זיי האָט זיך געלאָזן און געדולדיק אַרויסגעבויגן און אַרויסגעקראָכן די מוטער פון די צוויי חברה־לייט, אַ פרוי פון אַ יאָר זעקס, זיבן און דרייסיק. און כאָטש זי האָט נישט אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן, האָט זיך דאָך געשפּירט אין איר עפּעס אַ מין פריצייטיקע רוהיקייט און באַשיידנקייט. זי האָט גלייכגילטיק, איינס און צוויי אַ קוק געוואָרפן אַהין און אַהער אויף דער געגנט, און אַ פרעג געטון ביים עלטערן בחור:

— נו, הערי, ס׳געפעלט דיר? — און אַ ווישׁ געטון מיט אַ ווייס טיכל דעם שווייס פון פּנים ביים ייִנגערן.

אין איר פרעגן, וואָס זי האָט דעם עלטערן אַ פרעג געטון, און אין איר ווישן דאָס פּנים, וואָס זי האָט דעם ייִנגערן געווישט, איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז איינע פון יענע פרויען, וואָס די „מוטער" האָט אַזוי פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע וועזן זייערס, אַז קיין זאַך אינטערעסירט זיי נישט, און זיי קאָנען פון קיין זאַך נישט באַגייסטערט ווערן, ווען זיי געפינען זיך אין דער געגנוואַרט פון זייערע קינדער. די מוטערשאַפט פאַרשטעלט זייער פרוישאַפט אינגאַנצן, פונקט ווי אַ געדיכטער וואַלד פאַרשטעלט די ביימער. אַלע

געפּילן ווערן אָפּגעשטאָרבן, און זיי קאָנען אפילו נישט באַצויבערט ווערן פון אַ שיינער, גאָט-געבענטשטער לאַנדשאַפט.

ערשט נאָכדעם, ווען דער עלטערער האָט, אויפן אָרט פון ענטפערן אויף דער מוטערס פראַגע, געענטפערט מיט אַ שפּרונג און מיט אַ טאַנץ — ערשט נאָכדעם האָט די מאַמע געשענקט אַ שמייכל צו די ריזיקע בערג און צו דער שרייענדיקער ליכט, וואָס האָט אַזוי ווי געמאַכט אַרויסצוציען זיך יעדן באַרג און בערגל, ווי זון און הימל וואָלטן זיי צוגעצויגן צו זיך, אויפגעהויבן אייניקע טיילן פון דער ערד און אָנזיכטיק געמאַכט נישט וויכטיקס אין דער נאַטור-רייכקייט, פּונקט ווי וויכטיקס...

דאָס פּאָרל, איינער אַ יאָר פערצן, און דער צווייטער, אַ יאָר צוועלף־דרייצן, זענען גלייך ווי זיי זענען אַרויס פון דער מאַשין, אַוועק אַ גאַלאָפּ, איינס נאָך דעם אַנדערן. דער, וואָס איז געלאָפן פון הינטן, האָט נאָכגעיאָגט דעם, וואַס איז געלאָפן פאָרויס, און דער, וואָס איז געלאָפן פאָרויס, איז אַנטלאָפן פון דעם, וואָס איז געלאָפן פון הינטן. און אין אמתן, איז דער נישט אַנטלאָפן, און דער איז נישט נאָכגעלאָפן. דער עיקר איז בײַ זיי געווען דאָס לויפן. און אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, האָט זיך איינער און אַ צווייטער אָפּגעשטעלט; דער עלטערער איז דעם ייִנגערן אַנטקעגן געגאַנגען מיט געפּויסטע הענט. ווי אַ יונג ביקל וואַרפט זיך מיט זיינע יונגע, נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעוואַקסענע הערנער, נישט צו שטויסן, נאָר צו שפּילן זיך, אַזוי האָט דאָס מענטשן-קינד נישט געמיינט צו שלאָגן זיך, נאָר אַ שטיף צו טון, און דער קלענערער האָט מיט אַ געלעכטער געשריען און גערופן דער מוטער צו הילף:

— מאַ—אַ—אַ—אַ!

און די מוטער האָט זיך גלייך אָפּגערופן:

— הערי!!

און גערופן מיט אַזאַ קול, ווי זי וואָלט צו זיך אַהיים, אין איר אייגענער פאַרם געקומען, ווי גלייך אַ חוץ איר און אַ חוץ אירע קינדער, וואָלט דאָ מער קיינער נישט געווען.

זי איז געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי די צוויי שותּפים פון האָטעל האָבן ווי צוויי משרתים געשלעפּט און געטאַסקעט אין האָטעל אַריין איין פּאַק נאָכן צווייטן. און די מאַמע האָט געהאָלפן אַרויסשלעפּן פון דער מאַשין אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געשלעפּט

די לייכטע זאַכן, און דער עיקר, די קינדערשע זאַכן, און אויף איר געזיכט איז געווען צו באַמערקן אַן אויסדרוק פון גדלות, וואָס אירע קינדער פאַרמאָגן אַזאַ מין עשירות פון קינדערשע שפּילצייג, וואָס נישט אַלע קינדער זענען זוכה זיי צו האָבן.

ווען אַלץ איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער מאַשין, איז די מוטער אין דער באַגלייטונג פון די צוויי שותפים אַרויף טרעפּ בײַ טרעפּ מיטן אויסדרוק פון אַ מאַמע, וואָס האָט קינדער גרויסע שטיפערס, און זי אַליין דאַרף דערפאַר גיין פאַמעלעך. און יענער, וואָס האָט זי גע־פירט, האָט מיט יעדן שפּאַן, מיט זײַנעם, אײַנגעשלונגען צוויי־דרײַ טרעפּלעך מיטאַמאָל, און איז פון צײַט צו צײַט שטיין געבליבן וואַרטן און אַראָפּקוקן אויף דער דאַמע, וואָס איז געקראָכן און געבליבן פון הינטן מיט אירע צוויי פיס און מיט אַ האַנט אויף דער פּאָרענטשע. און אַזוי קריכנדיק אויף די טרעפּ, האָט זי זיך אויסגעפרעגט בײַ אים, אין וואָס פאַר אַ צײַט מען עסט „דינער" און „סאַפּער", און אַזוי ווי צו „סאַפּער" איז אינגאַנצן צוויי־דריטהאַלבן שעה געבליבן, האָט עס איר זייער געערגערט, וואָס זי און אירע קינדער וועלן נישט קאָנען געניסן פון ביידע מאָלצײַטן. און געטראַכט אַ לענגערע צײַט, האָט זי געזאָגט:

— מײַנע קינדער עסן זייער ווייניק, זיי זענען זייער קליינע עסערס, מײַנע קינדער.

ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז דאָ וועלן זיי ווערן גרויסע עסערס, די קינדער אירע.

זי האָט אין דער געגנוואַרט פון דעם יונגנמאַן אָנגעהויבן מאַכן הכנות צום אויסטון זיך. זי האָט אַרויסגעשלעפּט אַלע קעמלעך און האָר־נאָדלען פון קאָפּ, און צעטרייסלט די האָר מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי עס וואָלט זיך דאָ געפונען דער מאַן אירער, אָדער אַ ברודער. נאָכהער האָט זי צעשפּיליעט די בלוזע אין זײַן געגנוואַרט, און ס'האָט זיך באַוויזן דער ליף אירער, אָנגעפולט און אָנגעשטאָפּט מיט קערפּער און מוטער־ברוסט... און איידער דער יונגערמאַן האָט באַוויזן די טיר צוצומאַכן, איז זי שוין געשטאַנען בײַ דער שיסל וואַסער און זיך פאַרנומען צום וואַשן.

דאָס וואַשן זיך און דאָס אָנטון אירס האָט זייער ווייניק צײַט פאַרנומען. זי האָט זיך צוגעאײַלט, כּדי וואָס פריער אָפּעסן דינער, און די קינדער זאָל בלײַבן גענוג צײַט זיך אויסצוהונגערן ביז „סאַ־

פּער". זי האָט אַפילו געצווייפלט, צי די קינדער וועלן איצט קענען עסן, ווייל ערשט נישט לאַנג, איידער דער צוג האָט זיי אַהערצו געבראַכט צו דער סטאַציע, האָבן זיי אויפגעגעסן דאָס רעשט „סענדוויטשעס" און פאַרביסן מיט פרוכט, שאָקאָלאַד און מיט נאָך אַנדערע פאַרשידענע „קענדיס"...

פוס בײַ פוס, פון טרעפל אויף טרעפל, מיט דער האַנט אויף דער פאָרענטשע, איז זי אַראָפּ און זיך באַוויזן אויפן „פּאַרטש", באַשיידן שטיל און גלייכגילטיק צו נאַטור און צו מענטשן. און אַ דריי געטון דעם קאָפּ אויף הין און צוריק, געזוכט די קינדער, און באַמערקנדיק עטלעכע זייעריקע, וואָס זענען געזעסן אײַנגעגעסן אויף האַרטע בענקלעך אַרום טישל און געשפּילט אין קאָרטן, האָט זי בײַ זיי געפרעגט, צי זיי האָבן נישט געזען די קינדער אירע. איינער און אַ צווייטער האָט תּמעוואַטע אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק אַזעלכן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט עס אַזעלכס „קינדער", און זי, די מאַמע, האָט נישט געקענט באַגרייפן דאָס גלייכגילטיקייט פון די מענטשן (צו וועמען זי אַליין איז נאָך גלייכגילטיקער געווען), וואָס לאָזן דורך אָן ענטפער אַזאַ וויכטיקע פראַגע, ווי אירע.

— הערי !! איסאַי !!

זיי האָבן זיך באַוויזן, די צוויי חברה-לייט, מיט זייער לויפן און נאָכלויפעניש איינער נאָך דעם אַנדערן, און צוגעלאָפן צו דער מוטער, ביידע צעפלאָסענע, צעהיצטע, פאַרשפּורטע פון אייגן בלוט, צוגעפאַלן צו איר, פאַרמאַטערטע און פאַרסאָפּעטע און געלאַכט פון גרויס גליק און באַגייסטערונג. דער יינגערער איז איר גלייך אַריין מיטן קאָפּ אין בויך אַריין און זי פּעסט אַרומגעכאַפּט בײַ דער טאַליע, און דער עלטערער האָט פון אַ זייט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ זײַנעם אויף איין אַקסל און פאַרוואָרפן זײַנע, געזונטע, כמעט זכרישע הענט אויפן צווייטן אַקסל און אײַנגעשלאָסן פינגער אין פינגער... ביידע האָבן פון גרויס גליק נישט געוווּסט, וואָס זיי ווילן, זיי האָבן אַ סך פאַרלאַנגט און גאָרנישט געוואָלט, ווייל ס'האָט זיי גאָרנישט געפעלט— זיך געפּיעשטשעט און זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מוטער איינער אויפן אַנדערן, כאָטש זיי זענען איינער אויף דעם צווייטן נישט בייז געווען און האָבן איינער צום צווייטן גאָרנישט געהאַט...

די מוטער האָט פון ביידן געווישט דעם שווייס, איז אַליין אומ-

רוהיק געווען, און די קינדער געריבן מיטן נאַסן טיכעלע, וואָס איז נאַס געוואָרן אַרומווישנדיק זיי. זי איז איינעם און אַ צווייטן אַרונטער מיט דער האַנט און מיטן טיכעלע הינטערן קאָלנער און געווישט און געריבן ווייט אַראָפּ די פּליישיקע, אויסגעפּאַשעטע פּלייצעס זייערע.

— קומט, וועל איך אייך אַרומוואַשן, וועלן מיר גיין עסן „דינער".

זי איז אַרויף מיט די קינדער אויבן. און אונטן, אין „דיינינג רום", איז אַריין אַ ווייטער, אַ שוואַרץ-האָריקער און ווייס-הויטיקער, און האָט פון איין פענסטער אַרויפגעצויגן דעם טונקל-גרינעם גאַרדין און אויף אַ טישל, וואָס איז שוין געווען געגרייט צום „סאַפּער", האָט ער גענומען גרייטן צום מיטאָג פאַר די דריי נייע געסט. ער איז געווען פאַרשלאָפן, און אויפן קאָפּ, אויף די געדיכטע, שוואַרצע האָר, איז דאָ און דאָרטן געלעגן און געדרימלט אַ גרין גרעזעלע, פון וואָס ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט אין גראָז געכאַפּט אַ דרימל.

ווען די מאַמע מיט די קינדער האָבן זיך באַוויזן אין עס-צימער, האָט ער זיי העפלעך פאַרבעטן צום טיש און אַרויסגערוקט איין בענקל, אַ צווייטס און אַ דריטס.

די דאַמע האָט געפרעגט, וואָס עס איז דאָ צו עסן. ער האָט איר אויסגערעכנט אַלע מאכלים, וואָס עס זענען דאָ, און זי האָט געפרעגט, צי ס'איז דאָ עפּעס אַנדערש. ער האָט געזאָגט, אַז ניין, אַז דאָס וואָס זי וויל איז נישטאָ, אַז דאָס איז געווען נעכטן, און די מאַמע האָט אַ נישט צופרידענע, אַ פרעג געטון ביי די קינדער:

— איר וועט עסן טשיקען?

זיי האָבן זיך אַפילו נישט אַריינגעטראַכט אין דער פראַגע, זיי האָבן גאָר אונטערן טיש געשאָקלט מיט די פיס, און אויפן טיש געהאַלטן אַלע פיר הענט און זיך געשפּילט מיט גאָפּל-מעסער, און ביידע האָבן געדרייט מיט די קעפּ אויף ניין, אַז זיי וועלן קיין טשיקען נישט עסן, דערביי האָט דער עלטערער אויפגעהויבן ביידע הענט, אין איינער אַ לעפל און אין דער צווייטער אַ מעסער, און האָט עס אַזוי אָנגעשטעלט אַנטקעגן דעם קלענערן. דער קלענערער האָט אויך דאָס זעלבע געטון, און ביידע האָבן גענומען קלאַפּן איינער אין דעם אַנדערנס לעפל און מעסער.

אין דער גאַנצער שפּיל איז געווען צו דערקענען, ווי די קינ-

דערלעך, זענען, נעבעך, הונגעריק... יאָ, די מוטער האָט עס אַליין אויך געוווּסט, און אַליין האָט זי אויך קיין הונגער נישט געפילט, און דערפאַר האָט זי אַזוי קיין חשק נישט געהאַט צו די געריכטן, וואָס זענען דאָ און חשק געהאַט, צו אַנדערע געריכטן, וואָס זענען נישט געווען...

דער ווייטער האָט דערלאַנגט איין געריכט נאָך דער אַנדערער. און איין געריכט נאָך דער אַנדערער האָט די מאַמע אַליין קאַליע געמאַכט און געצווונגען די קינדער קאַליע צו מאַכן. די דריי פּערטלעך עוף זענען צעטערכעט, צעריסן און צעפּיצלט געוואָרן פון גאָפּל, מעסער און פינגער, און צוזאַמען האָבן אַלע אַפילו קיין פּערטל עוף נישט אויפגעגעסן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז געבליבן איז מער ווי מ׳האָט דערלאַנגט. יאָ, מ׳האָט טאַקע נישט געגעסן, אָבער די מאַמע איז דאָך צופרידן געבליבן, וואָס די קינדער האָבן קאַליע געמאַכט זייערע חלקים... דערפאַר ווען זיי אין אַ צוויי שעה אַרום קענען עסן, און ס׳וועט הייסן, אַז מ׳האָט געגעסן דינער און סאַפּער.

— מיינע קינדער זענען זייער קליינע עסערס — האָט די מוטער געקאָקעטירט מיט איר מוטערשאַפט אַנטקעגן דעם ווייטער, ווען ער האָט פאַרנומען צוריק פולערע טעלער, ווי ער האָט דערלאַנגט. און געזאָגט האָט זי עס מיט אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט אים אַ טובה געטון דערמיט, וואָס זיי זענען קליינע עסערס.

די קינדער האָבן גלייך נאָכן עסן פאַרלאָזט דאָס עס-צימער. אָבער די מוטער איז נאָך פאַרבליבן. נישט זאַט, נישט הונגעריק נאָכן עסן ווי פאַרן עסן איז זי פאַרבליבן און אָפּגעהאַלטן דעם ווייטער און אָפּגענומען ביי אים אינפאָרמאַציעס וועגן עסן און טרינקען; ווען און אין וואָס פאַר אַ שעה מען עסט „ברעקפעסט“, און וויפל מאָל אַ טאָג מען טרינקט מילך; נאָכדעם איז זי אַרויף צו זיך אין צימער אַריין און מיט אַ זעלבסט-צופרידן געפיל, ווי זי וואָלט אָפּגעטון פאַר דער וועלט זייער אַ נוצלעכע און וויכטיקע זאַך, האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן, מיט אַ האַרטן זיסן שלאָף...

די פרעמדע

מ׳האָט מיך אין איינער אַ שטוב באַקאַנט געמאַכט מיט אַ מיידל. אַזוי גלייך ווי מ׳האָט מיך מיט איר באַקאַנט, האָב איך שוין געזען, אַז „באַקאַנט״ וועל איך שוין מיט איר נישט זיין. איך ווייס נישט, צי זי איז געווען אַזוי מיאוס, אָבער מיר איז זי נישט געפעלן געוואָרן. און שטעלט זיך פאָר, אַז פון דעם טאָג אָן און ווייטער, הויב איך אָן דאָס מיידל צו באַגעגענען טאָג-טעגלעך. אַלע טאָג, אַלע פרימאָרגן, ווען איך גיי צו מיין באַשעפטיקונג, באַגעגן איך אָט דאָס מיידל, און עטלעכע מאָל אַזוי באַגעגענענדיק זי איין טאָג נאָכן אַנדערן, טראַכט איר מיר: רבונו של עולם, ווו איז זי געווען ביז אַהערצו? פאַרוואָס האָב איך זי ביז אַהערצו נישט באַגעגנט? וואָס עפעס פלוצלינג האָב איך זי אָנגעהויבן צו באַגעגענען נאָך מיין באַקאַנטשאַפט? און איך ענטפער זיך אַליין: מסתמא האָסטו זי באַגעגנט פריער אויך, נאָר אַזוי ווי דו ביסט נישט געווען באַקאַנט מיט איר, און אַזוי ווי זי בליצט נישט מיט קיין שיינקייט, איז דערפאַר האָסטו זי קיינמאָל נישט באַמערקט.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ שטראָף צו זיין אַן אומזיסטיקער משרת ביי אַ מיידל, און טאָג-טעגלעך, אַלע פרימאָרגן, 9 אַזייגער אינדערפרי, צו הויבן פאַר איר מיין הוט? אויב שוין יאָ הויבן אַ הוט, וואָלט איך עס גערנער געטון פאַר אַנדערע מיידלעך, פאַר שיינע מיידלעך, פאַרוואָס קומט עס איר עפעס? אַי, וואָס איך בין מיט איר באַקאַנט? אַ שיינע באַקאַנטשאַפט. איך געדענק אפילו

נישט די פאַמיליע אירע (און ווען איך וואָלט אפילו יאָ געדענקט די פאַמיליע אירע, איז וואָס וואָלט זי מיר נאָענטער געוואָרן מיט דעם?).

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג: אַלע טאָג באַגעגן איך זי און אַלע טאָג באַגריס איך זי. און נאָך ווי אַזוי באַגריסן — נישט אַנדערש ווי מיט הויבן דעם הוט. מילא, צי זי איז שיין, צי נישט, אָבער אַ דאַמע איז זי דאָך.

דאָס מיידל האָט מיר אויף מיינע באַגריסונגען געענטפערט מיט קאָפּ-שאָקלען און מיט שמייכעלעך. אין די שמייכעלעך האָב איך דערקענט, אַז זי איז צופרידן מיט מיר, שטאַרק צופרידן, און געזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף, האָב איך מיך אָנגעהויבן צו מאַכן געפגרט, איינמאָל זי דורכגעלאָזט און נישט באַגריסט, אַ צווייטן מאָל זי באַגריסט, און אַ דריטן מאָל ווידער זי דורכגעלאָזט, און איך מיין, אַז איך בין שוין אַ געראַטעוועטער. הויבט זיך אפילו נישט אָן. גאָר אומדערוואַרטעט גיט זי מיך איינמאָל אַ שטעל אָפּ און אַ זאָג:

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט און פאַרטראָגן?

פון איין זייט בין איך געווען צופרידן, וואָס זי מיינט, אַז איך באַמערק זי נישט פון פאַרטראַכטקייט און צעטראָגנקייט. איינצייטיק אָבער בין איך נישט צופרידן געווען, ווייל ווען זי וואָלט אַנדערש געמיינט, וואָלט זי דאָך צו מיר נישט צוגעגאַנגען, און עס וואָלט מיט דער צייט גענומען אַ סוף צו אונזער באַקאַנטשאַפט און צו מיין באַגריסן זי.

זי האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַ צען-פופצן מינוט, און שיין איז געווען, וואָס זי האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, וואָס זי קאָן לענגער מיט מיר נישט שטיין, אַז זי האָט נישט קיין צייט און מוז גיין, נאָר אויב איך וויל און איך האָב צייט, זאָל איך זי באַגלייטן אַביסל. איך, פון מיין זייט, האָב זיך אויך אַנטשולדיקט, און געזאָגט, אַז ליידער מוז איך מיך אָפּזאָגן פון דעם גרויסן פאַרגעניגן, ווייל איך האָב אויך קיין צייט נישט...

און מיין אַרבעט פון באַגריסן זי איז ווייטער אַוועק, און אַ מעלה האָט דאָס מיידל געהאַט (פאַר מיר אַ חסרון), וואָס אַז טאָמער האָב איך נישט באַוויזן אַזוי גיך, ביים ערשטן אויגנבליק, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, זי צו באַגריסן, האָט זי נישט געוואַרט און מיך באַגריסט. זעט אויס, אַז איר נישט רעכענען זיך מיטן סדר העולם,

האָב איך געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דאָס, וואָס זי האָט מיך אָנגענומען פֿאַר אַ צעטראָגענעם, און אַדאַנק דעם איז, ווען איך וואָלט אפֿילו געוואָלט זיין אַזאַ רשע און זי נישט באַגריסן, איז האָט זי נישט געוואַרט און מיך באַגריסט אַפֿריהער, איז האָב איך דאָך שוין געמוזט ענטפֿערן. שייך ענטפֿערן! איך האָב שוין געגעבן אַזאַ כאַפּ אַראָפּ דעם הוט מיינעם... איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן. איך האָב זיך דאָך געפֿילט שולדיק אַנטקעגן איר, וואָס איך האָב זי פֿריער נישט באַגריסט, האָב איך דערמיט געוואָלט פֿאַרגלעטן די שולד מיינע...

מיט דער צייט, האָט דאָס מיידל באַקומען אַ באַהעפֿטונג צו זיך. פֿון צייט צו צייט האָב איך זי באַגעגנט מיט אַ יונגנמאַן גיין, און דער יונגערמאַן, ווי עס פֿירט זיך ביי אינטעליגענטע מענטשן, האָט צוזאַמען מיט דעם מיידל, געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג, וואָס איך האָב זי באַגריסט. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס ער איז צו איר אָט דער יונגערמאַן, אָבער נאָך זיין טוליען זיך צו איר און אין זיין פֿירן זי אונטערן אָרעם, איז געווען צו זען, אַז קיין ברודער איז ער איר נישט, און איך בין צופֿרידן געווען, וואָס זי האָט געקריגן אַ באַהעפֿטונג צו זיך. איך האָב מיך געטראַכט: שוין, דאָ קומט אַ סוף. מסתמא וועט זי אינגיכן חתונה האָבן, און אַז זי וועט חתונה האָבן, וועט זי דאָך אויפֿהערן גיין צו איר באַשעפֿטיקונג, אָדער זיי וועלן זיך אַרויסציען ערגעץ אין אַן אַנדער דירה, און איך וועל אויסגעלייזט ווערן פֿון דער אַרבעט מיינער.

איינמאָל, ס'הייסט אַ צווייטן מאָל שוין, שטעלט מיך דאָס מיידל ווידער אָפּ, און פֿרעגט ביי מיר מיין אַדרעס. פֿרעג איך איר, וואָס זי באַדאַרף דעם אַדרעס מיינעם. זאָגט זי, אַז זי וויל מיר צושיקן אַ בילעט אויף דער חתונה, אויך איר חתונה מיט דעם יונגנמאַן, וואָס איך באַגעגן זי אַזוי אָפֿט. זאָג איך צו איר: אפֿשר האָט זי שוין דעם בילעט ביי זיך, קאָן זי מיר אים שוין איבערגעבן און זיך פֿאַרשפּאָרן אַן אַרבעט פֿון שיקן. און כך הוה, זי עפֿנט דעם רעדיקול און דערלאַנגט מיר אַזאַ ווייס און פֿיר-עקעדיק און האַרט שטיקל קאַרטאָן, און איך זע, אַז זי הייסט סימע מילשטיין, און דער חתן אירער הייסט אַביגדור פֿישמאַן. דאַנק איך איר און גיי מיר אַוועק מיין וועג און טראַכט מיר: ענדלעך, ענדלעך זיך דערוווּסט, וועמען איך באַגריס, און פֿון וועמען איך ווער באַגריסט, איך ווייס שוין כאָטש די נעמען זייערע... איך האָב דווקא חשק געהאַט צו גיין אויף דער חתונה. מיר

איז אינטערעסאַנט געווען, ווי אַזוי אַ מענטש (איך, הייסט עס) קאָן זיך פילן אויף אַ חתונה פון אַן אומבאַקאַנט פּאָרל, און ווי אַזוי וועלן זיי מיך אויפנעמען.

אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה באַגעגן איך דאָס פּאָרל. זיי שטעלן זיך אָפּ ביידע שיינענדיקע און גליקלעכע, און זי זאָגט צו מיר:

— אונז קומט אַ מזל־טוב!

— מזל־טוב אייך!

— פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען אויף דער חתונה, פאַרוואָס?

— מילא — האָב איך געזאָגט — איר האָט אָן מיר חתונה געהאַט, און איר זענט צופרידן.

זי האָט מיר פאַרגעבן דעם חטא מיינעם, וואָס איך בין אויף איר חתונה נישט געווען, אָבער דערפאַר וועל איך זיך שוין זיכער נישט לאָזן בעטן און וועל אַריינקומען צו זיי, און האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס.

דאָס מיידל (אָדער דאָס ווייבל) האָב איך אַלץ זעלטענער און זעלטענער באַגעגנט. דערפאַר האָב איך דעם מאַן (דער מיידלס אָדער דער ווייבלס) אַלע טאָג באַגעגנט, און אויפן אָרט צו באַגריסן און באַגריסט צו ווערן פון איר, האָב איך אים באַגריסט און באַגריסט געוואָרן פון אים. אמת, אַמאָל האָב איך, אַמאָל האָט ער, אַמאָל האָבן מיר ביידע זיך נישט זעענדיק געמאַכט און מיט דעם וואָלט אפשר געקומען אַ סוף צו אונזער באַקאַנטשאַפט. האָט ער זיך אָבער פון צייט צו צייט מיט זיין ווייבל באַוויזן, און די באַקאַנטשאַפט אונזערע איז אָפּגעפרישט געוואָרן, און ווידער איז אַוועק אַ גאַנג, מ׳באַגריסט זיך ווייטער...

— — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל, אַזוי אַרויסגייענדיק פון מיין הויף אין גאַס אַריין, זע איך, ווי אַנטקעגן מיר ציט זיך און שלעפּט זיך מיט אומעט און מיט טרויער אַ פּאָר פערד איינגעהילט אין שוואַרצן, און נאָך די פּאָר פערד שלעפּט זיך אַ קאַטאַפאַלק, און נאָכן קאַטאַפאַלק שלעפּן זיך נאָך עטלעכע געציילטע מענטשן, און האַרט ביים קאַטאַפאַלק מיט ביידע הענט אויף אים גייט נאָך אַט דער זעלבער יונגערמאַן, דער מאַן, וואָס איך קען נישט און קען יאָ, און ווייס, אַז ער האָט צוריק מיט

עטלעכע חדשים חתונה געהאַט פֿאַר מיין באַקאַנטער און אומבאַקאַנטער מיידל. פֿאַלט מיר גאָר נישט איין; נו יאָ, פֿאַרוואָס זאָל עס מיר נישט איינפֿאַלן? ער קען דאָך האָבן אַ טאַטע, אַ מאַמע, יעדער יונגער מענטש האָט עפּעס עלטערס פֿון זיך צו באַגראָבן. און איך לאָז מיך אַזוי ווייטער גיין. און צוגעקומען צום הויז, וווּ דאָס פּאָרל האָט געוווינט, זע איך שטיין אַ רעדל יידן מיט ווייבער, יידן, די הענט אין די קעשענעס, און ווייבער פֿאַרלייגט די הענט אויף די בריסטן און פֿאַרשטעקט די פֿינגער אונטער די פּאַכוועס. הער איך אַזוי ווי איין יידענע זאָגט צו דער צווייטער:

— אַז זי האָט קיין קינדער נישט געוואָלט האָבן!

פֿאַראינטערעסיר איך זיך און גיב אַ פֿרעג, ווער ס'איז דאָ געשטאָרבן, ענטפֿערט מיר איינע: אַ ווייבל, אַ יונג ווייבל ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה.

איך האָב מיך גלייך פֿאַרקערעוועט צוריק און גלייך אַראָפּ פֿונעם טראָטואַר און אַרויף אויף דער שפּיציק־געברוקירטער גאַס און אָנגעיאָגט דעם קאַטאַפֿאַלק... איך האָב געפֿילט אויף זיך עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן חוב, אַז איך מוז זי באַגלייטן, מיין באַקאַנטער און אומבאַקאַנטער, אין איר אייביקער רו אַריין... איך האָב געפֿילט אַ חוב, ווייל... ווייל איך האָב מיך געפֿילט עפּעס ווי שולדיק קעגן איר... ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב ווען עס איז געהאַט אַזאַ פֿאַרלאַנג, כדי אויף אַזאַ מין אופֿן פֿון איר פּטור צו ווערן...

— — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס איז געוואָרן מיט איר מאַן? איך פֿלעג אים שוין נישט אַזוי אָפֿט באַגעגענען. אָבער ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר זיך גאַנץ גערן באַגריסט... אַלנפֿאַלס, קען איך עס מיט זיכערקייט זאָגן וועגן זיך... עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט דער פֿאַרשטאָרבענער אַ חוב געבליבן שולדיק, וואָס איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט און געמוזט צאָלן דעם יורש אירן... — — —

א שפּיל

מיר איז נאָר־וואָס איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז פרויען קאָנען אין זיך קיין סוד נישט איינהאַלטן, דערפאַר, וואָס זיי אַליין זענען פול מיט סודות; דערפאַר, וואָס יעדע פרוי איז אַ שטיק סוד. איך גלויב, אַז זיי ווייסן דאָס אַליין נישט, אַז ס׳איז פאַר זיי אַליין אַ סוד, אָט די פיל־סודותדיקייט זייערע.

אַנטקעגן וואָס איז דאָס צוריייד געקומען? אָט הערט:

ביי אונז אין ביוראָ אַרבעט ערשט אַ קורצע צייט אַ מיידל, דאַר ווי אַ שפּענדל, און פּונקט ווי אַן אויסגעטריקנט שפּענדל קאָן זיך אָנצינדן פון אַ ליאַדע פונק, אַזוי פילט מען (אַזוי האָב איך, על כל פנים, געפילט), אַז אָט דאָס דאַרע מיידל קאָן זיך פון אַ ליאַדע באַרירונג מיט עמעצן אָנכאַפּן און ברענען. און ווי קליין דאָס איז, אַזעלכע גרויסע אויגן האָט עס, מיט אַזוי פיל שוואַרצקייט און אַזוי פיל גלאַנץ און אַזוי פיל חכמה. און דאָס אַלץ, אי די שוואַרצקייט, אי דער גלאַנץ, אי די חכמה, דאַכט זיך, איז איין און דיזעלבע זאַך, אויסגעמישט צוזאַמען. און צוזאַמען איז דאָס אַ קלוג, שוואַרץ גלאַנציק אויג, וואָס בליצט פול מיט לעבן, פול מיט יוגנט, וואָס איז אין דעם קליינעם דאַרן קערפּערל באַהאַלטן.

איך האָב איר פון ערשטן טאָג אָן, וואָס זי איז צו אונז אין ביוראָ אָנגעקומען, געשענקט זייער פיל אויפמערקזאַמקייט. ווען איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט, האָב איך געקוקט אויף איר, און מיין אויג האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אויף איר. זי אָבער האָט מיר

נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, און איך האָב עפּעס אַנדערש נישט געקענט דערוואַרטן, איך וואָלט דאָך שוין געקענט האָבן אַזעלכע קינדער ווי זי.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען, און ס'וואָלט זיכער אַזוי ווייטער אַוועק, ווען מיין פרוי וואָלט זיך דורך אַ צופאַל נישט אַריינגעווויזן אין ביוראָ אַריין, און פון דעמאָלט אָן, האָב איך באַמערקט, האָט דאָס מיידל גאָר אַנדערש אויף מיר אָנגעהויבן קוקן. איך האָב עס אויפן אָרט באַמערקט, בעת מיין פרוי איז געווען, אַז זי קוקט עפּעס שיינענדיק און שמייכלענדיק אַמאָל אויף מיר און אַמאָל אויף איר. אַזוי גלייך ווי די פרוי מיינע האָט דאָס ביוראָ פאַרלאָזט, האָט זי געזאָגט צו מיר:

— איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז איר האָט אַזאַ יונגע פרוי.

— פאַרוואָס?

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט מיר בלויז אַריינגעשמייכלט, און דאָס האָט געהייסן, אַז געמיינט האָט זי דאָס דערפאַר, ווייל איך שענק איר אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

און פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, ווי אָט דאָס מיידל ווערט צו מיר פריינטלעכער און ליבלעכער און האָט מיר פון צייט צו צייט אַזוי שפּילעוודיק אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט דאָרט ביי מיר אין די אויגן געזוכט עפּעס און גענישטערט. איך האָב נישט געוווסט וואָס. אָבער זיכער איז געווען איין זאַך, אַז די קליינע האָט זיך עפּעס דערפילט נעענטער צו מיר, אַדאַנק דעם, וואָס מיין פרוי איז אַ שיינע און נישט פיל עלטער פון איר.

— אייערע מענער! — האָט זי מיר איינמאָל אַזוי אַ זאָג געטון מיט אַ קאָקעטיש ברוגזל און מיט אַ פינגערל דערביי אַ שמייס געטון אין דער לופט.

— וואָס?

— איר ווייסט שוין...

און ס'האָט אויסגעזען, אַז זי איז גלייכצייטיק אי ברוגז, אי צופרידן מיט מיר. זי איז געווען ברוגז אויף מיר, וואָס איך, האָבנדיק אַזאַ שיין, יונג ווייבל, שענק איר, דעם מיידל, אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, און גלייכצייטיק איז זי טאַקע פון דעמזעלבן געווען צופרידן...

איינמאָל האָט זי מיר אַזוי ליבלעך און צערטלעך אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און געזאָגט און געפֿרעגט, צי קאָן אַ מאַן זיך פֿאַרליבן אין אַן אַנדערער, ווען ער האָט אַ שיינע פֿרוי?

איך האָב געשמייכלט מיט פֿרייד און פֿאַרגעניגן, און איר געהייסן אָװעקשטעלן די פֿראַגע גאַנץ אַנדערש: צי קאָן אַ מאַן, וואָס האָט ליב זיין ווייב, זיך פֿאַרליבן אין א צווייטער?

זי האָט מיך פֿאַרשטאַנען, אָט דאָס מיידל, און האָט אַזוי ברייט און יום־טובדיק געשמייכלט, פֿול מיט פֿאַרשטאַנד און פֿול מיט חכמה. אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זענען פֿיל ליכטיקער און שוואַרצער געוואָרן, און אָנגעקוקט האָט זי מיך אַזוי אַ היבשע ווײַלע מיט שמייכל און מיט גלאַנץ, און מיט איר גאַנצן מיידלשן יום־טוב האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַז דאָס מיינט זי. און איך האָב איר געענטפֿערט:

— אויב איינער איז שטאַרק באַגייסטערט פֿון זיין פֿרוי, איז אַלעמאָל דאָ אַ געפֿאַר, אַז ער זאָל זיך נישט פֿאַרליבן אין אַ צווייטער, וואָס האָט עפּעס ענלעכס צו דער פֿרוי צו זיינער, פֿון וועלכער ער איז באַגייסטערט.

איך ווייס נישט, אויף וויפֿל ס׳איז ריכטיק, אָבער געזאָגט האָב איך עס נישט אַזוי לשם ריכטיקייט, נאָר צוליב דעם, כּדי איר צו געבן אָנצוהערן, אַז איך בין פֿאַרליבט אין מיין פֿרוי, און אַז דערפֿאַר קאָן איך אויך פֿאַרליבן זיך אין איר, ווייל זי איז ענלעך צו מיין פֿרוי.

זי האָט מיר שוין נישט געקוקט אין די אויגן אַריין, נאָר אין פּנים און אויף מיין קאָלנער און האַלז־טוך האָט זי געקוקט. די אויגן אירע זענען געווען האַלב־אַראָפּגעלאָזט, און אויף איר ברייטלעכן, אויסערגעוויינלעך סימפּאַטישן מויל איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ האַלב שמייכעלע, עפּעס אַזאַ באַטראַכטס און פֿאַרטיפֿטס. און מאָמענטנווייז האָב איך געפֿילט, אַז ס׳זיצט נעבן מיר עפּעס אַזאַ נאָענט מיידעלש מענטשעלע, וואָס טראַכט זיך אַריין אין מיר און האָט אַ שטאַרקן אינטערעס מיך לערנען צו קענען.

— איז דאָס ביי אַלע אייערע אַזוי?

איך האָב איר דערקלערט אָט וואָס:

— די ליבע ביי אַלע מענער האָט איין יניקה, פּונקט ווי אַלע בוימער, וואָס וואַקסן פֿון דער ערד. אָבער זעט פֿונדעסטוועגן וויפֿל

סאָרטן בוימער עס וואַקסן אַרויס פון איין און דערזעלבער ערד, אַזוי איז דאָס ביי מענער אויך. יעדער איינער האָט זיך זיינע אייגנשאַפטן, זיינס עטוואָס אינדיווידועלס. פאַראַן אַזעלכע, וואָס פיינט האָבנדיק די אייגענע ווייבער, האָבן זיי דערפאַר ליב אַלע פרעמדע. פאַראַן ווידער, פאַרקערט, אַזעלכע, וואָס אַדאַנק זייער פיינטשאַפט צו די אייגענע, האַסן זיי אַלע פרויען... ווייטער זענען פאַראַן אַזעלכע מענער, וואָס ליב האָבנדיק די אייגענע ווייבער, האָבן זיי פיינט אַלע פרעמדע, און פאַראַן ווידער נאָך אַ סאָרט מענער, וועלכע וואָס מער זיי האָבן ליב די אייגענע ווייבער, אַלץ מער געפאַר איז דאָ, זיי זאָלן זיך נישט פאַרליבן אין אַנדערע.

— איצט ווענדט זיך, צו וועלכן סאָרט מאַן איר וואָלט געוואָלט אַריינפאַלן.

זי האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז דער סאָרט, אָט דער פון די, וואָס האָט ליב זיין ווייב און קאָן זיך אויך פאַרליבן אין אַן אַנדערער, אַז אָט דער סאָרט געפעלט איר דווקא בעסער... אַזעלכער איז אינטערעסאַנטער... אָבער...

— אָבער וואָס?

זי גלויבט זיך נישט, צי אַזעלכעס איז מעגלעך.

איך האָב זיך געבראַכט פאַר אַ לעבעדיקן פאַקט, און זי האָט אַזוי מיילדיק און צייטעריק געשמייכלט, און אויף אירע אָריענטאַל-שוואַרצע אויגן האָט זיך פאַרצויגן אַ שפיגלדיק פייכט גלענצל, און געזאָגט האָט זי אין אַ פאָר מינוט אַרום, אַז אויף איין זאַך גלויבט זי מיר יאָ, אַז פאַרליבט בין איך אין איינער.

— ווער-זשע איז די איינע?

— אייער פרוי!...

— ריכטיק! ריכטיק ווי גאָלד... אָבער ווי אַזוי נאָך! איך בין באַגייסטערט פון איר!...

זי האָט פלוצלינג אויף מיר ברייט אַ קוק געטון, און פאַרשטאַנען, אַז איך האָב שוין צופיל אָנגעצויגן, האָב איך זי צורו געלאָזט, און דאָך באַזעצט ביי מיין טיש, און ביי מיין אַרבעט האָב איך פון צייט צו צייט אויף איר אַ קוק געוואָרפן, און געזען ווי די קליינע איז געזעסן אַן אָנגעלאָדענע און האָט אַזוי האַמעטנע געאַרבעט און געקנאַקט מיט דער שרייב-מאַשין, ווי זי וואָלט דערמיט עפעס אין זיך געוואָלט פאַרטראַסקען. און הגם איך האָב מיך אין גאָרנישט גע-

פילט זינדיק אַנטקעגן איר, דאָך בין איך דעם גאַנצן טאָג געווען אונטערן איינדרוק, אַז זי איז עפּעס ברוגזלעך אויף מיר. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט איר, איידער איך האָב די ביוראָ פאַרלאָזט, האָט זי מיר פריינטלעך געדריקט די האַנט, און ברייט, ליב־שמייכלענדיק געזאָגט:

— גריסט אייער פרוי!

די קליינע האָט עפּעס גאָר אַן אַנדער צוטריט צו מיר באַקומען. ס'איז פאַרשוואונדן אָט דאָס דרך־ארצדיקע האַלטן זיך אירס, וואָס איז פריער געווען צו באַמערקן, איידער זי האָט געזען די פרוי מיינע. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרהאַלטן צו מיר, ווי צו אירס אַ גלייכן. זי האָט אַלע טאָג געפרעגט אויף מיין פרוי, וואָס זי מאַכט, און אַלע טאָג פאַרן אַוועקגיין נישט פאַרגעסן איר איבערצוגעבן אַ גרוס.

איינמאָל, ווען איך האָב איר עפּעס דיקטירט, און זי האָט סטעניאָגראַפיש פאַרשריבן דאָס, וואָס איך האָב דיקטירט, האָט זי אַ זאָג געטון צו מיר:

— איר ווייסט, איך בין פאַרליבט אין אייער פרוי! — און האָט זיך ראָזיק פאַרשעמט, ווי זי וואָלט זיך מיר אין ליבע דערקלערט.

— און וואָס הערט זיך מיט מיר?

זי האָט מיר אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז פריער, איידער זי האָט געקאָנט מיין פרוי, האָט זי מיך נישט געקאָנט ליידן, אָט דערפאַר טאַקע, ווייל... זי איז געווען זיכער, אַז איך האָב אַן עלטערע ווייב (אין מיינע יאָרן), און דערפאַר בלויז האָט זי מיך נישט געקאָנט ליידן... אַזאַ נאַטור ביי איר... מענער אַליין, אַלס מענער, איז נישטאָ ביי איר קיין אַלטע און יונגע (ביז אַ געוויסער מאָס, פאַרשטייט זיך). זי מעסט אַלע מאָל די מענער נאָך זייערע פרויען נאָך. האָט איינער אַ מאַן, ווי יונג ער זאָל נישט זיין, אַן אַלטע פרוי, דאַכט זיך איר, אַז דער מאַן איז אויך אַן אַלטער, און פאַרקערט, האָט אַ מאַן... זי וואָלט זיך גיכער געקאָנט פאַרליבן אין אַן עלטערן מאַן, וואָס האָט אַ יונגע פרוי, איידער אין אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אַן עלטערע פרוי...

— אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט — דאַרף מען זען, איר זאָלט זיך אָפטער טרעפן מיט מיין ווייבל — און דערנאָך האָב איך צוגע-

געבן, אַז איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב זי שוין לאַנג נישט באַקענט מיט איר.

איינמאָל פאַרנאַכט זענען מיר ביידע גלייך אַרויס פון ביורא. איך האָב זי גענומען אונטער מיין שירם. ס'האָט זייער גערעגנט. אונטער די פיס האָט געגעצט וואַסערדיק און בלאָטיק. און אויבן אויפן שירם, איבער אונזערע קעפ, האָבן געקלאַפט די רעגן-טראָפנס, ווי אין אַ דעכל אַריין. איך האָב זי געפירט אונטערן אָרעם, געפילט די דינקייט און די וואַרעמקייט פון איר האַנט. איך בין געווען איר באַשיצער פון רעגן און פאַר די אויטאָמאָבילן, וואָס זענען געפלויגן הין און צוריק, באַשפּריצטע און באַנעצטע פון בלאָטע און רעגן, און אַליין פון זיך פון אונטער די רעדער געשפּריצט איינס אויף דאָס אַנדערע, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי, אָט די לויפנדע שוואַרצע משחיתים, מאַכן אויסזען דעם אינדרויסן מער רעגנדיק און מער בלאָטיק... איך האָב זי געפירט אונטער דער האַנט, זי כמעט ווי אין דער לופט געהויבן...

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָב איך געזאָגט צו איר:

— מיין פרוי האָט אייך געלאָזט גריסן.

— יאָ?...

— יאָ, זי האָט אייך איבערגעגעבן אַ האַרציקן גרוס און האָט מיר געהייסן איבערגעבן אַ...

איך האָב זי אַ קוש געטון גלייך אין בעקל אַריין. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר. איך האָב זי געכאַפּט און זי פעסט אַרונטער-גענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— וווהין לויפט איר? איר וועט דאָך צעווייקט ווערן פון רעגן!

און דעם גאַנצן איבעריקן וועג האָבן מיר שוין ביידע געשוויגן.

דעם שרעק, און זי האָט באַגערט, אַז די שרעק זאָל וואָס שרעקלע־כער זיין.. אויף לעצט האָט ער זיך אַליין „צוגעשפּאַרט" און זיך צוגעטו־ליעט צו איר מיט זיין גאַנצער דערוואַקסענער גרויס און...

עכט פּעטעריש... געטריי... חלילה!... ניין!... אויף אַ געוויסן פּעטערשן אופן אזוי, אַז „אי דער וואָלף איז געבליבן זאַט, אי די ציג איז געבליבן גאַנץ"...

איז דאָס נישט די גרעסטע געמיינהייט? — פרעגט ביי מיר דאָס מיידל צו ענדע פון דער געשיכטע, — נעמען אין אַזאַ צייט און מיט אַ פלימעניצע אַזאַ געמיינע זאַך... קען מען אַזעלכס פאַרגעסן! און ווי איך האָס אים!... קען איך ביי אַזעלכן נעמען געלט? ווען דאָס וואָלט פאָרגעקומען אין אַן אַנדער צייט, קען מען נאָך אַמאָל פאַרגעסן, אָבער... כמעט ווי איינצייטיק, ס'האָט קיין צען מינוטן נישט גענומען, און איך האָב דערהערט דעם טאַטנס שטילן, ביטערן געוויין...

אז ס'איז באשערט

אויף אַ בענעפיס, וואָס איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די יידישע טעאַטערס, וואָס פלאָרעס לאַנדסלייט האָבן געמאַכט פאַר דער שטאָט, פון וואַנען זי און די לאַנדסלייט זענען, האָט איר איינער אַ לאַנדסמאַן באַקאַנט געמאַכט מיט אַ צווייטן לאַנדסמאַן, וואָס זינט זי איז אין אַמעריקע, האָט זי געוווּסט, אַז אַזעלכער איז דאָ דאָ. דער פאָטער אירער האָט איר נאָך מיט זעכצן יאָר צוריק געשריבן וועגן דעם, אַז זי זאָל דאָ אָפּזוכן אַזעלכן און אַזעלכן; און, אַז דער אַזעלכער און אַזעלכער איז אירער אַ שטיף-ברודער. דאָס מיינט: אַ זון פון פאָטערס ווייב, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אַזוי גלייך, ווי זי האָט פאַרלאָזן די היים אירע. און קענטיק בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט פאַרדרוס אויפן פאָטער פאַר זיין חתונה האָבן, האָט זי דערפאַר אַליין אויסגעמיטן די באַקאַנטשאַפט, הגם מ'האָט איר צו יענער צייט צוגערעדט, זי זאָל אים אָפּזוכן און זיך באַקענען מיט אים, ווייל ער איז שוין צו יענער צייט געווען „גוט אָפּ" און איז נאָך נישט געווען פאַרהייראַט.

דאָס אַלץ איז שוין כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן, און ס'איז אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס אין זעכצן יאָר אַרום האָט זי זיך באַקענט מיט דעם מאַן, וואָס דער פאָטער האָט איר צוריק מיט זעכצן יאָר געשריבן, זי זאָל זיך מיט אים באַקענען. און נאָך מאָדנער איז דאָס אויסגעקומען דערמיט, וואָס דער פאָטער איז שוין אַ פאָר יאָר טויט, און דאָס האָט געהייסן, אַז דעם מאַנס מוטער, מיט וועמען זי

האָט זיך באַקענס, האָט זיך שוין איצט מיט איר נישט אָנגעקערט אַפילו דאָס, וואָס זי האָט זיך אַמאָל מיט איר ווען אָנגעקערט...

ס'איז געווען צווישן די אַנטראַקטן, נאָכן צווייטן אַקט פון דער גרויסער און טראַגישער מעלאָדראַמע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט און געוואָרן אַלץ טראַגישער און מער פאַרפלאָנטערט אין צווייטן אַקט. די אַלע מענטשן, וואָס זענען נאָר-וואָס געזעסן, זענען איצט געשטאַנען, זיך אַרומגעדרייט און בכלל זיך צעשפּרייט און זיך צעוואָרפן אין אַלע ווינקעלעך, אָנהויבנדיק פון טעאַטער גופא און פאַרענדיקנדיק מיט דער פאָיע. ס'האָט זיך געפילט עפּעס אַ מין משפּחהדיקייט. ווי איין גרויסע משפּחה וואָלט דאָ זיך צוזאַמענגעקומען, ווייל די גרעסטע מערהייט האָבן זיך געקענט... ס'האָבן זיך אַלע מער אָדער ווייניקער גוט געפילט. נאָר איין פלאָרע האָט זיך געפילט זייער געקוועלט, און דווקא דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געפונען צווישן די לאַנדסלייט. וואָרום דאָ, ווער עס קען זי נאָר, ווייסט די יאָרן אירע, און מ'ווייסט, אַז זי איז פאַרזעסן, און טאַקע דערפאַר מיידט זי אַלעמאָל אויס פון צוזאַמענטרעפן זיך מיט אירע לאַנדסלייט.

— פאַרוואָס האָבן מיר אייך נאָך קיינמאָל נישט געזען? — האָט דער געוועזענער שטיף-ברודער אַ פרעג געטון ביי פלאָרען.

זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז מ'זעט זי נישט דערפאַר, ווייל זי איז אַ שטילע און אַ באַשיידענע, אַז זי האָט פיינט „אַרומצולויפן". זי האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז אַזאַ באַרימעריי פּאַסט שוין נישט פאַר אירע יאָרן. דערפאַר האָט זי נישט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, און געזאָגט עפּעס אַנדערש:

— איר ווייסט דאָך, אַמעריקע! — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — פאַרוואָס האָב איך אייך נישט געזען?

— איך קום אומעטום, נאָר איר באַהאַלט זיך אויס.

צווישן אַנדערע רייד, וואָס ער האָט צו איר גערעדט, האָט ער אויך דערציילט, אַז ער קלייבט זיך „אַרויסצונעמען" די מוטער אַהערצו. און דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס מערקווירדיקס: עפּעס האָט זי דערפילט אַ שטיקל פרייד אין דעם, וואָס איר שטיף-מאַמע, וואָס איז שוין צו איר אַפילו קיין שטיף-מאַמע נישט, וואָס יענע „גייט קומען" קיין אַמעריקע... דווקא איצט, נאָכדעם ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן, האָט זי צו יענער זיך דערפילט נענטער, ווי בעת דער פאָטער האָט געלעבט... דערהערנדיק, אַז יענע „גייט קומען", האָט זי

באַקומען אַ נעפּלדיקן באַגריף, אַז זי איז נאָך נישט אַזוי עלנט ווי עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז... געהאַט אַ נעבעכדיקן באַגריף, אַז אין דער שטיף-מוטער איז איר פאַרבליבן אַ געדעכעניש אי נאָכן פאָטער, אי נאָך דער מוטער... געהאַט אַזאַ נישט באַגרייפלעכן באַגריף, אַז האָבנדיק די שטיף-מוטער, וועט זי זיך בעסער פילן ווי נישט האָבנדיק גאָרנישט, און איינצייטיק האָט זי דערפילט, אַז דער זון דער שטיף-מוטערס, וואָס איז דאָ געשטאַנען נעבן איר, איז איר עפּעס געוואָרן נענטער. זי האָט געטראַכט, אַז צוריק מיט זעכצן יאָר, ווען זיי וואָלטן זיך געטראָפן, ס'הייסט, דעמאָלט, ווען זי איז געקומען אין אַמעריקע, וואָלט אפשר געקאָנט זיין עפּעס צווישן זיי... און אפשר איז דאָס טאַקע געווען דעם פאָטערס ציל, ווען ער האָט איר געשריבן, אַז זי זאָל אים זען... איצט, פאַרשטייט זיך, איז שוין פאַרפאַלן... און אפשר?... אפשר לעבט ער נישט מיט זיין פרוי בשלום, און ער איז גרייט מיט איר זיך צעגיין. און אפשר איז דאָס ווייב זיינס געשטאָרבן, און ער איז געבליבן אַן אַלמן מיט קינדער און קלערט...

— איר האָט געקענט מיין פאָטער? — האָט זי פּלוצלונג אים אַ פרעג געטון.

— געהערט פון אים האָב איך זיכער אין דער היים — האָט ער געענטפערט, ציילנדיק די ווערטער, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט באַווייזן זיין אַכטונג צום פאָטער צו אירן... און איר, מיין מוטער, איר קענט זי?

— איך ווייס, ווער זי איז — האָט זי פון איר זייט מיט פולער געוויכטיקייט באַמערקט — אייער משפחה האָט זיך געלאָזט הערן.

און פון מינוט צו מינוט האָט זי אַלץ בולטער און שאַרפער דערשפירט, אַז אָט דער פרעמדער לאַנדסמאַן, איר שטיף-מאַמעס זון, איז איר נישט אַזוי פרעמד, ווי אַלע איבעריקע לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אין טעאַטער...

און דאָס איז אַדאַנק דעם, וואָס איר פאָטער און זיין מוטער זענען געווען אַ ריי מיט יאָרן מאַן און ווייב... דאָס זעלבע, וואָס איז אַלעמאָל אַן אורזאַך פאַר שטיף-ברודער און שטיף-שוועסטער זיך צו פילן פרעמד ווי די פרעמדסטע, איז ביי איר גאָר פאַרקערט געווען... זי האָט דאָך צוריק מיט יאָרן דערפאַר אַליין אים נישט געוואָלט זען...

– איך האָב געהערט, אַז זיי האָבן געהאַט זייער אַ גוט לעבן – האָט פלאָרע געזאָגט צוליב עפּעס און נישט געוווּסט צוליב וואָס...

– אָ, יעס – האָט דער שטיף-ברודער שטייף באַשטעטיקט אירע ווערטער, און דערביי איר אַריינגעשמייכלט אין די אויגן אַריין מיט אַ פול-באַדייטנדיקן שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט געוווּסט די אורזאַך, פאַרוואָס זיין מוטער און איר פאָטער האָבן אַ גוט לעבן געהאַט...– אָ, יעס! זיי זענען געווען זייער גליקלעך...

וויפל, אַ שטייגער, וואָלט עס איר געקאָנט ווייטון, ווען מען וואָלט איר צוריק מיט פופצן–זעכצן יאָר דערציילט, אַז איר פאָטער האָט אַ גליקלעך לעבן מיט דער שטיף-מוטער... איצט אָבער, הערנדיק דאָס, איז נישט נאָר ס'האָט איר נישט ווייגעטון, נאָר זי איז אַפילו צופרידן געווען.

– יאָ, איך האָב געהערט!...

– מיין מוטער טרויערט נאָך ביז היינטיקן טאָג נאָך אייער פאָטער...

און דאָ האָט זיך פלאָרע נאָך בעסער דערפילט... דער געדאַנק, אַז איינע אַ פרוי, וואָס זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען, טרויערט נאָך איר פאָטער, האָט שוין גאָר צעוואָרעמט דאָס איינזאַמע האַרץ אירס... זי האָט אַזוי אַ קוק געוואָרפן מיט פריינטשאַפט און מיט היימישקייט פון הינטער אירע שוואַרצע געדיכטע ברעמען. הגם די ברעמען זענען באַיאָרטע, אַלט-מיידלשע, איז אָבער דער קוק אירער געווען אַ גאַנץ יונגער, און טיף אין האַרצן האָט זי געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו זיין מוטער, וואָס טרויערט נאָך ביז היינטיקן טאָג נאָך איר פאָטער...

– הערט, וואָס איך וועל אייך בעטן – האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון געבעט – גיט מיר צו וויסן, ווען זי וועט קומען... נעמט, פאַרשרייבט דעם אַדרעס מיינעם, און אַזוי גלייך, ווי זי וועט קומען, זאָלט איר מיר געבן צו וויסן... זאָגט איר עס מיר צו?

און ווען ער האָט געהאַלטן אין פאַרשרייבן דעם אדרעס אירן, האָט זי געטראַכט, אַז עס וואָלט אַזוי אויך נישט איבעריק געווען, ער זאָל וויסן דעם אַדרעס אירן... און אויב ער וועט אויסנוצן דעם אַדרעס, און וועט איר גאָר פלוצלונג אָפּשטאַטן אַ וויזיט, וועט אוודאי גוט זיין...

— קיין טעלעפאָן האָט איר נישט? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם אַדרעס פאַרשרייבן.

און דאָ, אַליין נישט וויסנדיק פון וואַנען און פון וואָס, האָט זי אַרויסגענומען, אַז ער האָט נישט קיין פרוי, אָדער אפשר האָט ער יאָ, נאָר ס'איז עפּעס אַזאַ האָבן, אַז ער וואָלט געוואָלט האָבן אויף איר, זיין ווייבס אָרט, אַן אַנדערע... צי זי קאָן עס זיין די אַנדערע, דאָס האָט זי נישט געקאָנט וויסן... זי האָט שוין נישט געגלויבט אין זיך אויף אַזויפיל, אַז זי זאָל וועמען געפעלן זיין...

ערגעץ האָבן זיך געטון אַ לעש אויס עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך. דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל, אַז מ'זאָל אָנהויבן זיך צונויפזאַמלען אין טעאַטער צום דריטן אַקט. עס האָבן פון אַלע זייטן, אַזוי ווי אַ טשערעדע שאָף, אָנגעהויבן צו לויפן און זיך שטופן איינס אויף דאָס אַנדערע, מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און פאַרשידענער „יוגנט“. פלאָרע האָט געוואָלט באַווייזן „אינטעליגעץ“, אַז זי קאָן זיך נישט שטופן צווישן דער מאַסע און זי איז זיך געשטאַנען אויף איר פּלאַץ... דער שטיף-ברודער אירער האָט זיך אויך נישט געאיילט, און זי האָט נישט געוווסט, צי וויל ער פאַר איר אויך באַווייזן „אינטעליגענץ“, צי ער שטייט, ווייל זי שטייט.

— גייט, אויב איר ווילט אַריינגיין — האָט זי געזאָגט — איך וואַרט, ס'זאָלן אַלע אַריינגיין... מיך אַרט נישט, אַז איך וועל פאַרפעלן צו הערן עטלעכע ווערטער פון די טראַגישע קאָמעדיאַנטן.

ווען זיי זענען אַריין אין טעאַטער, האָט זיך פּונקט אין דעם מאָמענט ראַש אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג, און אַ גאַנצער ים מיט ליכט און אַ ים מיט מענטשן און אַ ים מיט מיידלשע פיס און הענט האָבן זיך געהויבן אין דעם ים ליכט מיט אַ זינגערייי און אַ שפּילעריי.

דער שטיף-ברודער האָט זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ לאָז אַריין צווישן בענק און מענטשן, פאַרגעסנדיק אפילו איר צו געבן די האַנט. דאָס אָבער האָט איר געגעבן האָפנונגען, אַז נאָכדעם ווי דאָס „שפּיל“ וועט זיך ענדיקן, וועט זי זיך טרעפן מיט אים. דאָס איז אָבער נישט געשען, און עס איז נישט געווען קיין ווונדער אויך, ווייל ווי קאָן מען זיך עס טרעפן אין אַזאַ ענגשאַפט אין דער צייט, ווען אָט די גאַנצע ענגשאַפט רייסט זיך מיטאַמאָל אַרויסצוגיין פון טעאַטער...

צוגעגאַנגען אַ פּאָר „בלאָק“ צו אַ טראַמוויי, האָט זי זיך אַרויפגעזעצט און איז אַן איינזאַמע אַהיימגעפאָרן. און דעם גאַנצן וועג האָט זי געטראַכט וועגן אָט דער נייער באַקאַנטשאַפט אירער מיט דעם מאַן,

וואָס זייענדיק צו איר אַ פרעמדער, ווי אַלע פרעמדע, איז ער דאָך עפּעס אַ געוועזענער שטיף-ברודער אירער. און דאָס הייסט, אַז ער איז שוין נישט אַזאַ פרעמדער ווי אַלע פרעמדע... זי האָט געפילט עפּעס אַ מין היימלעך געפיל צו אים. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אָפּגעבן זיך קיין רעכענונג, צי איז דאָס בלויז אַלס שטיף-ברודער און אַלס דער זון פון יענער אומבאַקאַנטער פרוי, וואָס טרויערט נאָך עד היום נאָך איר פאָטער, צי איז דאָס דאָ עפּעס אַנדערש. — — —

ס׳איז אַוועק אַ חודש און צוויי, און פלאָרע האָט פון שטיף-ברודער נישט געהערט. און הגם זי האָט נישט ערוואַרט צו הערן פון אים עפּעס, דאָך האָט זי זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט... אמת, זי האָט אים געגעבן דעם אַדרעס צוליב דעם, אַז ווען זיין מוטער (איר געוועזענע שטיף-מוטער) וועט קומען, זאָל ער איר געבן צו וויסן. און זי האָט נישט געהאַט קיין אורזאַך זיך צו פילן אָפּגענאַרט, און דאָך האָט זי זיך פּאָרט אַזוי געפילט; און דאָס איז זיכער אַדאַנק דעם, וואָס דער שטיף-ברודער האָט אויף איר אַזאַ מאָדנעם איינדרוק געמאַכט... ווען זי וואָלט געוועזן איבערצייגט, אַז ער האָט איר נישט זיכער נישט געמאַכט, וואָס ער נוצט נישט אויס די געלעגנהייט (דעם אַדרעס, וואָס זי האָט אים געגעבן) און שטעקט איר נישט אָפּ קיין וויזיט... איינצייטיק אָבער האָט איר איר פרויען-אינסטינקט אונטערגעזאָגט, אַז זי האָט עפּעס יאָ געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק... איז דעריבער נאָך גרעסער געווען דער וווּנדער, וואָס ער לאָזט פון זיך נישט הערן. און ס׳איז ביי איר געבליבן, אַז נישט אַנדערש, אַז זי אַליין איז שולדיק אין דעם. אפשר האָט זי זיך שוין צו באַשיידן געהאַלטן, און דאָס האַלט אים אָפּ פון צו באַזוכן זי... איז דאָך, ווי זי איז זיכער, אינם גאַנצן פאַרזיצן אירס שולדיק אָט די באַשיידנקייט אירע, און וואָלט זי באמת געווען אַזעלכע וואָלט עס איר ווייניקער פאַרדראָסן. דער אמת איז דאָך, אַז דעם איינדרוק, וואָס זי מאַכט, איז בלויז צו פאַרדאַנקען דעם אויסערלעכן אויסזען אירן. זי האָט אַלעמאָל אויסגעקוקט ווי אַ מנישקע (אַ נאָנע), וועלכער ס׳האָט זיך אַליין איינגעגעבן צו פאַרטיליקן אין זיך אַלע תאוות פון עולם-הזה, און ס׳ליגט שוין אויסגעשפּרייט אויף איר פּנים אַ שטילע רוהיקייט, געלאַסנקייט און פרומע געמיטלעכקייט. גלייך די וועלט און זי וואָלטן געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. אָט אַזאַ איינדרוק האָט געמאַכט און מאַכט ביזן היינטיקן טאָג פלאָרע. אַפילו ווען זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט

זי אַזאַ אויסזען געהאַט, אָבער אין דער אמתן איז זי אַזעלכע גאָר קיינמאָל נישט געווען און זי איז דאָס נאָך איצט אויך נישט...

איר קלינגען נאָך עד־היום אין די אויערן די ווערטער, וואָס אַ לאַנדסמאַן, אַ דענטיסט, האָט איר געזאָגט מיט אַ יאָר צוועלף צוריק:

— מיר ווילט זיך אַמאָל צוגיין צו אייך און אייך אַ קוש טון, אָבער איך דערוועג מיך עס נישט צו טון.

גראָד האָט זי צו דעם בחור גאָרנישט געפילט, און האָט נישט געהאַט קיין באַגער צו כאַפּן פון אים אַ קוש. אָבער אַזוי ווי געזאָגט האָט ער דאָס און נישט קיין אַנדערער, האָט זי אים געזאָגט, וואָס זי וואָלט אַן אַנדערן געזאָגט:

— ס'איז נישט אַזוי די מעשה, ווי מ'מיינט:

מיט די ווערטער האָט זי געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי אַנדערע און ער מיינען. און מיט דעם האָט זי איינצייטיק אים געגעבן רשות, ער זאָל טון דאָס, וואָס אים ווילט זיך טון, הגם זי האָט נישט געהאַט קיין חשק, ער זאָל עס איר טון. און איר איז ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אומפאַרשטענדלעך, וואָס נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט דאָס אים כמעט ווי ערלויבט, האָט ער איר דאָך קיין קוש נישט געגעבן...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט צום דענטיסט גאָרנישט געפילט, פונדעסטוועגן טוט איר באַנג: זי וואָלט אים זיכער געקאָנט געווען האָבן. אָט איז שוין דריי יאָר, אַז זי האָט אים איגגאַנצן גאָר אָפּגעלאָזט פון אויג. ער האָט דאָך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט חתונה געהאַט. אפשר איז דאָס איבער איר?... און אויב אפילו נישט איבער איר, איז דאָס אויך איבער איר: דאָס הייסט, אַז ווען זי וואָלט געווען שטאַרק געוואָלט, וואָלט ער שוין ביי איר איצט קיין בחור נישט געווען... ממש מיט די הענט פון די הענט אַרויסגעלאָזט. הגם, וואָס האָט זי נאָך מער געקאָנט טון ווי ערלויבן זי אַ קוש צו טון, אַליין נישט האָבנדיק קיין באַגער פון אים אַ קוש קריגן? און אַ חוץ דעם, פלעגט זי אים אָפט לייען געלט, און אפילו ווען ער האָט נישט געבעטן, פלעגט זי אים אַליין אָנשלאָגן. און גע־טון האָט זי דאָס צוליב דעם, כדי ער זאָל מיינען, אַז זי פילט עפּעס צו אים, און כדי אים צו געבן מוט, ער זאָל טון דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָגט צו טון.

ערשט צוריק מיט דריי יאָר איז צום דענטיסט אָנגעקומען אַ

שוועסטער פון „יוראָפּ", ס'הייסט: פון דער זעלבער שטאָט, וואָס זי, פלאָרע, איז. און אַדאַנק איר, דער שוועסטער זיינער, האָט זי טאַקע אויפגעהערט צו גיין אַהין, צום דענטיסט, ווייל זי האָט באַמערקט, אַז די שוועסטער צעשפּרייט זיך דאָרטן נישט גאָר ווי אַ שוועסטער, נאָר ווי אַ באַלעבאָסטע פון הויז. און נישט נאָר ווי זי וואָלט געווען די באַלעבאָסטע פון הויז, נאָר אויך די באַלעבאָסטע איבערן באַלעבאָס. זי האָט זיך געהאַלטן ווי אַ באַלעבאָסטע און אַ ווייב פון באַלעבאָס האַלט זיך אַנטקעגן יענע פרויען, וואָס האָבן אַן אויג אויפן מאַן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען ס'וואָלט ביי עפּעס געהאַלטן, וואָלט פלאָרע זי געהערט פונקט ווי המן דעם גרעגער, און וואָלט איר אָן אַ שלאַכט דעם וועג נישט אָפּגעטראָטן. אַזוי ווי אָבער ס'האָט סיי ווי ביי גאָרנישט געהאַלטן, איז דערפאַר האָט זי איר אָפּגעטראָטן דעם וועג.

דרך אגב האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אויב זי וויל קריגן אינפאָרמאַציעס וועגן איר שטיף־ברודער, קאָן זי זיך עס דערוויסן טאַקע ביי אים, ביי דעמזעלבן דענטיסט. צו אים קומען אַלע לאַנדסלייט זיך קורירן די ציין, און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך דער שטיף־ברודער, אויב ער האָט שלעכטע ציין און קורירט זיי, איז דאָס נישט ביי קיין אַנדערן ווי ביי אים, ביים זעלבן דענטיסט.

ווען פלאָרע איז אַהין אַריינגעקומען, זענען ביידע געזעסן אין עס־צימער און געגעסן וואַרעמס. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן צו איר און ביידע האָבן זי באַזעצט צום טיש. באַזונדערס האָט זיך מיט איר דערפרייט דעם דענטיסטס שוועסטער.

— ווי גייט עס? — האָט דער דענטיסט אַ פרעג געטון ביי פלאָרען מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס אים אַליין גייט גאַנץ נישט־קשה, און ער ווייסט פאָרויס, אַז דעם צווייטן, ביי וועמען ער פרעגט עס, גייט עס נישט אַזוי פויגלדיק.

— אָל רייט! וואָס הערט זיך ביי אייך?

ווען זי איז געגאַנגען אַהין, האָט זי געקלערט זיך הייסן אַ קוק טון אין די ציין אַריין. אָבער זייענדיק שוין דאָרטן, האָט זי זיך באַטראַכט, אַז דאָס איז נישט נויטיק, ווייל סיי ווי וועט אים גאָרנישט איינפאַלן און האָט גלייך אַ פרעג געטון וועגן איר שטיף־ברודער.

דער דענטיסט האָט זי אינפאָרמירט, אַז דער יעניקער, אויף

ווען מען זי פרעגט זיך, איזווירקלעך זײַנער אַ פּאַציענט, און אַז ער (יענער, הייסט עס) האָט זיך ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געלאָזט מאַכן אַ רעמאָנט איבערן גאַנצן מויל ציין. און הגם אין אַמעריקע איז עס אַ געוויינלעכע זאַך, אַז מ׳זאָל אָן אַן אויסערגעוויינלעכער זייטיקער אורזאַך זיך לאָזן רעמאָנטירן די ציין, איז דאָך פלאָרען איינגעפאַלן, אַז ס׳איז עפּעס נישט אומזיסט... זי האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע צייטן, אָן דער אַלטער היים, וואָס, אַז ס׳איז בײַ איינעם געשטאָרבן דאָס ווײַב, האָט ער זיך אין אַ געוויסער צייט אַרום געלאָזט אויסרייניקן און אויספּוצן די ציין, און דאָס איז געווען דער ערשטער סימן, אַז דער אַלמן קלויבט זיך אַ חתן צו ווערן... איז איר איינגעפאַלן, אַז דאָ מיט איר שטיף־ברודער האָט אויך עפּעס געמוזט טרעפן: אָדער דאָס ווײַב איז אים געשטאָרבן, אָדער ער האָט זיך מיט איר געגט און ער קלויבט זיך חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערער.

פלאָרע האָט געשמייכלט, און די דינע בלאַסע הויט האָט זיך געקנייטשט אַרום די מויל־ווינקלען, און בײַ די אויגן־ווינקלען צו די שלייפן צו. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויסגערופן:

— איר ווייסט, דאָס איז דאָך מײַנער אַ ברודער!...

דער דענטיסט און דעם דענטיסטס שוועסטער האָבן זי פאַרוונדערט אָנגעקוקט:

— וואָס מיינט איר, אײַער ברודער? — האָט דער דענטיסט געפרעגט, און גלייך נאָך אים האָט מיט דעם זעלבן וווּנדער געזאָגט די שוועסטער:

— פון וואַנען האָט זיך צו אײַך גענומען אַ ברודער? אויף וויפל איך ווייס, האָט איר קיינמאָל קיין ברודער נישט געהאַט.

דער דענטיסט האָט פאַר די דרײַ יאָר, וואָס זי האָט אים נישט געזען, היבשלעך צוגענומען אין דער גרעב, און פונקט ווי מ׳זעט אויף איינעם אַ קראַנקן, וואָס איז געשוואָלן געוואָרן, אַז דאָס איז שוין אַ זיכערער סימן, אַז ער מוז שטאַרבן, אַזוי האָט פלאָרע אין דעם, וואָס דער דענטיסט איז פעט געוואָרן, איינגעזען אַ סימן, אַז ער וועט שוין נישט חתונה האָבן. און דאָס האָט עפּעס אַרויסגערופן אַ מיטלייד צו אים.

דעם דענטיסטס שוועסטער האָט דערלאַנגט קאַווע מיט צובײַסן, און אַלע צוזאַמען האָבן געטרונקען און צוגעביסן, און גערעדט האָט

מען פון דער אַלטער היים און פון אַלטע באַקאַנטע, וואָס געפינען זיך דאָרטן און דאָ, און פלאָרע האָט אַלץ געטראַכט וועגן איר שטיף-ברודער, האָט געוואָלט דערגרונטעווען, פונוואַנען האָט זי עס באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז ער, דער שטיף-ברודער, לעבט נישט שוה-בשוה מיט זיין ווייב (אויב ער האָט אַזעלכע), אַז ער איז גרייט זי, דאָס ווייב זיינס, אויסצובייטן אויף אַ צווייטער. און שוין בלויז אויס נייגעריקייט איז זי גערן געווען צו וויסן, אויף וויפל אָט דער איינדריק שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, און ווען מ'האָט צווישן אַנדערע לאַנדסלייט זיין נאָמען דערמאָנט, האָט זי פלוצים אַ זאָג געטון:

— איז דאָס אמת, אַז ער איז זיך צעגאַנגען מיטן ווייב?

— ווער? — האָט דער דענטיסט דערשטוינט געפרעגט.

און הגם זי האָט שוין אין דעם „ווער" גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ס'האַלט נישט דערביי, ביי וואָס זי האָט געמיינט און געוואָלט ס'זאָל האַלטן, האָט זי שוין, ווילנדיק נישט ווילנדיק, געמוזט ווייטער פאָרטזעצן אָט דעם שמועס:

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז ער האַלט זיך ביים צוגיין מיטן ווייב.

— ווו האָט איר געהערט? — האָט דער דענטיסט מיט דער זעלבער פאַרוואונדערונג געפרעגט.

— איך געדענק נישט... עפעס עמעצער פון אונזערע לאַנדסלייט האָט מיר געזאָגט...

— איך הער עס צום ערשטן מאָל פון אייך! — האָט דער דענדיסט געזאָגט — פאַרקערט, איך ווייס, אַז זיי האָבן זייער אַ גוט לעבן. שאַ, וויפל איז, אַז מיר זענען געווען דאָרטן צו־גאַסט? — האָט ער זיך געווענדט מיט דער פראַגע צו דער שוועסטער.

— ס'וועט זיין ביי אַ דריי מאָנאַטן — האָט די שוועסטער געענטפערט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן — מסתמא פאַרגינט מען נישט, זיי האָבן זייער אַ שיין לעבן, האָט מען דאָס אויסגעטראַכט.

— און ווי לאַנג איז, אַז זי אַליין איז דאָ געווען זיך „פיקסן" די ציין — האָט דער ברודער געזאָגט צו דער שוועסטער — אַ וואָך זעקס-זיבן, נישט מער...

פלאָרען איז זייער נישט אַנגענעם געווען דער גאַנצער שמועס. זי האָט אָבער געמוזט אָנטיילנעמען אין אים, ווייל זי אַליין האָט אים

דאָך אָנגעהויבן. אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען צו דערליידן; האָט זי נאָך דערצו מורא געהאַט, ס׳זאָל וועמען פון זיי נישט אײַנפאַלן, אַז דאָס איז איר אייגענע פאַנטאַזיע; און זעענדיק, אַז אינגאַנצן איבעררייסן דעם דאָזיקן שמועס וועט זיך איר נישט אײַנגעבן, האָט זי געפרעגט:

— און וואָס הערט זיך מיט דער מוטער, האָט איר נישט געהערט? זי קומט צופאָרן?

וועגן דעם האָבן זיי איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ווייל וועגן דעם האָבן זיי גאָרנישט געהערט.

פלאָרען איז מיטאַמאָל דאָרטן געוואָרן לאַנגווייליק אין אומעטיק, און דערעיקרשט האָט זי זיך דאָרטן אויסערגעוויינלעך פרעמד דערפילט, און דווקא צום דענטיסט, — אָט צו דעם, וואָס האָט איר געוואָלט אַמאָל אַ קוש טון. מען קאָן צו קיין מענטש אין דער וועלט נישט פילן אַזאַ פרעמדקייט, ווי צו אײנעם, וואָס האָט געקאָנט, אָדער געזאָלט ווערן דײַנער אַ נאָענטער מענטש, און איז דאָס נישט געוואָרן. זי האָט געהאַט אַזאַ געפיל, אַז ער איז איר דער פרעמדסטער מענטש אין דער וועלט.

— יעס, דאָקטאָר, אַזוי איז דאָס! — האָט זי גאָר פלוצים אויסגעשאָסן נאָר צוליב דעם, כדי אים אָנצורופן „דאָקטאָר", און כדי מיט דעם אונטערצושטרייכן, אַז ער איז איר אַ ווילד-פרעמדער מענטש.

— יעס, יעס! — האָט דער דאָקטאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און פלאָרע האָט פון זײַן יאושדיקן „יעס, יעס!" אַרויסגענומען, אַז דאָס הייסט, אַז מ׳איז אַמאָל געווען פאַרנאַרישט — אַ שטייגער, מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אַמאָל געבן איר אַ קוש...

— יעס, דאָקטאָר! — האָט זי ווידער געזאָגט און געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט זי אויך, און אַז זי רעכנט נישט, אַז ס׳זאָל שוין עפעס זײַן... ער דאַרף עס שוין פאַרשטיין דערפון אַליין, וואָס זי טיטולירט אים מיטן טיטל „דאָקטאָר".

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן צום אַוועקגיין, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבן נאָך איר און גאָר פלוצים אַ פרעג געטון:

— און וואָס הערט זיך טאַקע, האַ?...

פלאָרע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט צו פרעגן מיט

דער פראַגע, און האָט זי פאַרשוויגן און אַ זאָג געטון צום דענטיסטס שוועסטער:

— כאַפּט זיך אַמאָל אַריין צו מיר!

ביידע האָבן זי אַרויסבאַגלייט פון שטילקייט, פון אומעט און פון איינזאַמקייט אין דער פרייַלעכער רעשדיקער גאַס אַרויס. און פלאָרע האָט זיך געפילט אין איר גאַנג ווי אַ געפּענטעטע פון זייער שטיין דאָרטן ביי דער טיר און פון זייער באַגלייטן זי מיט די אויגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז איר קוקט נאָך אומעט, איינזאַמקייט און עלנט. זי האָט געוווּסט, אַז נישט צוליב איר טוען זיי דאָס, נאָר ווייל זיי איז אומעטיק, ווייל זיי זענען איינזאַם און עלנט, פּונקט אַזוי ווי זי.

— גוד באַי! — האָט זי פון ווייטן אויסגערופן, אַ טרייסל טו־ענדיק מיט דער האַנט אינדערלופטן.

— גוד באַי, גוד באַי! — האָבן איר צוויי שטימען געענט־פערט.

געקומען אַהיים און ווי אַן אייגענע אויפגעשלאָסן די טיר פון דער פרעמדער דירה, וווּ זי וווינט, האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט צו זיך אין צימער אַריין, און אין די קליידער און אין די שיך זיך אַריינ־געוואָרפן אין בעט אַריין, און אַוועקגעשטעלט די אויגן אויפן עלעק־טרישן לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען און געברענט איבערן בעט און איבער איר, און אין קאָפּ איז איר איינגעפאַלן אַ פראַגע:

— פאַרוואָס פאָרט איז ער „פאַרזעסן", אָט דער דאָקטאָר אירער?

— — — — — — — — — — — — —

סעם (שמחה) שער מאַכט באַקאַנט פריינד און פאַרוואַנדטע וועגן זיין גרדיס אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן מיט זיין פרוי אין אַן אוי־טאָמאָביל־עקסידענט, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטן צווישן פינף און זעקס אַזייגער אינ־אָוונט. די לויה וועט זיין מאָרגן, צוועלף אור, פון רפאל־האָספּיטאַל 158 קלינער גאַס.

אָט דעם אַנאָנס האָט פלאָרע צופעליק באַמערקט, פאָרנדיק אין

סאָבּוויי פון דער אַרבעט. זי האָט אים באַמערקט אין אַ צייטונג, וועלכע איינער אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו זיצן, האָט געהאַלטן „צונויפגעקאַלבּוטשעט" אין די הענט. פלאָרע איז פשוט איבערראַשט געווען: „סעם שער!" דאָס איז דאָך איר שטיף-ברודער (אָדער דער, וואָס איז איר אַמאָל געווען אַ שטיף-ברודער). איז דאָס נישט געווען אַ פּאָרגעפיל, וואָס פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, און די גאַנצע צייט נאָכדעם, האָט זיך איר געדוכט, אַז עפּעס איז דאָרטן נישט גלאַטיק ביי אים מיט דעם ווייב... און אפשר איז דאָס בלויז אַ צופאַל... זעלטן-ווען עס גייט אַוועק אַ וואָך, ס'זאָל מיט וועמען אַן אומגליק נישט טרעפן פון די אויטאָמאָביל-מחבלים, און יעדער איינער, וועמען עס טרעפט אַזאַ אומגליק, האָט דאָך אייגענע, „פּאַרוואַנדטע", און יעדער איינער פון זיי מוז טראַכטן דאָס זעלבע, וואָס זי. פאַרוואָס עפּעס גראָד האָט עס געטראָפן מיט זייער באַקאַנטן, אָדער אייגענעם? יאָ, זי האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען, און דאָך איז די איבערראַשונג דורך דעם נישט געמינערט געוואָרן...

דער אונטערערדישער עקספּרעס איז געלאָפן מיט זיין עקספּרעסישער שנעלקייט, און געפירט מיט זיך פול-אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס מיט קעפּ און הענט, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון דער ענגשאַפט, האָבן אויסגעזען ווי צוזאַמענגעפּרעסט אין דער בלענדנדיקער ליכטיקייט פון די טויזנטער „ליכט", וואָס האָבן די וואַגאָנעס באַלויכטן. די ליכטיקע פענסטער פון סאָבּוויי האָבן זיך געריבן אין פינסטערן חלל, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער פינסטערער חלל שלינגט אָט די שווער-אָנגעלאָדענע משא. עפּעס ווי אַן אייביקער הונגער וואָלט אָט דעם חלל באַפאַלן, אַן אייביקער הונגער נאָך דער ערד, וואָס מ'האָט פון אים אַרויסגעליידיקט... עס האָבן פאַרביי געשוועבט ווענט, אַזעלכע שווערע, האַרט און בלינד געגאָסענע, און סלופּעס פיר-עקעדיקע, און אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי מגושם-פרעמד, ווי דאָס אַלץ וואָלט נישט געמאַכט געוואָרן פון לעבעדיקע כוחות... פון צייט-צו-צייט האָבן פאַרביי געשוועבט, אַמאָל ביי די פענסטער און אַמאָל פונוויטן, ווייס-געפלאַסטערטע און גלאַנציקע שטיקער ווענט פון „סטיישאָנס", ווו עס שטעלן זיך אָפּ די „לאָקאַל-טרעינס", פאַרבייגעלאָפן זייער גלאַנץ, זייער ליכטיקייט, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ס'איז איין און די זעלבע זאַך, אַז אָט די ווייסע קאַכלעס גיבן פון זיך אָט דאָס ליכט אַרויס, און שמייכלען זיך אַזוי ווייס-ציינערדיק, פונקט ווי דער

אונטערערדישער שוואַרצער חלל וואָלט מיט טאָג געשמייכלט...

פלאָרע איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלן צווישן די קני פון דעם מאַן, וואָס איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, און ביי יעדן שלעפ און שטויס פון דער אונטער-ערד-באַן איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אים און אויף זיין „פייפער”. זי האָט, יעדעס מאָל, ווען דאָס האָט געטראָפן אין פאַרלעגנהייט אַ שמייכל געטון, אַז זי, הייסט עס, איז נישט שולדיק אין דעם, וואָס זי פאַלט אויף אים; אַז שולדיק זענען יענע, וואָס פאַלן אויף איר, און אַז יענע ווידער, וואָס פאַלן אויף איר, זענען אויך נישט שולדיק... און ס'איז אַזוי אויסגעקומען, אַז זי וויל מיט איר שמייכעלע אי זיך, אי אַלעמען פאַרענטפערן...

ס'האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי לאַנג נישט געצויגן דער וועג ביי איר, ווי דאָס מאָל; זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז זי זאָל שוין זיין אויבן און אַריינגיין אין אַ „דראָגסטאָר” און אָפרופן דעם דענטיסט, וועמען זי האָט ערשט מיט אַ פאָר טעג צוריק אַ וויזיט געמאַכט, און מיט וועמען זי האָט דעמאָלט גערעדט וועגן זיי, עס הייסט, וועגן איר שטיף-ברודער און וועגן זיין ווייב. זי קאָן שווערן, אַז דאָס איז נישט קיין בלינדער צופאַל. אפשר איז דאָס געשען, ווייל ערגעץ טיף אין איר ווען איז אַזאַ בייזער פאַרלאַנג געווען?...

דער „טרעין” איז געלאָפן און זיך געשטעלט, מענטשן זענען אַרויס, מענטשן זענען אַריין, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'זענען אַלץ דיזעלבע מענטשן, דיזעלבע, וואָס האָבן מיט צען, צוועלף און מער יאָרן צוריק אָנגעפולט די וואַגאָנעס און די ענגשאַפט געמאַכט, מאַכן זי איצט אויך... שטענדיקע באַקאַנטע אומבאַקאַנטשאַפט מיט מענטשן, וואָס דריקן איר צוויי מאָל אין טאָג אַלע טאָג די זייטן...

און אָפן פאַר זיך געשמועסט: איז דען אַ וווּנדער, וואָס ביי איר איז דאָ אָרט פאַר אַזעלכע בייזע ווונטשן?... איז דען אַ וווּנדער, וואָס זי קוקט אַרויס אויף אַ ישועה, פון וואַנען די ישועה זאָל נישט קומען?... וויפל איז טאַקע דער שיעור צו פאָרן אין די סאָבוויים אַלע טאָג צוויי מאָל אין טאָג? פאַרשטייט זיך, ווען מען וואָלט געקומען ביי איר פרעגן, צי זי וויל מיט דעם פרייז פון אַ מענטשנס לעבן זיך גליקלעך מאַכן (מ'שטיינס-געזאָגט, וואָס פאַר אַ גליק דערוואַרט זי שוין), וואָלט זי זיך אָפגעזאָגט דערפון. נאָר אַז ס'האָט פון

זיך געטראָפן, איז מסתמא אַזוי באַשערט... יענער אומצוקומען און איר...

יאָ, וואָס ס'זאָל נישט זיין, אויף דער לוויה וועט זי גיין... אַ לוויה איז דאָך נישט קיין חתונה, מ'דאַרף נישט וואַרטן אויף ספּעציעלע איינלאַדונגען, ס'קאָן גיין ווער עס וויל. ס'וועלן דאָרטן זיכער זיין פיל לאַנדסלייט, און אויף אַזוי פיל איז זי דאָך אויך באַרעכטיקט צו קומען. דאָס איינציקע, וואָס זי באַדאַרף טון, איז: אָפּרופן דעם דענטיסט! ער וועט דאָך זיכער גיין, וועט זי גיין מיט אים. יאָ, דערלייגן וועט זי זיכער גאָרנישט. אַ חוץ דעם, וואָס זי קאָן דאָרטן, פון האָספּיטאַל, כאַפּן אַ „ראַיד" אין אַ מאַשין צו דער „סעמעטער" (בית-עולם), וועט זי זיך אפשר מיט עמעצן אָנטרעפן... די בעסטע צייט: אַז מ'פאָרט צו אַ לוויה איז מען אַביסל געפאַלן ביי זיך, זעט מען, אַז דעם מענטשנס לעבן האָט קיין ווערט נישט, איז דאַרף מען זיך נישט רייסן אין די הימלען אַריין, איז רעכט נישט אַזאַ שיינע, נישט אַזאַ יונגע...

אַזוי גלייך ווי זי איז אַרויסגעשווומען פון אונטער דער ערד און איז אַריינגעפאַלן אין אַ ברייטע און רעשיקע עוועניו, איז זי אַריין אין אַ „דראָגסטאָר" (אַפּטייק), האָט זיך פאַרחדרט אין דעם ענגן טעלעפאָן-קעמערל, אַריינגעוואָרפן א ניקל און גענומען דעם „רעסיווער" (טעלעפאָן-רערל) אין האַנט.

„עליזאַבעט 6309... יעס, 6309 עליזאַבעט... העללאָו! איז דיס עליזאַבעט 6309 ? דאָקטאָר רעדלער? דאָס רעדט פלאָרע, יעס, פלאָרע! העללאו, גוד איווינינג! הערט, דאָקטאָר, איר ווייסט מסתמא פון דעם אומגליק... אָ, יעס, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר ווייסט, און איך האָב זיך עס צופעליק דערוווסט... האַ?... אוי, ווי שרעקלעך! באַלד אויפן אָרט געטויט געוואָרן?... געמוטשעט זיך, זאָגט איר, אַ פּאָר שעה?... מיט וועמען אי זי געפאָרן?.. אַליין?... זי האָט אַליין אַ מאַשין געטריבן? אָ!.. ס'איז נאָך אַ גליק... וואָס?... דאָס איז שוין גאָר אַ נייעס... די לעצטע צייטן טרייבן זייער פיל פרויען מאַשינעס. וואָס?.. דאָס רוב עקסידענטן (אומגליקס-צופאַלן) טרעפן, ווען אַ פרוי פירט די מאַשין?.. איר קאָנט עס, זאָגט איר, סטאַטיסטיש באַווייזן?.. אָ, איך האָב דאָך גאָרנישט געוווסט, אַז איר האָט אַזאַ שלעכטע מיינונג... וואָס? יעס!.. נאַו... נישט אומזיסט האָט איר נישט חתונה געהאַט, נעוועֶר מאין!.. וואָס טוט אייער שוועסטער? זי וועט מסתמא

אויך זיין דאָרטן, ניין, איר ווייסט נישט? ווען גייט איר אַהין?..
גוט, וועלן מיר זיך טרעפֿן דאָרטן. — אָל רייט! גוד-בייג״.

ווען זי איז צוגעקומען צום האָספּיטאַל, האָט זי דאָרטן, פֿאַר דער הויכער געביידע, געטראָפֿן שטיין עטלעכע מאַשינען, און אָן דעם סאַמע שפּיץ איז געשטאַנען אַ גרויסע, לאַנגע, שוואַרצע מאַשין, וואָס האָט געגלאַנצט מיט איר שוואַרצקייט, ווי אויסגעפּוצט צוליב עפּעס אַ שוואַרצן, פֿינסטערן יום-טוב.

פֿלאָרע האָט אַרייַנגעקוקט אין איין מאַשין, אין אַ צווייטער, און דאָ און דאָרטן האָט זיך איר געוואָרפֿן אין די אויגן אַריין אַן אומעטיקע ליידיקייט... זי האָט נישט געוווּסט, ווער עס איז דאָ אין די „קאַרס״ געקומען צופֿאָרן, מיט וועמען זיי זענען געווען אָנגעפֿולט, און נאָך וועמען ס׳איז אָט די פּוסטע ליידיקייט געבליבן, און דאָס האָט איר נוטה געמאַכט צו גלויבן, אַז דאָ זענען זיך צונויפֿגעקומען ווייטע און פֿרעמדע און אומבאַקאַנטע מענטשן...

אויב אַזוי, וואָלט אפשר איינגאַנצן גלייכער געווען, זי זאָל נישט גיין „אַהין״, דאָרטן, ווו אָט די אַלע פֿרעמדע און אומבאַקאַנטע זענען. אפשר וואָלט גלייכער געווען, זי זאָל דאָ שטיין און וואַרטן, ביז אָט די מענטשישע פֿרעמדקייט וועט דאָ אַרויסקומען מיט „איר״. ווען זי וואָלט כאָטש געוווּסט, אַז דער דענטיסט איז שוין דאָ, כאָטש זיכער זיין מיט איין באַקאַנטן.

גאָר אומגעריכט האָט איינע פֿון די מאַשינעס אַ „טרובע״ געטון, עפּעס אַזויווי די ליידיקייט און פּוסטקייט וואָלט אָט דאָס קול אַרויסגעלאָזט... פֿלאָרע האָט זיך אַ דערשראָקענע אומגעקוקט און דערזען, ווי אין איינע פֿון די מאַשינעס זיצט ביים רעדל אַ „באָי״ אָן אַ היטל, נישט אַנדערש, אַז ער איז ביז אַהער דאָרטן געלעגן און געשלאָפֿן. ווען ער וואָלט געווען געזעסן, וואָלט זי אים זיכער געווען באַמערקט...

זיך איינגעקוקט אין דעם „באָי״, האָט זי געטראַכט, אַז דאָס מוז אוודאי זיין איינעמס אָדער איינערס אַ זון פֿון אירע לאַנדסלייט, וואָס איז מיט איר אין איינע יאָרן. די עלטערן זענען „דאָרטן״, און ער איז דאָ געבליבן וואַרטן אויף זיי.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין און אַריינגעזאָגט אין אָפֿענעם פֿענסטער אַריין.

— העללאָ, באָי!

געפֿרעגט בײַ אים, װער ער איז, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז אַ סקול-חבר צום „באָי“, װעמענס מוטער ס׳איז געהרגעט געװאָרן אין אויטאָמאָביל-עקסידענט. און פֿלאָרע האָט זיך דאָ אַזוי גלײַך געכאַפּט:

„אַהאַ, דאָס מײנט, אַז יענער, איר שטיפֿברודער, האָט שוין אַזאַ „באָי“, װי דער איז“.

נאָך אַ מאַשין איז צוגעקומען און זיך געשטעלט צו די מאַשינעס, װאָס זענען דאָ געשטאַנען. פֿלאָרע האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט, און געהערט, װי עטלעכע זײַעריקע האָבן זיך, מיט געפֿילדער, אַרויסגעשאָטן פֿון דער מאַשין, און דאָס טירל האָט זיך מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ צוגעקלאַפּט. נאַכהער האָט זי זײ געזען האַסטיק שפּאַנען צום אַרײַנגאַנג פֿון האָספּיטאַל, אַ „כאָפּטע“ פֿון פֿינף, קאָנטיק, אַ גאַנץ געזינטל, און אַלע זענען געװען אויסגעפּוצט, װי אויף אַ חתונה; אַזוי גלײַך, װי יענע זענען דאָרטן פֿאַרשלונגען געװאָרן, האָט זי פּונװײַטנס באַמערקט דעם דענטיסטס גענגעלע. יאָ, זי האָט דאָס גענגעלע זײַנס פֿריער באַמערקט, אײדער זי האָט נאָך געװוּסט, אַז ס׳איז דער דענטיסט. ער איז געגאַנגען און געװאָרפֿן מיט די הענט פֿאָרויס, װי עס װאַרפֿן אָפּט היפּש-בײַכיקע, װאָס שטרענגען זיך אָן צו גײן גיך.

ער האָט זי נאָך פּונװײַטנס באַגריסט, און איר איז אײַנגעפֿאַלן, אַז אַזוי גלײַך, װי ער װעט צוקומען צו איר, זאָל זי מיט באַדויערן אים דערמאָנען װעגן דעם, װאָס יענע האָט זיך, ערשט נישט לאַנג, געמאַכט צײַן בײַ אים.

— אויף װעמען װאַרט איר? — האָט ער בײַ איר געפֿרעגט אײַנצײַטיק, װי ער האָט איר די האַנט געגעבן.

— אויף אײַך — האָט זי קאָקעטיש געענטפֿערט, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט איר, צוריק מיט צװעלף יאָר, געװאָלט אַ קוש טון. ער האָט זי אַזוי גלײַך אַ נעם געטון אונטערן אָרעם, זאָגנדיק דערבײַ:

— נו, טאָ קומט!

זי האָט זיך געלאָזט נעמען אונטערן אָרעם, אָבער גײן מיט אים, האָט זי זיך אָפּזעזאָגט:

— נו, זאָגט איר אַלײן, װאָס פֿאַר אַ פּנים װעט עס האָבן? מ׳װוינט אין אײן שטאָט שוין באַלד זעכצן יאָר, און מיר האָבן זיך

אַמאָל עפּעס אָנגעקערט אויך, איז בין איך דאָרטן קיין איין מאָל אין הויז נישט געווען.

— טאָ וואָס-זשע זענט איר געקומען?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און אין די באַקן האָט זיך אַ ראָזע פאַרב צעגאָסן. דער דענטיסט האָט געקוקט אויף איר אַ ווײַלע און זי אַ שלעפּ געטון מיט דער האַנט, וואָס האָט נאָך אַלץ אונטערן אָרעם גערוט.

— קומט. וואָס אַרט אײַך? איר גייט מיט מיר.

— ווי לאַנג ערשט, אַז זי האָט זיך געמאַכט ציין בײַ אײַך?...

פון אַ הינטערשטער טיר, וואָס גייט אַרײַן אין אַ „הויף“, וווּ עס געפינען זיך אַ פּאָר ביימער, און די ערד דאָרטן איז מיט גראָז באַוואָקסן, פון אָט דער זייטיקער טיר האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַ פּאָר מענטשן, און נאָך די פּאָר מענטשן איז אַרויסגעשווומען אַ שוואַרצער אָרון, וואָס פיר זייעריקע האָבן געטראָגן צווישן זיך, צווישן זייער לעבעדיקייט און גאַנג... נאָכן ארון איז נאָכגעגאַנגען אַ גרופּירטע הייפל מענטשן פון מענער און פרויען, ווי צוזאַמענגעפּרעסט פון אומגליק און טרויער, און אייניקע פון זיי האָבן געלאָזט הערן פון זיך יאָמערדיקע געוויינען, און נאָך זיי איז געגאַנגען נאָך אַ גרעסערע צאָל מענטשן, קאָנטיק — באַקאַנטע און פריינט.

פלאָרע האָט גלייך אַ זוך געטון מיטן אויג דעם „אין טרויער פאַרבליבענעם מאַן“, און זי האָט אים גלייך דערקענט. ווי אַ צענטער, אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט די אין טרויער-פאַרבליבענע קינדער, שוועסטער און ברידער פון דער „טראַגיש-אומגעקומענער“, איז ער געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

ווען דער אָרון איז אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אין דער שוואַרצער, יום-טובדיק-אויסגעפּוצטער מאַשין, האָבן זיך די לעבעדיקע איינס נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אַרײַנצוכאַפּן אין דער מאַשין אַרײַן. אין דערזעלבער צייט איז צו איר צוגעגאַנגען דער דענטיסט און זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, איר פאָרגעלייגט אַרײַנצוזעצן זיך מיט אים אין אַ מאַשין אַרײַן. זי האָט שווייגנדיק און שטיל-נאָכגיביק זיך געלאָזט העלפן פון דער זעלבער האַנט אַרײַנצושטייגן אינעווייניק.

אין איין מינוט זענען אַלע „זייעריקע“ מאַשינעס געפלויגן מיט דערזעלבער שנעלקייט, וואָס אַלע מאַשינעס אין גאַס זענען געלאָפן, און וויפיל זי האָט זיך נישט געפלייסט צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק,

אַז זי האָט הנאה פון אָט דעם פאָרן, האָט עס איר נישט געהאָלפן, און זי האָט עס פאָרט געפילט, און דער עיקר, וואָס דער דענטיסט זיצט אַזוי האַרט און אַזוי פאָרלדיק נעבן איר... שוין אַזויפיל יאָרן, אַז זי קאָן אים, און דאָס ערשטע מאָל קומט איר אויס צו פאָרן מיט אים אין אַ מאַשין...

— איז וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, האַ? — האָט זי כּמעט ווי ביים אויער דערהערט דעם דענטיסטס שטימע.

— וואָס זאָל זיך הערן, גאָרנישט.

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט? האַ?...

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט? — האָט זי געענטפערט מיט אַ פראַגע.

ווען מ'איז אַרויפגעפאָרן אויפן בית-עולם, האָט איר האַמעטנע אָנגעהויבן צו קלאַפּן ז'אָס האַרץ, און זי האָט דערפילט איינצייטיק אַזאַ געשמאַקן טרויעריק-זאַפטיקן אומעט אין גאַנצן ווען... מאָמענטנווייז האָט זי געפילט עפּעס אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שטילער היימישער אַטמאָספערע פון אַ שטיל און רואיק טויטלעבן, וואָס איז דאָרטן געלעגן ברייט אויסגעשפּרייט אויף אַ גרויסן ערדיקן און אונטער-הימלדיקן שטח... ס'איז געווען אַזוי אָפן, אַזוי ברייט, אַזוי ליכטיק און אַזוי טויט-שטיל... ווי אַ שטאָט אַ פאַרשטילטע אַן איינגעשוויגענע נאָך יאָרן פון לעבן און נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן נאָכן טויט רוט עס אַלץ זי לאַנג, ווי לאַנג פאַרגעסן סיי אין לעבן, סיי אין טויט...

עס גלאַנצן און בלאַנקען מאַרמאָרענע מצבות און הייזלעך גאַנצע שטיינערדיקע אַזעלכע דיקע און מאַסיווע, ווי אייביקייט וואָלט דאָ אויסגעשטעלט אויף מענטשן אונטער זיך, וואָס זענען אויף אייביק באַגראָבן... דאָ און דאָרטן גיט זיך אַ וואָרף אין די אויגן אַ לעבעדיקע פאָטאָגראַפיע פון דעם יעניקן, וואָס ליגט אונטער דעם שטיין באַהאַלטן... דאָ און דאָטן פרישע קברים מיט פרישע בלומען, און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די יעניקע, וואָס ליגן פאַרשאָטן אונטער דער פרישער ערד, זענען די אמתע מתים... אַז זיי זענען מער מתים-דיק, ווי די יעניקע, וואָס ליגן מיט שטיינער פאַרפוצט...

אָפּגעשטעלט זיך, און אַלע מענטשן זענען אַרויס פון די מאַשינעס. אויך דער „באָי", וואָס פלאָרע האָט געזען אין דער מאַשין אָן אַ היטל... זי וואָלט אים אפשר נישט געווען דערקענט, נאָר זיין

אָן היטלדיקייט האָט זיך איר גלייך אַ וואָרף געטון אין די אויגן, אַזוי גלייך ווי ער איז פון דער מאַשין אַרויס...

— איר האָט שוין אַמאָל געזען, ווי מ׳לאָזט אַראָפּ אַ מענטשן אין דער ערד? — האָט דער דענטיסט געפרעגט ביי פלאָרען, ווען זיי זענען פון דער מאַשין אַרויס.

— ניין, איך האָב נישט געזען... איך וויל נישט און קאָן נישט... אויב איר ווילט קאָנט איר גיין, דאָקטאָר, איכל...

— וואָס האָט איר מיך עפּעס אָנגעהויבן צו רופן דאָקטאָר, וואָס?... וואָס פאַראַ דאָקטאָר בין איך אייך?..

— וואָס דען זענט איר מיר? — האָט זי אינגאַנצן אַן אָנגעשפּיצטע געפרעגט.

דער אָנהיטלדיקער בחור איז געבליבן איזאָלירט פון אַלעמען... נישט ווייט פון זיי, ווו פלאָרע און דער דענטיסט זענען געשטאַנען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קוקן אויף אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען איינגעפּאַסט אין אַ מאַרמאָר־שטיין. דער דענטיסט האָט געקוקט אויף אים, געשמייכלט און געזאָגט צו פלאָרען:

— וועמען איז בעסער... מיר צי אים?

— אים, — האָט פלאָרע געענטפערט...

— פאַרוואָס?

— ווייל ער קוקט אויף אַ יונג מיידל...

— שוין בעסער אויף אַן עלטערער, אַבי אויף אַ לעבעדיקע — האָט דער דענטיסט געזאָגט.

און גלייך נאָכדעם האָט ער זי געגעבן אַ כאַפּ אַרום דער טאַליע, זי אַ דריק געטון צו זיך און צוגעפּאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע...

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי קענען זיך האָט ער בלויז איינמאָל אַרויסגעזאָגט זיין באַגער אַ קוש צו טון, אָבער געטון האָט ער דאָס נישט. און פונקט ווי ס׳איז איר געבליבן אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט עס דעמאָלט נישט געטון, האָבנדיק אַזאַ באַגער, איז איר דאָס מאָל פונקט אַזוי נישט פאַרשטענדלעך געווען, וואָס ער האָט עס פלוצלונג דאָ אויף אַזאַ אָרט יאָ געטון.

— פוי, איר מעגט זיך שעמען! — און דערביי אַ בויג געטון דעם קאָפּ צום אַקסל און אַ הויב געטון דעם אַקסל צו דער באַק, האָט זי געטון אַ ווישׁ אָפּ דעם קוש און געזאָגט:

— איר זענט אַ מאָדנער מענטש !..

און האָט זיך באַלײדיקט... זי איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז אַזעלכעס האָט נאָר געקאָנט פּאַסירן מיט אַן אַלטער מויד, אַז ערגעץ אַנדערש און אין אַן׳אַנדער צײַט וואָלט ער עס נישט געטון, פּונקט ווי ער האָט עס ביז אַהער נישט געטון.

— איר וועט אפשר אַרײַנגײן עפּעס איבערכאַפּן? — האָט ער בײַ איר געפרעגט, ווען זײ זענען צוריקגעגאַנגען פון בית-עולם.

דאָס איז ווידער געווען אַ נײַעס פאַר איר: פאַר פיל מאָל, וואָס זײ האָבן זיך געטראָפן, האָט ער זי נאָך קײנמאָל אין ערגעץ נישט פאַרבעטן אַרײַנצוגײן פאַרברענגען... איצט-אָ?!... וואָס זאָל עס באַדײַטן? אין דער צײַט, ווען ס׳איז נישט געווען קײן צײַט פאַר עסן, ס׳איז געווען צווישן דרײַ און פיר אַזײגער, הײסט עס, אַז ער וויל איר געבן אַ „גוד-טאַים" — עפּעס גאָר אַ מעשה „יאָנג פעלאָוו", פריער אַ קוש, נאָכדעם אַ „גוד-טאַים"... וואָס איז די מעשה?

איז וואָס האָט טאַקע מיטאַמאָל פּאַסירט מיט איר? גאַנץ געווײנלעכס. דאָס, וואָס מיט יעדן אײנעם וואָלט געקאָנט פּאַסירן אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ געלעגנהײט. בײַ יעדן אײנעם, ווען ער שטויסט זיך צוזאַמען פּנים אל פּנים מיטן טויט, הויבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן דער אימפּולס פון לעבן; ס׳איז גענוג, דו זאָלסט פאַרבײַגײן אַ בית-עולם, און דו דערפילסט עפּעס אַ רעגונג... טיף אין דײַן וועזן קומט פאָר עפּעס אַ מין דערפרישונג און דערצו נאָך, ווען דײַנער אַ באַקאַנטער אָדער פרײַנט שטאַרבט, קומט עס פאָר אין אַ פיל פאַרגרעסערטער מאָס... דאָס לעבן ווערט דיר פיל ליבער און אָנגענעמער, און קײנמאָל ביזטו אַזוי נישט צופרידן מיט דײַן לעבן, פּשוט מיטן לעבן, וואָס דו לעבסט, ווי אין אַזאַ מאָמענט...

דאָס האָט פלאָרע נישט פאַרשטאַנען, און דערפאַר האָט איר אַזוי געוווּנדערט אָט די האַנדלונג פון דעם לאַנג באַקאַנטן אירן.

מילא, אַזוי צי אַזוי, זי האָט אײַנגעשטימט. ווען ער האָט זי אָבער צוגעפירט און געוואָלט אַרײַנפירן אין אַ קאַפעטעריע, וווּ מען באַדינט זיך אַלײן, איז זי שטײן געבליבן און קײן חשק נישט געהאַט אַרײַנצוגײן... אמת, ס׳איז געווען אַ גרויסאַרטיקע קאַפעטעריע, אָבער דאָס נעמען זיך אַלײן און טאַסקען זיך מיט די בעקנס, איז איר זײער נישט געפעלן געוואָרן... אין אַזאַ פלאַץ קומט מען טאַקע אַרײַן בלויז אויף איבערצוכאַפּן; פאַר פאַרברענגען מיט אַ דאַמע, איז נאָך איר

מײנונג נאָך, אַזאַ פּלאַץ קײן פּלאַץ נישט, אין אַזעלכע פּלעצער גײען מאַן און װײַב, װען עס װערט זײ נמאס די הײמישע עסנס; אַלטע בחורים, אַלטע מײדן און קאַרגע, װאָס װילן אײַנשפּאָרן „טיפּ"-געלט.

זי איז געשטאַנען אַנטקעגן טיר און פֿענסטער פֿון דער גרױסער קאַפֿעטעריע, װאָס האָט דורך די גרױסע פֿענסטער װי טױערן אַרױס־געקוקט מיטן גאַנצן רחבותדיקן פּאַרנעם אין דרױסן אַרױס. ס'האָט אַרױסגעקוקט רײַכקײט, ברײטער פּאַרנעם פֿון פּרעמדקײט, װאָס ציט מיט דעם, װאָס פֿאַר עטלעכע סענט קאָנסטו אַהין אַרײַנגײן, אין דער פּרעמדקײט אַרײַן, און זיך פֿילן אַזױ הײמיש װי בײַ זיך אין דער הײם... װי פֿאַרגליװערטע און פֿאַרהאַרטעװעטע שטיקער טאָג, װאָס באַלאַנגט דורכױס צו רײַכקײט, גרױסשטאָטישקײט און פּרעמדקײט, שטײען צענדליקער װײַסע מאַרמאָרענע טישלעך, װאָס אַ גרױסער טײל פֿון זײ זענען געװען באַזעצט פֿון מענטשן, און אַלץ צוזאַמען האָט אױסגעזען װי... אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב, װאָס איז געװאָרן אינטערנאַציאָנאַל אַדאַנק דעם בלױז, װאָס מ'לאָזט זיך װילגײן און מ'לעבט אַן אַרבעטסלאָז לעבן...

יאָ, דער פּלאַץ איז אַ גרױסאַרטיקער, אָבער נאָך בעסער װאָלט געװען, מ'זאָל זיך נישט דאַרפֿן אַלײן טראָגן מיט די טאַצן... פֿאַרן ערשטן מאָל איז דאָס נישט געװען אַזױ אָנגענעם... אמת, זײ קענען זיך שױן זײער לאַנג, אַזױ לאַנג כּמעט װיפֿל זײ לעבן, אָבער אַלס „אַזעלכע" קענען זײ זיך הײַנט צום ערשטן מאָל, אַלס „אַזעלכער" איז ער פֿאַר איר אַ נײַער, און מסתּמא אױך זי — אים. איז ער נישט חולה אַרײַנצוגײן טאַקע אין אַזאַ אָרט אַרײַן, װוּ די קעלנער זאָלן דערלאַנגען צום טיש, און נישט מ'זאָל זיך דאַרפֿן אַלײן טראָגן מיט די טאַצן און מיט די מאכלים.

— אַלזאָ? — האָט ער אַ פֿרעג געטון. — װאָס װעט װערן פֿונם שטײן?

— איר שטײט, שטײ איך אױך! — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון אַ הײמישן צו אַ הײמישן, און װאָס נאָר אַדאַנק דער הײמישקײט קלינגט דער טאָן אומהײמלעך...

— און איך שטײ דערפֿאַר, װאָס איר שטײט — האָט דער לאַנדסמאַן זיך פֿאַרענטפֿערט און איז גלײַך צו צו דער טיר און זי אַ שלעפּ געטון צו זיך און אַרײַנגעלאָזט „זײַן דאַמע", און גלײַך איז ער איר געשטאַנען הינטער די פּלײצעס, און בײדע זענען אַרײַן אין

קאַפּע ווי אַ היימיש פּאָרל, וואָס פון צופיל היימישקייט זענען זיי אַריין ווי פרעמדע, ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצלונג בײדע אין איין צייט אָנגעטראָפן ביים אַרייגאַנג.

דער לאַנדסמאַן האָט געהייסן פלאָרען גיין פאָרויס, זי זאָל אָפּקלויבן פאַר זיך און פאַר אים, וואָס איר וועט געפעלן; דאָס מיינט, אַז וואָס זי וועט אָפּקלויבן פאַר זיך, וועט ער אויך דיזעלבע מאכלים פאַר זיך נעמען. און ווען זי, פלאָרע, האָט גענומען די טאַץ אויף די הענט, און ער האָט איר גענומען נאָכגיין מיט זיין טאַץ אויף זיינע הענט, האָט זי געהאַט אַ געפיל, ווי בײדע וואָלטן געווען מאַן און ווייב, און מ׳גייט אין קאַפּעטעריע אריין צו עסן פרעמדע מאכלים, צו זיצן ביי אַ פרעמדן טיש און צו זען פרעמדע פּנימער, כדי מיט די אַלע פרעמדקייטן אַריינצוכאַפּן אַביסל פרעמדקייט צווישן זיך... אַביסל פרעמדקייט אין דער היימישקייט אַריין, וואָס האָט שוין זייער דערעסן... ענלעכעס האָט פלאָרע געפילט, און פונקט ווי אַ ווייב, אויב זי פילט נאָר נישט קיין ווידערגעפיל צום מאַן, אויב זי איז גלייכגילטיק בלויז צו אים, איז אַלע צייטן גרייט זיין ווייב צו זיין, אַזוי איז פלאָרע גרייט געווען אָנצונעמען זיין „פאָרשלאַג", נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער גלייכגילטיקייט, וואָס זי האָט צו אים געפילט...

פלאָרע האָט מעשה באַלעבאָסטע אויסגעשטעלט די טעלער מיט די טעלערלעך אויפן טישל, און דערביי האָבן זיך געהערט אַזעלכע האַרטע און טויבלעכע קלאַנגען פון פאָרצעליי און מאַרמאָר, און אָט די קלעפּעלעך האָבן דערציילט פון אַ פרעמד, נישט-היימלעך קאַפּעטעריע-לעבן, ווו עס עסן און פאַרברענגען פרעמדע מענטשן, אַלטע בחורים, אַלטע איינזאַמע מיידן און מאַן און ווייב, וואָס זוכן א פאָרציע פרעמדקייט און כאַפּן זיך דאָ אַריין איינצייטיק מיט די פרעמדע מאכלים...

טוענדיק אָט די אַרבעט, כלומרשט ווי אַ היימישע, האָט פלאָרע געפילט אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט, און געפילט האָט זי דאָס אַדאַנק דעם, וואָס אָט די היימישע אַרבעט דאַרף טון שוין גאָר אַ שטאַרק היימישע... אמת, זי קען זיך מיט אים כמעט פון קינדווייז אָן... אָבער טאַקע אין דעם לאַנג-יאָריקן קענען זיך, אין דעם גופא ליגט טאַקע די עצם פרעמדקייט... אָט ווייל זי איז שוין לאַנג באַקאַנט, און ווייל ס׳קאָן שוין צווישן אים און איר גאָרנישט זיין און קאָנען. קאָן עס

נישט זײַן בלויז דערפֿאַר, ווײַל ס׳איז נישט געווען קיין אויסערלעכע מניעות, אַז ס׳זאָל נישט זײַן...

אָפּגעגעסן, האָט דער לאַנדסמאַן אָנגעגאָסן אַ „קאָפּע“ קאַווע, און געמישט מיטן לעפעלע דעם צוקער, האָט ער אַזוי געקוקט און געקוקט אויף איר מיט אַ שמייכעלע אין די אויגן און אַ שמייכעלע אויף די ליפּן און האָט אַזוי געזאָגט:

— איר ווייסט, פֿלאָרע, אַז דעם ערשטן טרונק וואַסער, וואָס איך האָב אַ טרונק געטון אָן אַ היטל און אָן אַ ברכה, איז דאָס געווען איבער אײַך.

זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער וויל זאָגן דערמיט. און דערקענט אָן איר, אַז זי פֿאַרשטייט נישט, האָט ער זיך ערשט ברייט פֿאַנאַנדערגעשמייכלט און זיך צולאָזט אין אַ גאַנצן מאָנאָלאָג:

— מסתּמא געדענקט איר, אַז איך פֿלעג זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן מיט דער גמרא צו אײַך אין הויז אַרײַן. איר געדענקט דאָך דאָס בית־המדרש, וואָס האָט זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון אײַער שטוב, איך פֿלעג לערנען אין בית־המדרש, און אַזוי ווי אײַער פֿאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן, פֿלעג איך זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן צו אים עפּעס פֿרעגן, ווען איך האָב עפּעס נישט געוווּסט. יאָ, דאָס איז אָבער נישט אַלעמאָל געווען אמת! איך מיין צו זאָגן, אַז זייער אָפּט פֿלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן מיט דער גמרא עפּעס פֿרעגן, ווען איך האָב עס גאָרנישט באַדאַרפֿט, און דאָס איז געווען צוליב אײַך... יעס, יעס, צוליב אײַך, הגם איר זענט נאָך געווען דעמאָלט אַ פּיצל מיידל, אַ יאָר פֿערצן אַלט... איז איינמאָל בין איך אַרײַנגעקומען מיט דער גמרא, און קיינעם אין שטוב נישט געטראָפֿן, נאָר אײַך אַליין, און איך האָב זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן, און האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון. נישט איך האָב געקאָנט אַוועקגיין, נישט איך האָב געקאָנט בלײַבן, און אײַנצײַטיק האָב איך געוואָלט באַווײַזן, אַז איך פֿיל עפּעס צו אײַך, און איך האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי און מיט וואָס, הגם איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ בחור פֿון זיבעצן יאָר... דאָ, דערזע איך, שטייט אויפֿן טיש די קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי הענטלעך (איר געדענקט אײַער קוואָרט מיט די צוויי הענטלעך?), און הגם טרינקען האָט זיך מיר נישט געגלוסט, בין איך דאָך גערן געווען זיך אָנצוכאַפּן אין עפּעס אַ טועכץ, אַבי נישט שטיין, ווי אַ גלאָמפּ. און

דאָ, אַזוי גלייך ווי איך האָב די קוואָרט אין האַנט גענומען, איז מיר איינגעפאַלן אַראָפּצונעמען דאָס היטל און נישט מאַכן קיין ברכה...

— איז וואָס? — האָט פלאָרע נייגעריק געפרעגט.

— איז וואָס, פרעגט איר? אָ, דאָס איז זייער פיל! איר באַדאַרפט וויסן, וואָס ס׳האָט געמיינט ביי אַזאַ בחורל, ווי איך בין געווען, צו טרינקען וואַסער אָן אַ היטל און אָן אַ ברכה.

— טאָ צו וואָס-זשע האָט איר עס געטון?

— וואָס הייסט, צוליב וואָס? איך האָב זיך געוואָלט אויסשטעלן פאַר אייך, אויספיינען זיך, און איך האָב גראָד אויף יענעם מאָמענט אַריינגעקריגן אַזאַ געלעגנהייט, צו באַווייזן אייך אַזאַ העלדישקייט, אַז איך קאָן טרינקען וואַסער אָן אַ היטל און אָן אַ ברכה.

— עפּעס געדענק איך טאַקע — האָט פלאָרע געזאָגט, און באמת האָט זי נישט אָנגעהויבן צו געדענקען, און האָט עס געזאָגט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז געטון געוואָרן צוליב איר, הגם זי האָט נישט געהאַט קיין באַגריף, וואָס אַזעלכעס ער האָט דערמיט דעמאָלט געוואָלט באַווייזן... איינס איז אָבער זיכער, אַז אויב ער געפינט פאַר נויטיק איצט דאָס אויפצומישן, איז אַ סימן, אַז ס׳איז אַ וויכטיקע זאַך, און דערפאַר האָט זי געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן:

— יאָ, איך דערמאָן זיך!...

— אָבער איר האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען...

— וואָס?

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, געשמייכלט און געזאָגט:

— אין יענע צייטן, אַז אַ ייִנגל איז שבת אַרויס מיט אַ מיידל הינטערן שטאָט, און האָט דאָרטן אַראָפּגענומען דאָס טיכעלע פון האַלז (אָדער פון דער האַנט), איז דאָס געווען פונקט אַזוי גוט, אפשר און אפשר נאָך בעסער, ווי די היינטיקע ליבעס-דערקלערונגען...

פלאָרע האָט זיך צעלאַכט:

— אָ, איצט פאַרשטיי איך. דאָס האָט איר מיר זיך אַזוי דערקלערט אין ליבע!

דער דענטיסט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— שטעלט אייך פאָר!

און דאָ האָט זיך פלאָרע געטראַכט: וועמענס-זשע שולד איז דאָס, וואָס ס׳איז ווייטער פון אָט דער „וואַסערדיקער" ליבעס-דערקלערונג נישט געגאַנגען? און זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם בראשית

פון אירע מיידלשע יאָרן. זי האָס זיך דערמאָנט, אַז נאָך דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן ביי איר אָט דאָס שלימזלדיק מיידליש לעבן אירס... זי האָט זיך דערינערט, ווי מיידלעך פערצן-פופצן-יעריקע, מיידלעך אין אירע יאָרן, וואָס פלעגן אַלע שבת אַוועקגיין מיט יינגלעך אין וואַלד, האָבן זי קיינמאָל נישט געלאָזט גיין מיט זיך... נישט די מיידלעך האָבן זי גערן געהאַט, און נישט די יינגלעך, וואָס זענען מיט די מיידלעך געגאַנגען: זיי, אי די מיידלעך, אי די יינגלעך, האָבן איין טענה געהאַט: „דו וועסט דערציילן". עפּעס ווי זי וואָלט נישט געהאַט די זעלבע געפילן פון איר מיידלש גלייכן. ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז זי האָט אויך חשק געהאַט צו גיין מיט יינגלעך, ווי אַלע איבעריקע „פלעכטלעך" און „צעפּלעך" פון אירע יאָרן. אַלע האָבן געהאַט איין מיינונג, אַז זי וויל בלויז גיין, כּדי זי זאָל דערנאָך קאָנען פאַרמסרן... עפּעס איז שוין צו יענער צייט אויף איר אַזעלכעס קענטיק געווען, אַז זי איז נישט ווי אַלע אַנדערע.

עטלעכע מינוט איז געווען שטיל. ביידע זענען אַריינגעזעסן מיט זייער שטילקייט אין גרויסן טומל פון אַ גרויסער, גרויס-שטאָטישער און גרויס-וועלטיקער פרעמדקייט. צענדליקער טעלער האָבן טויבלעך דאָ און דאָרט אָפּגעקלאַפּט אין די קאַלטע מאַרמאָרנע טישלעך. דערפאַר האָבן די מענטשן זיך געהאַלטן רוהיק; עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זענען זיך ספּעציעל דאָ אַהער צונויפגעקומען, כּדי צו האַלטן זיך רוהיק און שטיל. ס'איז אָבער געווען אַזויפיל מענטשן, אַז אין דער שטילקייט זייערער האָט זיך געפילט אַ טומל. און די בייטאָגיקע זוניקע ליכטיקייט האָט, דאַכט זיך, נאָך גרעסער אָט דעם טומל געמאַכט, און צוזאַמען איז געווען... אי שטיל, אי טומלדיק. און קוקנדיק אויף אַלעמען און אויף יעדן באַזונדער, האָט זיך געדוכט, אַז מ'איז זיך צונויפגעקומען אין אַן עס-טעמפּל, וווּ דאָס עסן אַליין פאַר זיך איז עפּעס אַ מין אַלמענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע תּפילה...

— וואָס האָט איר געטראַכט, ווען איר זענט געווען אויפן בית-עולם? — האָט דער דענטיסט פלוצלינג אַ פרעג געטון.

„אָט דאָ הויבט זיך עס אָן" — האָט פלאָרע אַ טראַכט געטון.

— האָט איר נישט געטראַכט, ווי נאַריש און אומזיניק דאָס לעבן איז?...

פלאָרע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ס׳זאָל הייסן אַזוי... אומגעפּער... און דער לאַנדסמאַן האָט פאָרגעזעצט זיין געשפּרעך:

— זייער נאַריש!... וואָס קלוגער מ׳איז, אַלץ נאַרישער דער־פילט מען זיך, ווען מ׳דערמאָנט זיך אָן טויט... וואָס קאָן שוין זיין, דוכט זיך אַ גרעסערע חכמה, ווי נישט חתונה האָבן, און ס׳קומט אַ צייט, וואָס דו קוקסט זיך אַרום, און דו זעסט, אַז דאָס איז אויך נאַריש!...

„יאָ... דאָס איז דאָס!... ער פירט צו דעם" — האָט פלאָרע ווידער אַ טראַכט געטון, און דער דענטיסט האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און ווייטער פאָרגעזעצט זיין פילאָזאָפיע:

— נו, איך פרעג ביי אייך אַליין: אויב נישט חתונה האָבן, איז די זעלבע נאַרישקייט, ווי יאָ חתונה האָבן, איז דאָך גלייכער אויסצוקלויבן די צווייטע נאַרישקייט... און אויב אַ חכם איז דער זעלבער נאַר, וואָס אַ נאַר, איז דאָך שוין מער חכמה אַ נאַר צו זיין איידער אַ קלוגער?...

אַנטשוויגן געוואָרן, און געקוקט מיט רוהיקייט און ישוב-הדעת אויף פלאָרען, ווי אַ מאַן קוקט אויף זיין ווייב, מיט וועלכער ער איז שוין יאָרן-לאַנג פאַרהייראַט, און איז צו איר פילאָזאָפיש געשטימט, און ס׳ווילט זיך אים מיט איר פאַרברענגען נישט ווי מיט אַ ווייב, נאָר ווי מיט אַ חבר...

— אַ, וואָס זאָגט איר, בין איך גערעכט, צי אומגערעכט?

און הגם זי איז געווען זיכער, אַז דאָס פירט צו „דעם", איז איר אָבער דער צוגאַנג זייער נישט געפעלן געוואָרן. — אמת, זי האָט נישט דערוואַרט קיין ליבעס-דערקלערונגען, נאָר אויף אַזאַ צוגאַנג האָט זי זיך שוין גאָרנישט געריכט. און דאָס האָט איר שטאַרק פאַר־דראָסן, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט עס זי אויפגערעגט; און וויפל זי האָט זיך נישט געבריהט איינצוהאַלטן דעם פאַרדרוס, האָט ער זיך דאָך פון איר אַרויסגעריסן.

— קומט, איר גייט? — האָט זי פלוצלינג שטורעמדיק אַ פרעג געטון.

הגם זי האָט געוווסט, אַז זי שטעלט די לעצטע קאָרט אין קאָן אַז אויב נישט מיט אים, וועט זי שוין מיט קיינעם נישט חתונה האָבן. — מיט אים... ווייל מיט אים ציט זיך אַ לאַנג-יעריקער, כמעט לעבנס-לענגלעכער „יאָ" און „ניין"...

— איר גייט? אַנישט גיי איך אַליין אַוועק! — און האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס פלוצלינג? — האָט ער אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

ער איז געווען זיכער, אַז זי הויבט נישט אָן צו פאַרדעכטיקן, אַז ער קלויבט זיך איר צו מאַכן אַ פאָרשלאַג.

— הערט, פלאָרע, זייט נישט משוגע... איך וויל עפּעס רעדן מיט אייך...

— איר האָט מיט מיר גאָרנישט וואָס צו רעדן — האָט זי געזאָגט, און נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין.

— הערט, פלאָרע!... איך וועל אייך פרעגן צוויי געציילטע ווערטער. נאָר אַז איר וועט „שטיין אויף איין פוס", טויג עס נישט. איר מוזט זיך אַוועקזעצן. הערט, זייער אַ וויכטיקע זאַך!

און געזען, אַז זי שטייט נאָך אַלץ, האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענט און זי אַוועקגעזעצט, און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— זאָגט מיר, פלאָרע, פאַרוואָס האָט איר נאָך ביז אַהער נישט חתונה געהאַט?

— איר מוזט עס נויטיק וויסן? — האָט זי אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט איר גלייך אין פּנים אַריין, און ווידער אַרויס מיט לשון:

— הערט, איר ווייסט נישט אַנטקעגן וואָס איך פרעג עס. ווען איר וואָלט געוווּסט, וואָלט איר זיכער אַזוי נישט געענטפערט.

— יעס, איר זענט זיכער? — האָט זי סאַרקאַסטיש אַ פרעג געטון — זייט נישט אַזוי זיכער...

ער איז אויף אַ ווײַלע צעמישט געוואָרן. אַ סברה, אַז ער לעבט אַלע יאָרן אין טעות... צי אפשר איז עס פון פאַרדרוס, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געטון דאָס, וואָס ער קלויבט זיך איצט טון.

— הערט, זאָגט מיר, פלאָרע, בין איך נישט שולדיק אין דעם?

— וואָס שולדיק? אין וואָס?

— איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין!...

— ניין. איך פאַרשטיי נישט...

— איך מיין, צי בין איך נישט שולדיק אין דעם, וואָס איר האָט נאָך ביז איצט נישט חתונה געהאַט?

— איר זענט שולדיק? וואָס מיינט איר?

— איך מיין, צי זענט איר נישט אין מיר..

— פאַרליבט געווען? — האָט פלאָרע סאַרקאַסטיש אונטערגעכאַפּט.

— יאָ, נו —

— איך אין אייך? פונוואַנען האָט איר עס גענומען?

דער לאַנדסמאַן האָט זיך דערפילט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, און געזאָגט:

— הערט, פלאָרע, איך פרעג עס נישט סתם אַזוי פון נייגעריקייט. איך דאַרף עס וויסן צוליב זייער, זייער אַ וויכטיקער זאַך...

— אומזיסט אייער מי!... — האָט פלאָרע מיט אַ בייז געמיט אים אָפּגעהאַקט.

דער לאַנדסמאַן איז עפּעס ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, און האָט מיט אויסגעלאָשנקייט אַזוי געזאָגט:

— בייזערן זיך דאַרפט איר נישט, און ס׳איז נישטאָ צוליב וואָס. איר ווילט נישט, באַדאַרף מען נישט. בלייבן מיר ווייטער גוטע פריינט. איך האָב געמיינט, אַז איר זענט עס גערן; און אויב איר ווילט נישט, איז נישט...

ביידע האָבן זיך איינצייטיק אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגיין. ביידע האָבן זיך געדרייט צווישן טישלעך און בענקלעך, און צווישן אַ גרויסער רוימיקער פּרעמדשאַפט. דער לאַנדסמאַן איז געגאַנגען פאָרויס, און אין איין האַנט, צווישן די פינגער, געטראָגן די צוויי האַרטע שמאָלע קוויטלעך, אויף וועלכע ס׳איז אָפּגעציפערט געווען דער סכום און דער סך-הכל פון זיין עסן און פון אירס. ער האָט זיך געטראָגן מיט זיי מיט אַזאַ טראָגעניש, ווי ער וואָלט אָט די צוויי קוויטלעך נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פון אַ גורל-קאַסטן. זי האָט איר האַנט אויסגעצויגן פאָרויס, און געזאָגט צו אים:

— גיט מיר מיין טשעק!

ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, און אַרויסגעלייגט צוויי איינציקע דאָלאַרס. די קאַסע האָט איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַ קלונג געטון, און די האַנט, וואָס האָט נאָר־וואָס צוגענומען די צוויי דאָלאַרס, האָט אַרויסגעלייגט אַביסעלע זילבער, מיט אַ פּאָר ניקלס. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס ביסל רעשט, און ווי בגנבה עס געטון

אַ לאָז אַראָפּ אין קעשענע, און אַזוי גלייך, ווי ביידע זענען אַרויסגעפֿאַלן פֿון יענער זייט טיר, זענען ביידע שטיין געבליבן, נישט ווייסנדיק, צי באַדאַרפֿן זיי זיך פֿון דאַנעט גלייך צעשיידן (הגם זיי האָבן ביידע געדאַרפֿט נעמען איין „טרעין״), צי ס׳איז רעכט, זיי זאָלן „גיין״ צוזאַמען זייער וועג, וווהין זיי באַדאַרפֿן.

זיי זענען געשטאַנען עטלעכע מינוט, און פֿאַר די עטלעכע מינוט זענען פֿאַר זיי פֿאַרבייגעגאַנגען הונדערטער מענטשן, און עס זענען דורכגעלאָפֿן צענדליקער מאַשינעס, און צו די אַלע דורכפֿאָרער און דורכגייער, צו די אַלע מענטשן, וואָס פֿלאָרע האָט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געזען, צו קיינעם האָט זי נישט געפֿילט אַזאַ פֿרעמדקייט, ווי אָט צו דעם לאַנג-יאָריקן, כמעט לעבנסלענגלעכן באַקאַנטן, וואָס פֿלעגט אַמאָל, אַמאָל, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, אַריינגיין צו זיי אין שטוב אַריין, און וואָס האָט צוליב איר דאָרט דאָס ערשטע מאָל געטון אַ טרונק וואַסער אָן אַ היטל און אָן אַ ברכה... אויף לעצט האָט זי שנעל אַ צי-אויס געטון אַ האַנט מיט אַ פֿינגער צו אַ דורכפֿאָרנדיקער „טעקסי״, און נאָך איידער יענער האָט באַוויזן אָפּצושטעלן די מאַשין, איז זי שוין נעבן דער מאַשין געשטאַנען, און גלייך האָט זיך צו איר שטיין אַ שוואַרצע טיר מיט אַ ליכטיק גלאַנציק גלאָז געעפֿנט, און זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינעווייניק אין דער מאַשין, און איז אַוועק אָן אַ „גודבאַי״...

די צייט לויפֿט. צו פֿלאָרעס אַלט-מיידליש לעבן איז צוגעקומען נאָך אַ האַלב יאָר אַלט-מוידישקייט פֿון דער צייט, וואָס זי האָט זיך באַקענט מיט איר שטיף-ברודער, און צוויי מיט אַ האַלב חודש איז אַוועק פֿון יענער צייט, וואָס זי האָט אים אַ צווייט מאָל געזען, אַ פֿאַראומגליקלעכטן, נאָכגיין נאָכן ארון, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפֿונען דער קערפּער פֿון זיין טראַגיש-אומגעקומענער פֿרוי. די ביידע באַגעגענישן זענען איר שוין געהאַט פֿון זינען אַרויס, פּונקט ווי פֿיל אַנדערע זאַכן, וואָס ווערן ערגעץ פֿאַררוקט און אָפּגעלייגט אין אוצר פֿון זכרון, אויף קיינמאָל נישט צו פֿאַרגעסן, און אויף קיינמאָל דאָס נישט צו האָבן אין זין, אָבער גאָר אומדערוואַרט האָט זי באַקומען אַ בריוו פֿון דעם שטיף-ברודער, אין וועלכן ער לאָזט זי וויסן, אַז זיין מוטער איז געקומען פֿון „יוראָפּ״, און אַזוי ווי זי האָט אים געבעטן,

אַז ער זאָל איר געבן צו וויסן, ווען זי וועט קומען, דערפילט ער די ביטע אירע, און אויף לעצט צוגעגעבן:

„די מאַמע אַליין וויל אייך זען".

אַזוי גלייך ווי זי האָט דעם בריוו איבערגעלייענט, האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט ביי דער ערשטער באַגעגעניש, און באַנאַנד מיט דעם באַוווּנדערט, וואָס פון ערשטן אויגנבליק האָט זי עפּעס ווי מיט רוח-הקודש דערפילט, אַז ער איז אַ ווייבלאָזער. אַזוי צי אַזוי, האָט זי זיך דערפרייט מיטן בריוו — טאַקע אויסשליסלעך זיך דערפרייט מיט דעם, וואָס זי וועט זיך זען מיט איר שטיף-מאַמע. דאָס האָט איר געמאַכט צו פילן, אַז זי איז נאָך נישט איינזאַם, ווי איר דוכט זיך, זי איז... אין דער שטיף-מוטער, האָט זי דערפילט, איז איר נאָך געבליבן אַ געדעכעניש פון טאַטן אירן און פון... דער מאַמען...

אויפן צווייטן טאָג, אינאָוונט, האָט זיך פלאָרע אויסגעפוצט אין איר שענסטן קלייד, און איז מיט אַ ברוגזדיקער אומרויהיקייט אַוועק אַהינצו...

ס'איז שוין געווען נאָכן זומער, אָבער ס'איז נאָך געווען זייער וואַרעם. דער טראַמוויי, אין וועלכן זי איז געפאָרן, איז געגאַנגען מיט אָפענע פענסטער, און אין דער אָפנקייט האָבן אַריינגעשטראָמט כוואַליעס לופט פון דער גיכער טראַמוויי-יאָגעניש, און אַדאַנק דעם איז זייער קיל געווען אין דעם וואָגן. פלאָרע האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט נישט אָנגעטון איר „ספּאָרט קאָוט". זי האָט געהאַט אַ גע-לעגנהייט אָנצוטון דעם מאַנטל, וואָס פּאַסט איר זייער צום פּנים...

ס'איז געווען פיל-מענשיק, פיל-פנימדיק, און דאָ און דאָרטן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין אַ פּאָר גרויסע קיילעכיקע גלעזער אויף פּנים און אויף אויגן. פלאָרען האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גרויסע צאָל „באַגלעזערטע" מענטשן: אַדאַנק דעם האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געווען ערשט אַ פרישע דאָ אין לאַנד, אָקאָרשט געקומען פון אַן אַנדער מדינה, וווּ מען זעט נישט אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן מיט ברילן...

לאַנג געפאָרן, און אַ היבש שטיקל וועג געגאַנגען, ביז זי איז צוגעקומען צו דעם נומער פון הויז. אַ „פּריוואַט" הויז מיט אַ גאַ-ראַזש ביי דער זייט.

אָנגעקלונגען, און גלייך דערהערט, ווי פון אַן אינעווייניקסטער שטוביקער טיפקייט און פיל חדרימדיקייט האָט זיך מיט לויפעניש אַ יאָג געטון צו דער טיר אַ יונגער חברהמאַן און האָט האַסטיק אַן עפן געטון די טיר. פלאָרע האָט דערזען פאַר זיך אַ יונגן, כמעט קינדערישן „באָי", כמעט ווי מיט צוויי קעפּ העכער פון איר, און ס'האָט געמאַכט אויף איר אַן איינדרוק, אַז ער שטייט אויף שטאָלצן.

זי איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט פרעמדקייט פון איינעם אַ מענטשן, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פרעמדער שטוב, און ווייסט נישט, צו וועמען ער איז אַריינגעפאַלן, און ווייסט נישט, אויף וועמען צו פרעגן... ערשט אין אַ מינוט אַנדערטהאַלבן אַרום, האָט זי זיך דערמאָנט אין דער שטיף-מוטער, און אַ פרעג געטון ביי דעם הויכן קינדערישן באָי, וואָס איז אַנטקעגן איר, ווי אויף שטאָלצן געשטאַנען:

— „איז יאָר גרענד-מאַטהער האָום"? (איז אייער באָבע אינדערהיים?)

דאָס לאַנגע בחורל האָט אַוועקגעדראָלעוועט מיט זיין לאַנג-פּיסקייט מיט אויסרופן: „גרענד-מאַטהער! גרענד-מאַטהער!" אין אַ ווילע אַרום האָט זיך דערהערט אָפּרופן אַן אַלט ווייבעריש קול, וואָס האָט פלאָרען דערמאָנט אָן אַזוי פיל היימישקייט און יידישקייט, און דאָס האַרץ איז געוואָרן אַזוי אומרוהיק און אומגעדולדיק, וואָס גיכער זי צו זען. אַזוי גייענדיק דעם קול און דעם אָפּרוף אַנטקעגן' האָט זי געהערט, ווי איינצייטיק דערנענטערן זיך צו איר איילנדיקע פלינקע טריטלעך פון אַן אַלטער, נישט קיין פאַרעלטערטער. און פון ערשטן אויגנבליק, וואָס זי האָט די אַלטינקע דערזען, האָט זי געהאַט אַזאַ איינדרוק, אַז זי האָט זי שוין ערגעץ ווו געזען... אָט די יידישלעכע היימישלעכע אַלטקייט האָט איר דערמאָנט אין דער מוטער.

— ווער ביסטו, טאָכטער? — האָט די אַלטע מיט אַ מוטערלעך קול געפרעגט. און ווי נאָר זי האָט אַרויסגערעדט, וועמענס טאָכטער זי איז, איז די אַלטע צוגעפאַלן צו איר, זי אַרומגעכאַפּט, און אָנגעהויבן באַשיטן דאָס פּנים אירס מיט קושן (פלאָרע האָט איר אויך עטלעכע קושן געגעבן). אָנגעקושט זי, האָט זיך די אַלטע מיט די שפּיצן פון דער פאַטשיילע, וואָס האָט לאַנג-שפּיציק אַרויסגעשטאַרט

פון הינטער איר גאָמבע, אויסגעווישט די אויגן, און איינצייטיק געזאָגט:

— איך קוק אַרויס אויף דיר, אַזוי ווי אויף משיחן, איך בין שוין דאָ באַלד אַכט טאָג... ווען דער טאַטע דיינער ע״ה וואָלט געוווסט, אַז איך בין דאָ אַכט טאָג און האָב דיך נישט געזען... אַמעריקע!

די אַלטע האָט אַריינגעפירט פלאָרען אין אַ קליין צימערל מיט איין פענסטער און מיט צוויי „רעדיאויטאָרס" פון „סטים" באַהייצונג, וואָס זענען געשטאַנען צוזאַמען און באַזונדער גרוי-אָפגעשמירטע, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פילן זיך איינזאַם אָט די צוויי „רעדיאויטאָרס", ווייל זיי זענען צוויי און דערצו נאָך זומערדיק-קאַלטע.

די אַלטע האָט פלאָרען דערציילט, ווי דער טאַטע אירער פלעגט כּסדר רעדן וועגן איר, פלאָרען, און זיין איינציקער וווּנטש איז געווען, כאָטש איינמאָל זי, פלאָרען, צו זען פאַרן טויט... פלאָרע האָט זיך געווישט די אויגן, און די אַלטע האָט דאָס זעלבע געטון. אין דער צייט האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר, און ס׳האָט זיך אַריינגעמאָסטן מיט זיין גאַנצער גרייס און פאַרנעם פון מיטליאָריקייט, געזעצטקייט, און דער עיקרשט מיט יענעם פאַרנעם, וואָס אַמעריקאַנער תּושבים באַווייזן, ווען זיי איז געלונגען זיך פעסט אַוועקצושטעלן און זיך איינצוואָרצלען אין דעם לאַנד. דאָס אַלץ האָט פלאָרע דערפילט אינם שטיף-ברודערס אַריינקומען. זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זי געטראָפן אין אַזאַ מאָמענט... אין אַזאַ אינטימקייט מיט דער מוטער...

— ווייבער, אַז זיי קומען זיך צונויף, איז אָדער מ׳רעדט, אָדער מ׳וויינט — האָט ער געזאָגט, און געגעבן פלאָרען די האַנט, ווי אַן אייגענעם נאָענטן מענטשן, און געפרעגט, וואָס זי מאַכט. פלאָרע האָט אין זיין רעדן און אין זיין גאַנצער האַלטונג נישט געשפּירט, אַז ער זאָל זיין פאַרטרויערט. דאָס האָט איר שטיל און אין האַרצן הנאה געטון... אויסגעווישט זיך טרוקן די אויגן, האָט זי אים אַ ברייטן שמייכל געוויזן, ווי זי וואָלט אים געוואָלט באַווייזן, אַז פאַר זיינעטוועגן האָט זי עפּעס שמייכלדיקס... און פאַרדרייט דאָס קעפּל אָן אַ זייט, האָט זי געזאָגט:

— וואָס זאָל מען מאַכן, וואָס? דאָס זעלבע...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער מוטער, און חבריש, גוט-

ברודעריש זי אַרומגענומען, און דאָס איז פלאָרען אַזוי געפעלן גע-
ווען... איר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז איר מיט דעם נאָענטער
געוואָרן, אַז ער איז אַדאַנק דעם געוואָרן עפעס אַ שטיק אייגענער.

— ווי געפעלט אייך „אונזער" מאַמע? — האָט ער ביי איר אַ
פרעג געטון — אַ יאָ, אַ שיינע מאַמע?

די אַלטע האָט אָפגעזיפצט פון גליק, און געזאָגט:

— איך וואָלט אַוודאי געווען גליקלעך, זון מיינער, ווען...

פלאָרע האָט באַמערקט, ווי אויפן שטיפברודערס פנים האָט זיך
אָנגעצויגן אַ ישוב-הדעתדיקע ערנסטקייט; ווי ס'איז אָפט צו באַמערקן
ביי מיטל-יעריקע מאַנסבילן, ווען עס שטאַרבט ביי וועמען פון זיי
דאָס ווייב... זי האָט באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין טרויער, נאָר
אַ מין רעספעקט צום אָנדענקען פון דער פאַרשטאָרבענער, מיט וועל-
כער ער האָט אָפגעלעבט אַזוי פיל יאָרן, און געבראַכט קינדער אויף
דער וועלט. ס'איז נישט אַזוי ווי ס'טרעפט ביי אַ יונגנמאַנטשיקל,
וואָס אָדער ער רייסט איין די וועלט נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם ווייבל,
אָדער ער שאַרט זיך גלייך צו אַן אַנדערער...

אין קליינעם צימערל אַריין האָבן זיך מיט געפילדער און ליאַרם
אַריינגעוואָרפן דריי חברה בענאָקעס, ווי אַ הוראַגאַן וואָלט זיי פון
ערגעץ אויסגעריסן, און זיי אַריינגעשליידערט... און ס'האָט זיך גע-
דאַכט, אַז אָט וועלן זיי צעשפאַרן די ווענט מיט זייער יונגער אומ-
רוהיקייט און לעבעדיקייט. אַלע דריי בנים זענען מיט זייער גאַנצער
יונגער און קינדערישער לעבעדיקייט אַרויפגעפאַלן אויפן פאָטער, אים
באַלאַגערט מיט הענט און מיט פיס פון אַלע זייטן, און געבעטן, מען
זאָל גיין עסן „סאַפער" (אָוונטברויט). די אַלטע האָט זיך אויפגעהויבן
פון אָרט, האָט מיט דער געוווינהייט נאָך פון דערהיים זיך אַ פאַטש
געטון פון פאָרנט און איז אַרויס. און אין אַ ווײַלע אַרום נאָך איר
אַרויסגיין, האָט דער זון פון דער אַלטער, און דער טאַטע פון די
יונגע קינדער אַ ווייז געטון אויף פלאָרען, און געזאָגט אין ענגליש:

— איר ווייסט, ווער די ליידי איז?

אַלע דריי בנים האָבן זיך אומגעקוקט אויף איר, ווי מ'וואָלט
זי נאָר-וואָס באַמערקט, און איינער האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפ,
אַ צווייטער האָט אַ הויב געטון די אַקסלען, און דאָס האָט געמיינט,
אַז זיי ווייסן נישט, און האָבן נישט קיין אינטערעס צו וויסן, ווער
די „ליידי" איז.

— דאָס איז אַ טאַנטע אייערע – האָט ער געזאָגט, און דער עלטס־טער, וואָס איז אין ווּקס געווען דווקא קלענער פון די ייִנגערע, האָט אַ פרעג געטון:

— דײַנע אַ שוועסטער, פּאַפּאַ?...

אַרויסגעשאָטן זיך פון דעם פּירעקיקן שטײַגל, זענען אַלע אַרײַן אין עס־שטוב, ווּ ס'איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אַ טיש מיט ליי־דיקע טעלער, וואָס האָבן נאָר געוואַרט, מען זאָל זיי אָנפולן און מען זאָל עסן פון זיי. די ווייסקייט פון טישטוך, און דער גרויסער פאַר־נעם פון טיש, די רייכע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט איבערן טיש, האָבן בײַ פלאָרען אַרויסגערופן אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט גאָר אין עפּעס אַ יום־טוב אַרײַנגעפאַלן... די אַלטע האָט זיך געלאָזט גיין אין קיך אַרײַן, און פלאָרע האָט בײַ איר אַ פרעג געטון:

— אפשר אײַך עפּעס העלפן?

די אַלטע האָט געדאַנקט, געזאָגט, אַז זי האָט דאָרט אַ שוואַר־צע אין קיך, נישט מער, וואָס דערלאַנגען צום טיש מוז זי אַליין, ווײַל די חברה מיאוסן זיך דערנאָכדעם צו עסן, ווען די נעגערטע דערלאַנגט זיי דאָס עסן, און פלאָרע האָט געקריגן אַ געלעגנהייט אַרײַנצוגיין אין אַ געשפּרעך מיט דער חברה — דערעיקרשט האָט זי זיך געווענדט צום עלטערן, אַז ס'איז נישט דעמאָקראַטיש אַזוי צו זײַן, און האָט פאַרענדיקט:

— „אַמעריקאַ איז איי ווערי דעמאָקראַטיק לענד!"

און נעבעלדיק דערפילט, אַז מיט די מוסר־רייד איז זי שוין אַ ייִנגעטראָטן מיט אַ פוס אין דער פאַמיליע אַרײַן, אַז מיט דעם איז זי שוין ווי אַ שטיק אייגענע געוואָרן, אַז זי האָט שוין מיט דעם באַוויזן אַ געוויסן טייל מוטערשאַפט...

נאָכן עסן זענען זיי אין דרײַען: פלאָרע, די שטיפמאַמע און דער שטיפברודער אַרײַן אין „פּארלאר", ווּ עס איז, אַחוץ דעם קאָסטבאַרן מעבל, געשטאַנען אַ גרויסע וויקטראָלע, וואָס האָט, פון ערשטן בליק, געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ פײַער־קאַסע. פלאָרע און די אַלטע האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינס נעבן אַנדערן, און ביידע האָבן זיך געפלייסט צו פאַרבינדן אַ שמועס, נור ס'האָט זיך נישט געבונדן... דער באַלעבאָס פון הויז איז געזעסן אין דער וויג־שטול און גערויכערט אַ דיקן ציגאַר, און נאָך יעדן צי אויסגעטרייסלט דאָס אַש אין דער אַשניצע, וואָס ער האָט געבן זיך געהאַלטן. דאָ איז

גאָר פלוצלונג אַריינגעפאַלן דאָס מיטלסטע בחורל און איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער וויקטראָלע און זי אָן עפן געטון. דער פאָטער האָט זיך גלייך געטון אַ הויב אויף, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט האַלטנדיק דעם ציגאַר אין מויל:

— וויפל מאָל דאַרף מען אייך זאָגן? ביז אַ יאָר צייט וועט איר מיר דאָ נישט שפּילן...

— וואי? — האָט דאָס בחורל מיט אַ וויינענדיק קול געפרעגט.

ער האָט אים נישט געענטפערט, נאָר מיט ביידע הענט און מיטן ציגאַר אין מויל אים אַרויסגעמשלחט און צוגעמאַכט די טיר און געזאָגט צו פלאָרען:

— איך בין נישט קיין פאַנאַטיקער, נאָר פאַרוואָס זאָלן קינדער נישט וויסן, נישט פילן עפעס אַ שטיקל, עפעס אַ ברעקל, נו, וואָס זאָל איך עס אייך זאָגן, אַ שטיקל רעספּעקט צום אָנדענקען פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער?... איר מיינט ערשט איצט? אָט דאָס בחורל האָט אויפן צווייטן טאָג אָנגעדרייט די וויקטראָלע. איך הער, אַז ס'קנאַקט שוין אַ דזשעז! ביי אונז, געדענק איך, אַז מיין פאָטער ע"ה איז געשטאָרבן, בין איך אַ יאָר צייט אַנטלאָפן, ווען כ'האָב דערהערט אַ סקריפּ פון אַ פידל.

פלאָרען האָט דעם שטיפברודערס האַנדלונג זייער אימפּאָנירט, אויף אים אַליין איז טאַקע נישט צו באַמערקן, ער זאָל זיין שטאַרק צעבראָכן פון דער פרויס טויט, נאָר קינדער דאַרף מען לערנען... קינדער דאַרפן וויסן פון כבוד אב ואם, און וואָס עס געהערט איר פערזענלעך, פלאָרען, וואָלט זי זיך פיל בעסער געפילט, ווען „יענע" זאָל דאָ אינגאַנצן נישט דערמאָנט ווערן, ווייל יעדעס מאָל, וואָס עס ווערט אַ געשפּרעך וועגן יענער, פילט זי זיך דאָ פרעמד און איבעריק.

— און איר זענט אַפילו אויף דער לויה נישט געוועזן? — האָט ער גאָר פלוצלונג אַ פרעג געטון ביי פלאָרען.

— מאָלט אייך, איך בין יאָ געוועזן.

— יאָ? — האָט ער מיט אַ געמיש פון וווּנדער און צופרידנקייט געפרעגט — איך האָב אייך נישט געזען!...

פלאָרע האָט באַמערקט אָט די צופרידנקייט און האָט נישט געוווּסט, צי האָט ער דערביי אין זין דעם „כבוד-המת", צי זיין איי-

גענע אַמביציע... און וועלנדיק געניויער דאָס דערגיין, האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— און אַז איר ווילט שוין גאָר, קאָן איך אײַך זאָגן, אַז איך בין געווען אויפן בית־עולם אויך.

— נו וואָס, פאַרוואָס נישט? — האָט זיך די אַלטע אַרײַנגעמישט — עס וואָלט טאַקע געווען אַן עוולה, ווען דו גייסט נישט. נישט איך האָב דיר שלעכטס געטון, וואָס איך האָב חתונה געהאַט מיט דײַן טאַטן, און דײַן טאַטע האָט קיין שלעכטס נישט געטון מײַן זון. אַלע בריוו, וואָס איך פלעג צו אים שרײַבן, האָט מיר דער טאַטע דײַנער ע"ה געשריבן, אַזוי ווי צו אַן אייגן קינד. און אַז פלעגט שרײַבן צו דיר, פלעג איך אים אַלעמאָל בעטן, ער זאָל דיך לאָזן פון מיר גריסן, און איך האָב זיך אַלעמאָל נאָכגעפרעגט, צי דו זעסט זיך מיט מײַן זון.

— און איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען, מאַמע. ווען מיר טרעפן זיך נישט דורך אַ צופאַל אין טעאַטער, וואָלט איך זיך נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט געקענט מיט איר. איז דאָס גוט אַזוי, מאַמע?

— פאַרוואָס־זשע ביסטו נישט געגאַנגען צו איר? — האָט די אַלטע מיט אַ טענה געפרעגט בײַם זון — זי איז דאָך אַ דאַמע!

ער האָט זיך צעלאַכט:

„אַ מאַ, יו אַר אָל רײַט מאַ! ליידיס פוירסט! — און איז צו צו איר און האָט איר אַ קוש געטון אין שטערן אַרײַן.

פלאָרען האָט שטיל אין זיך הנאה געטון פון דער צוגעלאָזנקייט פון זון צו דער מוטער... אַ נעפלדיקע פאָרשטעלונג האָט זי געהאַט, אַז דורך דעם וואָס ער ווײַזט אַרויס אַזאַ נאָענטקייט צו דער מוטער, איז ער אײנצײַטיק אויך נאָנט צו איר..

— — — — — — — — — — — — — — —

האַלב עלף האָט זיך פלאָרע אויפגעהויבן פון אָרט, און אײַנגעהאַלטן זיך פון אַ צי טון, וואָס איר האָט זיך געגלוסט, אַ צי טון פון לאַנג זיצן, און פון מחשבות פון נאָענטקייט צווישן איר און דעם שטיפברודער, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט שוין, און געטראַכט דערבײַ, אַז האַלב עלף אַזייגער איז די פּינקטלעכע צײַט פאַר איר

אַוועקצוגיין, אויב זי וויל דאָ, ביים שטיפברודער און ביי דער שטיפ־מוטער, לאָזן נאָך זיך אַ גוטן איינדרוק...

— גייסט שוין?

און דער שטיפברודער איז צוגעגאַנגען צו דער שטיפמאַמע און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל, האָט ער געזאָגט צו איר:

— מאַמע, ווילסט זיך אַביסעלע דורכפאָרן?

און אין אַ ווײַלע אַרום איר איבערגעפרעגט:

— איר ווינט ווייט?

— וועגן מיר דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן — האָט זי מיט באַשיידנקייט געזאָגט, און דערביי אין זיך מיט פרייד אַריינגעטראַכט, אַז דאָס מיינט ער טאַקע זי, אַז געפרעגט האָט ער ביי דער מוטער, צי זי וויל זיך דורכפאָרן בלויז צוליב דעם, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין פאַרלאַנג, אַז ער מיינט זי, פלאָרען, אָפּצופירן אַהיים...

— — — — — — — — — — — — — — —

די מאַשין איז געשטאַנען אין פראָנט ביי דעם הויז, געהילט אין איר אייגענער שוואַרצקייט, און פון די שויבן האָט אַרויסגעקוקט אַ דורכזיכטיק אינעווייניקסטע טונקלקייט פון מענטשנלאָזיקייט. פלאָרע, אַזוי גלייך ווי זי האָט די מאַשין דערזען, האָט זי דורכגענומען אַ נייגעריקייט צו וויסן, צי איז דאָס דיזעלבע מאַשין, וואָס „יענע" איז געפאָרן און אומגעקומען אויף איר, צי איז דאָס אַן אַנדערע.

— ווו ווילט איר זיצן אין פאָרנט צי אין „בעק" — האָט ער אַ פרעג געטון ביי איר, עפענענדיק ביידע טירלעך, און פלאָרע האָט געזאָגט צו דער אַלטער:

— איך וועל זיצן מיט אייך, איאָ?

ער האָט זיך איינער אַליין באַזעצט אין פראָנט, און פלאָרע מיט דער אַלטער אינעווייניק. די מאַשין האָט אויפגעלעבט און גלייך זיך אַ ריר געטון פון אָרט, און ס'האָט נישט גענומען קיין מינוט, ווי מ'איז שוין געפלויגן און געשניטן גאַסן. פלאָרע האָט געקוקט אויף דער ברייטער פלייצע און אויף די אַקסלען פון דעם מאַן, וואָס איז געזעסן אין פראָנט, און דאָ, אין דער טונקלקייט, האָט ער איר אויס־געזען נאָך מאַסיווער און פעסטער, ווי אין שטוביקער אַרומיקייט. זי האָט פון צייט צו צייט אַ קוק געכאַפּט אין לענגלעכן שפּיגעלע, וואָס האָט זיך געפונען אויבן הינטערן דעכל ביים זוים פון דער פראָנט שויב...

זי האָט געזען דאָרטן דעם שטיפברודערס פּנים און אויערן און ווי זי האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט אים באַק צו באַק, און מערקווירדיק, וואָס זעענדיק דאָס, האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי זעט עס נישט אין דער ווירקלעכקייט.

אַ קעלטל איז איבערגעלאָפן דורך איר לייב, איינצייטיק מיט אַ געשמאַקן טיפן אומעט, וואָס האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע לעבעדיקע וועזן אירס... ערגעץ ווו האָט זיך אָנגעקליבן אַ וויינענדיקע שטימונג, און זי האָט אַליין נישט געוווסט צי פון גליק, צי פון אומגליק...

זי האָט זיך געטוליעט צו דער אַלטער און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל איר עפּעס דערציילן פון דער היים און פון די לעצטע טעג פון פאָטערס לעבן.

— דערציילט עפּעס, מומע!

די „מומע" האָט איר געענטפערט, אַז איצט קאָן זי דאָס נישט, אַ צווייט מאָל אין שטוב, און בכלל אַרויסגעוויזן אומרוהיקייט, וואָס דער זון טרייבט אַזוי שנעל די מאַשין און האָט פון צייט צו צייט אַ מורמל געטון:

— וואָס דאַרף מען זיך אַזוי יאָגן, וואָס איז דאָס יאָגעניש? וועסט נישט איינפאָרן?

און דער זון האָט איר איין מאָל און אַ צווייט מאָל געענטפערט:

— איך יאָג זיך, מאַמע, אָט קוק, ווי מען פליט!

— יאָ, דערפאַר ווערט מען טאַקע געהרגעט!.. — האָט די אַלטע איינמאָל געענטפערט און אָפגעזיפצט...

צוגעפאָרן צו איר הויז, האָט זי זיך צעקושט מיט דער שטיפמאַמע, און די אַלטע האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל נישט זיין קיין גאַסט, אַז זי וויל זי אָפט זען. אַזוי גלייך ווי זי איז אַרויס פון דער מאַשין, איז דער שטיפברודער אַרויס און זיך געזעגנט מיט אַזאַ היימישער וואַרעמקייט, און האָט איר געדריקט די האַנט מיט מענערישער צופרידנקייט, ווי ער וואָלט איר אַזוי אַרום געוואָלט געבן צו וויסן, אַז ער האָט וואַרעמע געפילן פאַר איר. אויך האָט ער איר אָנגעזאָגט, זי זאָל קיין גאַסט נישט זיין און האָט געבעטן ביי איר אַנטשולדיקונג:

— איך האָב נישט געוווסט, אַז איר קומט היינט, אַנישט וואָלט איך געווען געקומען פריער!...

ווען די מאַמע מיטן זון זענען צוריקגעפאָרן, האָט די מוטער געזאָגט:

— זעט אויס, אַז זי לעקט דאָ נישט קיין האָניק!

— יאָ, זעט אויס!

— זעט אויס זייער אַ פיין קינד!...

— יאָ, זעט אויס!...

— אַוודאי, ווען זי וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט זי נישט „געזעסן" ביז אַהער...

— וויפל איז זי אַלט, מאַמע?

— כ'ווייס, זי באַדאַרף אַלט זיין אַ יאָר זיבן-אַכט און דרייסיק.

— נישט געפערלעך... אין אַמעריקע האָבן חתונה עלטערע מיידלעך פון איר, אָבער זי זעט נישט אויס אין די יאָרן...

— מעגסט מיך גלויבן, אַז ס'אַרט מיך פאַר איר, ווי זי וואָלט געווען מיין אייגן קינד...

— בעט זי, זי זאָל אָפטער קומען, מאַמע.

– יאָ, מען וועט מיינען, אַז זי קומט צו דיר!

— נו, איז וואָס?

— זי וועט באַרעדט ווערן...

— מילא, וואָס קאָן דאָ זיין!...

— וואָס מיינסטו, זון?...

דער זון האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט:

— אויב זי איז גוט אויף באַרעדט צו ווערן, פאַרוואָס זאָל זי שלעכט זיין, זי זאָל ווערן מיין געזעצלעך ווייב!..

— אַ ברכה אויף דיין קאָפּ — האָט די אַלטע געזאָגט — איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן פאַר אַ שנור.

— אָבער פרעג ביי איר, מאַ, צי זי וועט וועלן...

די אַלטע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, זון, וועל איך איר שרייבן, זי זאָל קומען...

אין אַכט טעג אַרום האָט פלאָרע באַקומען אַ בריוועלע פון דער שטיפמאַמע:

„מיין ליבע טאָכטער, פריידע לעבן! קום צופאָרן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, וואָס דו קאָנסט, איך און מיין זון ווילן דיך זייער גערן זען, מיר האָבן מיט דיר אַ נויטיקע זאַך צו רעדן. פון מיר דיין מאַמע, וואָס וויל אין דיר זען אַלדאָס גוטס, אמן. חנה מירל.“

אויף דער לינקער זייט

סיי פאַר נאָענטע, וואָס האָבן זי געקענט פון נאָענט, און סיי פאַר ווייטע, וואָס האָבן זי געקענט פון ווייטן, איז עס געווען אַ געוואַלדיקע איבעררעשונג, וואָס דאָס שיינע דאַמעלע מערי, וועלכע האָט ערשט מיט זעקס חדשים צוריק חתונה געהאַט פאַר דעם שענסטן יונגגמאַן אין שטאָט, איז פּלוצלונג „אַנטלאָפן" מיטן בוכהאַלטער, וואָס האָט געפירט די ביכער ביי איר פאָטער אין געשעפט.

אָבער נישט אין דעם אַליין איז געלעגן דער גרויסער חידוש, נאָר אין דעם, וואָס דער בוכהאַלטער, מיט וועמען זי איז אַנטלאָפן, איז געווען ממש אַ פּאַרזעעניש. ער איז געווען אַזוי מיאוס, אַז טראָגעדיקע ווייבלעך האָבן געציטערט אויף אים אַ קוק צו טון. דאָס איז געווען אַן אמתע מאַלפּע: אַ שמאָל שטערנדל, אַ נאָז אַ צוגעפּלאַטשעטע, אויגלעך קליינינקע, לויפנדיקע, שוועבנדיקע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, ווי תמיד פאַר עפּעס מורא געהאַט און שטענדיק זיך געהיט. און די גאַנצע פיגור עפּעס אַ צעדרייטע, איין אַקסל העכער פון צווייטן, בקיצור: „אַ פּאַרשוין".

איז מיט אָט דעם פּאַרשוין אַנטלאָפן דאָס יונגע, שיינע דאַמעלע פון איר אויסערגעוויינלעך שיינעם מאַן, מיט וועמען זי האָט ערשט מיט זעקס חדשים צוריק חתונה געהאַט.

איז עס דאָך טאַקע אַ גרויסער חידוש און אַ געוואַלדיקע רעטעניש.

פאַר אַ שרייבער איז אָבער קיין רעטענישן נישטאָ. אַ שרייבער ווייס אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דעם מענטשנס נשמה. דעריבער, וואָס עס איז פאַר אַלעמען אַזוי אומפאַרשטענדלעך, איז דאָס פאַרן

שרייבער קלאָר, און „ער" וועט אייך קלאָר מאַכן דעם גאַנצן עיסק. איך וועל גאָרנישט טון, איך וועל אייך נאָר באַקאַנט מאַכן מיט איר מאַן, מיט זיין האַנדלונג און האַלטן זיך מיט דעם ווייבל, וועט איר איינזען, אַז עס איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט...

* *
*

פֿאַראַן אַזוינע מענטשעלעך, וואָס אין דער פֿריסטער יוגנט זענען זיי שוין ווי באַלעבעסלעך, און נאָך כּמעט אין די קינדערשע יאָרן זעען זיי אויך אויס ווי חתנימלעך...

אַממייסטן קען מען אַזעלכע לייטלעך טרעפֿן צווישן די יעניקע, וואָס שטעלן זיך פּריצייטיק אויף די פֿיס, וואָס ווערן פּריצייטיק מענטשן פֿאַר זיך, וואָס ביי זעכצן־זיבעצן יאָר האַנדלט עס שוין און וואַנדלט, מ'פֿירט געשעפֿטן און מ'פֿאַרדינט אַזעלכע געלטער, אַז מען וואָלט געקענט אויסהאַלטן אַ ווייב מיט קינדער.

אָט אַזאַ סחורהלע איז דאָס געווען דער מאַן אירער, און דערצו אַ בילד־שיינער יונגערמאַן געווען... און ס'איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס אַזאַ יונגערמאַנטשיקל, וועלכער איז אַזוי געבענטשט פֿון גאָט אי מיט שיינקייט, אי מיט מזל און ברכה אין זיינע הענט — איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס אָט דאָס בחורל (ס'רעדט זיך נאָך אַלץ וועגן אים פֿאַר זיין חתונה) האָט תּמיד אויסגעזען יום־טובדיק... אַלע טעג פֿון וואָך איז ער געווען אויסגעפּוצט, און דו האָסט אים געקענט צו יעדער מינוט כאַפּן אונטער די הענט און פֿירן אים אונטער דער חופּה. געראַזירט איז ער געווען אַלע טאָג. אַלע פֿרימאָרגן אָנגעטון אַ פֿרישן קראַגן, די שיך האָבן ביי אים תּמיד געגלאַנצט, און די הויזן זיינע זענען תּמיד געווען האַרט און קאַנטיק פֿאַרפּרעסט, ווי דער רוקן פֿון אַ האַק־מעסער.

און פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ בחורל האָט פֿון זיך געהאַלטן אַ וועלט. גאָר אַ קלייניקייט: אַז שיין איז דאָס און געלט פֿאַרדינט עס, און ס'ווייסט, אַז מ'באַדאַרף נאָר איין ווינק טון, און צענדליקער מיידלעך וועלן זיך אים וואַרפֿן אין די אָרעמס...

און ווירקלעך האָט זיך פֿאַרליבט אין אים דאָס שענסטע און רייכסטע מיידל פֿון שטאָט. דאָס מיידל האָט זיך פֿון איין ווינק

פון זיינעם, אָנגעצונדן, ווי אַ שטרויענער דאַך אין דער צייט פון אַ שׂרפה.

ס'האָט נישט גענומען פיל צייט, און דאָס ווייבעלע האָט דער־שפירט, אַז דער מאַן אירער איז אַ פּוסטער מענטש... (אַזאַ טבע האָבן שוין פרויען, וואָס די פּוסטקייט פון זייערע מענער טאַפּן זיי גיך אָן). דאָס ערשטע האָט איר אין אים אָנגעהויבן נישט צו גע־פעלן, וואָס ער האָט זיך נאָך דער חתונה פּונקט אַזוי געפּוצט, ווי ווי פאַר דער חתונה. ס'האָט איר גוּבּיסלעך, און נישט באַמערקט, אָנגעהויבן פריקרע צו ווערן, ווי ער שטייט אַנטקעגן שפּיגל און צאַצקעט זיך מיט זיך, וואָס דאָס האָט, נאָך אַלע אירע באַגריפן, נישט געפּאַסט פאַר אַ מאַן, ווי אַ מאַן זאָל דאָרט שיין נישט זיין... זי האָט געזען אין דעם, אַז ער ציט ווייטער די שנור פון זיין בחורישקייט.

אַ פרוי, אַז זי האָט חתונה, איז דאָס ערשטע וואָס זי וויל, אַז דער מאַן זאָל וויסן און פילן, אַז ער האָט חתונה געהאַט... פּונקט, ווי אַ שיף איז זיכערער אויפן וואַסער, אַז זי איז אָנגעלאָדן, אַזוי איז אַ ווייב מיט אַ מאַן עפּעס זיכערער, אַז ער פילט אויף זיך די לאַסט פון פאַרהייראַטן לעבן. און פילט ער זיך לייכט, זעט איין די פרוי אין דעם, אַז ער נעמט דעם גאַנצן עיסק נישט ערנסט. און דאָס קאָן די פרוי נישט פאַרליידן... אַ מיידל האָט ליב אַ פלינקן, לייכטן בחורל, האָט זי אָבער חתונה מיט אָט דעם לייכטן, פלינקן בחורל, איז וואָלט זי גערן געוועט אַריינצוגסן אין אים אַביסל בליי, ער זאָל נישט זיין אַזוי לייכט און פלינק...

דאָס יונגע ווייבעלע האָט גאָר איניגיכן דערשפּירט, אַז עפּעס גייט עס נישט אויף קיין נאַטירלעכן וועג... אַז ער נעמט אָן אַלע אירע צערטלעכקייטן כמעט גלייכגילטיק, ווי איינער אַזעלכער, וואָס ווייסט, אַז דאָס וואָס זי גיט אים, קומט אים, און ער נעמט עס אָן, ווי אַ פאַרדינטע זאַך. ס'האָט אַפילו נישט איינמאָל געטראָפן, אַז קו־מענדיק פון גאַס פאַרנאַכט אַהיים, איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר און געוואַרט, אַז דאָס ווייב זאָל אים לויפן אַנטקעגן, ווי זי האָט עס ביז אַהער געטון. און באַמערקט, אַז זי רירט זיך נישט פון אָרט, האָט ער צו איר געזאָגט:

— שוין? ווילסט שוין נישט?

און צוגעגאַנגען צו איר, האָט ער צו איר געזאָגט, מיט פולער זיכערקייט, אַז דאָס וואָס ער זאָגט, קאָן ער נאָך זאָגן צוליב שפּאַס:

— אפשר זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדערן?

און דאָס ווייבל, פילנדיק דעם מאַנס זיכערקייט, האָט מיט פאַרדרוס געזאָגט:

— זיי נישט אַזוי זיכער!

און ער האָט זיך ווייטער געשפּאַסט:

— אַך, מהיכא תיתי!

— דו קאָנסט עס זיך גאָרנישט פאָרשטעלן? — איז דאָס ווייבל נאָך אויפגערעגטער געוואָרן.

— און וואָס וואָלט איך געטון מיינסטו? — האָט ער זיך ווייטער געוויצלט — איך וואָלט אויך נישט געשוויגן אין עיסק... ווייסטו דאָך, מיר וואָלט עס אָנגעקומען גרינגער ווי דיר...

דאָס ווייבל האָט געהאַט אַזאַ איינדרוק, אַז עפּעס האָבן זיי זיך פאַרביטן מיט די יוצרות, אַז זי רעדט שוין צו אים, ווי אַ מאַן צו אַ ווייב, און ער צו איר רעדט ווי אַ ווייב צו אַ מאַן.

— וואָס מיינסטו, איך וואָלט מיר דאָס לעבן גענומען? — האָט דאָס ווייבל מיט פאַרביסנקייט געזאָגט.

— איך אַוודאי נישט — האָט דער מאַן געענטפערט.

ער האָט אַלץ גערעדט צו איר, ווי אַ ווייבל, אַ קאָקעטקע רעדט צו איר מאַן... ס'האָט זיך דורכויס באַקומען אַזאַ איינדרוק פון זיינע ווערטער, אַז ער איז דאָס „אויבערשטע פון שטויסל", אַז אויב ס'דאַרף ווער פון זיי פאַר וועמען מורא האָבן, איז דאָס נישט ער פאַר איר, נאָר דורכויס זי פאַר אים.

און כדי צו באַווייזן אים, ווי ווייט זי איז פון אייפערזיכטיק זיין צו אים, האָט זי אָפּט אָנגעהויבן פאַרבעטן צו זיך אירס אַ חברטע פון די מיידלשע יאָרן, וואָס איז געווען פיל שענער פון איר... דאָס ווייבל האָט אָבער באַמערקט, אַז דער מאַן שענקט יענער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט, איז זי אָנגעפאַלן אויף איהם:

— אַזוי־ווי עס וואָלט גאָר ביי דיר אין שטוב קיין מענטש נישט געזעסן...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט:

— באַדאַרף זי שכל האָבן און נישט קומען.

— איך אַליין בעט איר אַלעמאָל זי זאָל קומען.

ער איז געוואָרן אַביסל צעטומלט:

— אַזוי גאָר?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט.

— צוליב וואָס פאָרט?

— כּדי דו זאָלסט זיך פאַרליבן אין איר, און כּדי איך זאָל דיר אַזוי־אַרום קאָנען באַווייזן, אַז ס׳וואָלט מיך נישט אָנגעהויבן צו אַרן.

ער האָט געזאָגט צו איר מיט אַ שפּילעוודיקן לייכטן טאָן:

— נו, לאָמיר רעכענען.

— דו גלויבסט מיר נישט, זע איך!

און ער האָט מיט אַ זינגענדיקן קול געענטפערט:

— וואָס דען, איך גלויב יאָ?

ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, זיך אַ שפּיגל־געטון און זיך אַ דריי־געטון די וואָנצעס, און זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן געזיכט:

— עפּעס מיינסטו, אַז אַזעלכע פאַרשוינען ווי איך וואַלגערן זיך אין די גאַסן!

און צוגעגאַנגען צו איר, זי אַ קלאַפּ־געטון אין אַקסל און געזאָגט:

— דו מיינסט נישט, איך ווייס, אַז דו מיינסט נישט... איך ווייס, איך ווייס, אַז דו האָסט מיך זייער ליב. איך ווייס נאָר נישט, צוואָס דו ווילסט מיך איינרעדן, אַז דו האָט מיך פיינט.

ווען זי האָט זיך שוין אָפּט געהאַט געטראָפן מיטן בוכהאַלטער, האָט זי איינמאָל, ביי אַזאַ ענלעכן געשפּרעך, געזאָגט צום מאַן:

— און וואָס ווערסטו, אַ שטייגער, זאָגן, אַז איך האָב עמעצן זעסט, דווקא האָבנדיק אַזאַ שיינעם מאַן.

— אַדרבא!

— דו גלויבסט נישט, זע איך!

— ווען ס׳וואָלט געווען אמת, וואָלסטו דאָס מיר נישט דערציילט...

— נו, זאָג איך דיר, אַז איך האָב יאָ...

און ער האָט זי גענומען אויפן צימבל:

— עפּעס אַ שיינער כאָטש?

און הגם זי איז נאָך צו אָט דער צייט, ווען וועלכער ס'רעדט זיך, נישט געווען פאַרליבט אינם בוכהאַלטער, נאָר געפילט האָט זי, אַז אויב ס'וואָלט געהאַלטן דערביי, ביים פאַרליבן זיך, וואָלט זי זיך פאַרליבט דווקא אין אַ מיאוסקייט... פאַרקערט, וואָס מיאוסער אַ מאַנס־ביל איז, מער שאַנסן האָט אַזעלכער געהאַט, אַז זי זאָל זיך אין אים פאַרליבן. אַזוי נמאס איז איר געווען דער מאַן מיט זיין שיינקייט.

דעם יונגנמאַן האָט אָבער די גאַנצע מעשה שוין אָנגעהויבן צו דערעסן, און אָנגעבלאָזן אויף זיך אַן ערנסטקייט, האָט ער מיט אַן ערנסטן טאָן געזאָגט:

— הער, מיין פויגעלע, איך פאַרשטיי דאָך דיך זייער גוט... דיר חלומט זיך אַלץ, אַז איך האָב עמעצן, אָדער, אַז איך קוק דאָרטן אויף אַן אַנדערער, אַחוץ דיר, דערפאַר...

— דערפאַר איז וואָס?

— ווילסטו מיך דערפאַר שוין איינרעדן, אַז דו האָסט אויך עמעצן. און איך בין זיכער, אַז דו האָסט נישט קיינעם.

— יאָ, דו ביסט זיכער? — האָט דאָס ווייבעלע מיט פאַרדרוס אויסגערופן, טראַכטנדיק דערביי וועגן בוכהאַלטער, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען איר וואָלט זיך איינגעגעבן אין אים צו פאַרליבן זיך.

צו דער צייט, ווען וועלכער ס'רעדט זיך, איז זי שוין גאַנץ פיין אַרומגעגאַנגען מיטן בוכהאַלטער, אַרומגעגאַנגען און אַריינגעקוואָלן אין זיך אַריין, פון איר אַרומגיין און פאַרברענגען מיט אים... עפּעס האָט זי געפילט אַן אויסערגעוויינלעכע באַפרידיקונג, וואָס זי גייט אַרום און פאַרברענגט מיט אַזאַ פאַרזעעניש, אויף צו־להכעיס דעם מאַן, וואָס האָט זיך אַזוי פרעך אַנטקעגן איר געהאַלטן מיט זיין שיינקייט.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע נעכט, איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס זי איז אַלץ שפּעטער געקומען אַהיים, ביז דער מאַן האָט זי איינמאָל אָנגעטראָפן מיט דעם בוכהאַלטער... זי האָט גלייך באַמערקט, ווי ער, דער מאַן, האָט זיך געגעבן אַ דריי אָפּ אין אַ זייט און האָט זיך אַ שטיק־געטון פון געלעכטער, און ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט ער זי ערשט באַגעגנט מיט אַ שטורעמדיקן געלעכטער:

— דאָס איז ער? כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! איך פאַרגין אים דיר מיטן

גאַנצן הארצן... וואָס־זשע, האָסטו שוין גאָר קיין שענערס פון אים נישט געקאָנט אָפּזוכן?

און האָט זיך פאַרנומען אָפּצושפּאָטן פון איר.

— פון וועמען? פון פאַר דער חתונה, זעט אויס, פירט זיך די ליבע, אַ? אַ יאָ? פאַרוואָס־זשע האָסטו מיט אים נישט חתונה געהאַט, אַ?

דאָס ווייבל האָט זיך זייער געפילט געקרענקט פון זיין שפּאָטעריי. ס'האָט איר זייער געקרענקט, וואָס ער לאַכט מיט אַזאַ גרינג הערצל פון דעם יעניקן, ביי וועמען ס'איז אַ גרויס גליק מיט איר צו פאַרברענגען אַ שעה צי אַ האַלבע, און ביי וועמען ס'וואָלט געווען דאָס גרעסטע, גרעסטע גליק, ווען...

— שווייג! — האָט זי אויסגעשריגן.

ער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער:

— וואָסי?

— איך האָב אים ליב, דו הערסט! יאָ, יאָ! אים, אים! דו קאָנסט זיך עס נישט פאָרשטעלן, אַ?... יאָ, יאָ, אים! אים האָב איך ליב, און דיך האַס איך, ווי אַ שפּין! — — — — — — —

און אויף מאָרגן, ווען ער איז אין אָוונט אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן אַן אַרומגעריסענע שטוב, און פון זיין ווייבל איז קיין זכר נישט געבליבן... אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס זאָל עפּעס האָבן אַ צוזאַמענבונד מיטן בוכהאַלטער. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַנטלאָפן צו די עלטערן. ער איז אַוועק צו די עלטערן, און דאָרטן האָט מען נישט געוווּסט וועגן גאָרנישט צו זאָגן. ערשט אויף מאָרגן, ווען דער בוכהאַלטער איז אין געשעפט נישט געקומען, האָט ער, דער מאַן, און אַלע איבעריקע, געמוזט גלויבן אין דאָס אומגלויבלעכע, אַז דאָס שיינע ווייבעלע איז מיט דעם פאַרזעניש, מיטן בוכהאַלטער „אַנטלאָפן".

וואָס האָט זי געמיינט?

איך האָב זי פון ערשטן אויגנבליק פיינט געקריגן. אָט פונקט ווי עס טרעפט אַמאָל, אַז מ׳פאַרליבט זיך אין איינער פון ערשטן בליק, אַזוי האָט עס דאָ געטראָפן פונקט פאַרקערט.

ס׳איז שוין אפילו אַ מעשה פון העכער צוואַנציק יאָר אין דער געשיכטע. דער איינדרוק אָבער איז ביי מיר אַזוי פריש, פונקט ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן מיט מיר געטראָפן.

איר מוזט דאָך אוודאי מיינען, אַז דאָס מיידל איז עפעס אַ פאַרזעעניש געווען? דווקא נישט, ווען יאָ — וואָלט דאָך עס קיין חידוש נישט געווען, און ס׳וואָלט נישט געווען, וואָס צו געדענקען און וואָס צו דערציילן. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב פאַר איר און נאָך איר זיך פאַרליבט אין מיידלעך, וואָס זענען געווען ווייט הינטערשטעליק פון אָט דעם מיידל, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ.

דאָס האָט געטראָפן, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, פון ערשטן אויגנבליק, וואָס איך האָב דאָס מיידל דערזען, און דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב דאָס צימער געדונגען ביי אירע עלטערן. אָבער דאָס איז נאָך ווייט נישט אינגאַנצן, אַזעלכע זאַכען זענען נישט קיין זעלטנהייט. דער סאַמע עיקר באַשטייט אין דעם, וואָס ביים צווייטן מאָל, וואָס איך האָב זי דערזען, איז מיר באַפאַלן אַ חשק זיך צו דערקלערן איר אין... פיינטשאַפט. אָט פונקט ווי עס טרעפט, ווען מ׳פאַרליבט זיך מיטאַמאָל אין אַ מיידל, פאַלט דיר אָן אַ חשק, גלייך אויפן אָרט איר זיך אין ליבע צו דערקלערן, אַזוי האָט דאָ

ביי מיר די פּיינטשאַפט, וואָס איך האָב דערפילט צו איר, זיך געריסן פון מיר אַרויס. און ס'האָט זיך געגלוסט אַרויסצושפּרינגען מיט אָט דער „דערקלערונג".

מעגלעך, אַז אַזאַ געדאַנק וואָלט צו מיר קיינמאָל נישט געקומען, ווען אָט די פאַרשוינטע וואָלט נישט געשנורעוועט די ליפּעלעך און וואָלט זיך נישט געהאַלטן אַזוי האָפּערדיק. און טאַקי פאַרוואָס נישט? אַז מיאוס איז זי דאָך טאַקע נישט געווען, אַז געהאַט האָט עס קיילעכדיקע, ראָזע בעקעלעך, און שוואַרצע אויגעלעך, און אַ פּיינע פיגורקעלע. פאַרוואָס זאָל עס נישט האַלטן פון זיך, און פאַרוואָס נישט שנורעווען די ליפּעלעך אַנטקעגן שכן, וואָס האָט זיך אין אירע גבולן באַזעצט?

פון די פּאָר שטריכן, וואָס כ'האָב דאָ אויסגערעכנט, קאָנט איר שוין פאַרשטיין, אַז דאָס מיידל איז קיין מיאוסע נישט געווען, און דאָך האָב איך געשפּירט צו איר אַ פיזישן עקל, און האָב אַפילו פּיינט באַקומען דעם בחור, וואָס איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו איר.

וואָס מער עס איז אַוועק אַ טאָג און אַ וואָך, איז דאָס משונה־דיקע באַגער, זיך צו דערקלערן איר אין... פּיינטשאַפט, געוואַקסן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט עס צו טון. מ'קאָן דאָך נישט, מיר־נישט, דיר־נישט, צוגיין צו אַ מיידל און זאָגן: איך האָב דיך פּיינט. אַפילו אין ליבע זיך צו דערקלערן, קאָן מען נישט צווישן יאָ און ניין, און מ'מוז וואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט.

ענדלעך איז אַזאַ צייט געקומען. דאָס איז געווען ראש השנה, ווען טאַטע־מאַמע זענען גאַנץ פרי אַוועק אין שול. איך בין אויפגעשטאַנען אַביסל שפּעטלעך, אָט טאַקע ווייל ס'איז געווען ראש השנה, און ווייל איך בין געווען, צוליב מיינע פרייע איבערצייגונגען, פרייַ פון דער שול. אָנגעטון זיך, בין איך אַריין אין קיך געוויר ווערן, וואָס עס הערט זיך דאָרט עפּעס מיט אַ גלאָז טיי, און האָב געטראָפן ביי דער פּליטע דאָס פריילין מיינס קאָכן דעם יום־טובדיקן מיטאָג, וואָס די מוטער אירע האָט נישט באַוויזן אָפּצוקאָכן, ווייל זי איז פרי אַוועק אין שול. זי איז געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטע, מיט אַ גרויסן פאַרטוך אויפן יום־טוב קלייד. און דער גאַנצער אויסקוק אירער איז געווען אַזעלכער, וואָס האָט ווי געזאָגט: „איך מיט קאָכן, וואָס קער איך זיך אָן דערמיט?..." און האָט געשמייכלט, ווען איך בין אַריינגעקומען, ווי זי וואָלט געזוכט מיין הסכמה אויף דעם, אַז איר פּאַסט

נישט צו שטיין בײם טאָפּ. און איך האָב דערבײַ געטראַכט: עך, פֿרײַלין לעבן, ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי איך האַלט פֿון דיר, וואָלסטו שוין צו מיר אַזוי נישט געשמייכלט. און איך האָב אַ פֿרעג געטון:

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט אַ גלאָז טיי?

איר האָט, קאָנטיק, פֿאַרדראָסן דער טאָן מײַנער, און זי האָט גלײַך מיט פֿאַרריסנקייט געענטפֿערט:

— אַז איר ווילט, קאָנט איר שטעלן דעם סאַמאָוואַר!

— יאָ? איר דערלויבט עס מיר? — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— אַ שיינעם דאַנק אײַך, פֿרײַלין!

— אַ דאַנק פֿאַר אַ דאַנק! — איז איר ענטפֿער געווען.

— אַ דאַנק פֿאַר דאַנקען פֿאַר אַ דאַנק.

דאָ האָט זי זיך אויסגעקירעוועט צו מיר, און מיט אַן אָנגעצונדענעם פּנים שטורעמדיק געזאָגט:

— הערט, איך וויל נישט, איר זאָלט צו מיר אַזוי רעדן. איך בין נישט קיין דינסט בײַ אײַך. איך וועל אײַך קיין סאַמאָוואַרן נישט שטעלן.

מיך האָט עס פֿאַרדראָסן, וואָס זי מיינט, אַז איך רעד מיט איר אַזוי דערפֿאַר, וואָס זי שטעלט מיר נישט דעם סאַמאָוואַר, און איך האָב געוואָלט, זי זאָל וויסן די אמתע סיבה דערפֿון. אָבער זאָגן דאָס איר, ס'הייסט, אַרויסגיין מיט אַ פֿײַנטלעכער דערקלערונג, האָב איך דאָך קיין מוט נישט געהאַט. האָב איך לאַנג נישט געטראַכט, בין אַרײַן צו זיך אין צימער, און אָנגעשריבן פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„פֿרײַלין קריסטעל! איך האָב אײַך פֿײַנט! איך האַס אײַך! איך האָב עס אײַך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, און איצט זאָג איך עס אײַך...

אײַער שכן".

איך האָב צונויפֿגעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר און בין אַרײַן אין קיך. איך האָב עס אַוועקגעלייגט אויפֿן ברעג פֿון דער פּליטע און באַלד אַוועק צוריק. אין אַ פֿופֿצן מינוט אַרום, ווען איך האָב זיך געקליבן אַוועקגיין, האָב איך זי אָנגעטראָפֿן, און, קאָנטיק, אַז זי האָט דאָרט געוואַרט אויף מיר... און אַזוי גלײַך ווי זי האָט מיר דערזען,

האָט זי געזאָגט צו מיר מיט אַ שמייכעלע, אַז זי איז זייער איבער־ראַשט פון מיין קוויטעלע און פון דעם אָריגינעלן איינפאַל...

— ...אָריגינעלער איינפאַל?

האָט זי אין אַ ווײַלע געענטפערט: — צו שפּעט...

— וואָס מיינט איר?

— איך האָב שוין אַ חתן...

איך בין צעטומלט געוואָרן. און קוקנדיק און באַטראַכטנדיק זי אַ לענגערע צייט, האָב איך מיט מיין גאַנצן אימפּעט אויסגערופן:

— פרײלין קריסטעל, איר האָט מיך, דוכט זיך, נישט גוט פאַרשטאַנען.

— איך האָב אייך שוין, מאָלט אייך, יאָ פאַרשטאַנען... וואָס איז דען נישט צו פאַרשטיין? איר האָט איבערגעקערט דעם פעלץ...

— ניין, — האָב איך אויסגערופן — איר האָט דאָס קוויטעלע נישט גוט פאַרשטאַנען. איר דאַרפט עס אַזוי פאַרשטיין, ווי ס'איז געשריבן.

— זייער אָריגינעל!...

— אָריגינעל? וואָס מיינט איר — אָריגינעל?

— אָט די דערקלערונג אײַערע.

— וועלכע דערקלערונג?...

איך שפּרינג פון די כּלים אַרויס? וואָס טוט זיך עס דאָ? מאַכט זי זיך תּמעוואַטע, צי זי טייטשט עס ווירקלעך אויס אין פאַרקערטן זין... איך קוק אויף איר, פאָרש זי מיט די אויגן, נאָר פאָרש היינט, פאָרש מאָרגן, איך קאָן פון דעם פאָרשן גאָרנישט דערגיין...

— פרײלין קריסטעל! איך שווער אייך ביי וואָס הייליק איז, אַז דאָס בריוועלע באַדאַרפט איר פאַרשטיין אַזוי ווי ס'איז אָנגעשריבן, און נישט אַנדערש.

איבער איר פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ ראָזע פאַרב. די אויגן האָבן באַקומען אַ מאָדנעם גלאַנץ, אָבער אַליין איז זי דאָך אַלץ אַזוי רוהיק און געלאַסן, און צוגויפשנורעווענדיק די ליפּעלעך, זאָגט זי צו מיר מיט אַ שטילן, רוהיקן טאָן:

— איך גלויב אייך... איך גלויב אייך אָן שבועות אויך...

— וואָס גלויבט איר מיר?

— אָט דאָס אָ.

— וואָס אָט דאָס אָ?

זי האָט אין אַ ווײַלע אַרום געענטפֿערט:

— צו־שפּעט..

— וואָס צו־שפּעט?

— פֿאַרפֿאַלן!

— וואָס פֿאַרפֿאַלן?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט...

— וואָס האָט איר מיר געזאָגט?

— איך האָב שוין אַ חתן.

אַז מיר האָט די גאַל נישט געפּלאַצט, בין איך געווען שטאַרקער פֿון אײַזן. מיר האָט זיך געוואָלט אַרויספֿאַלן אויף איר, זי ווערגן, דערשטיקן; און גלײַכצײַטיק בין איך גרייט געווען איר פֿאַלן צו די פֿיס, און וואָס בין איך נישט גרייט געווען צו טון, אַבי צו מאַכן איר גלויבן, אַז איך האָב נישט געמיינט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס, וואָס איך האָב איר געשריבן.

— נו, גלויבט מיר, פֿרײַלין קריסטעל! גלויבט מיר...

— איך גלויב אײַך, איך גלויב אײַך!

— אַז וואָס?

און זי האָט אַ קאַלטבלוטיקע, אַ רוהיקע געמורמלט:

— וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, וואָס?... ס׳איז אומזיסט אײַער אַרבעט... איך האָב שוין אַ חתן.

איך בין געשטאַנען פֿאַר איר אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אַ באַזיגטער, און געפֿילט, אַז אויך מײַן פֿײַנטשאַפֿט צו איר איז באַזיגט... דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז איך האָב זי ליב באַקומען; אָ, ניין! דערפֿון האָט עס זייער ווייט געהאַלטן. אָבער די פֿײַנטשאַפֿט, וואָס איך האָב צו איר די גאַנצע צײַט געפֿילט, איז אַדאַנק אָט דער האַנדלונג אירער עפּעס ווי אויסגעוועפּט געוואָרן, אַזוי ווי עמעצער וואָלט זי פֿון מיר אַרויסגעפּאָמפּעט. און מאָדנע: איך האָב געהאַט אַזאַ געפֿיל, אַז עפּעס איז פֿון מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען, און איך האָב געפֿילט אַ בענקשאַפֿט נאָך דעם פֿאַרלוירענעם. — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז שוין דאָס אַ מעשׂה פֿון העכער צוואַנציק יאָר... אָבער דער אײַנדרוק פֿון אָט דעם

קוריאָז איז אין מיר אַזוי פריש, ווי ערשט וואָלט עס מיט מיר פּאַסירט. און דער אינטערעס צו דעם, צי האָט זי טאַקע אויף אַן אמת אויסגעטייטשט מיין פיינטלעכע דערקלערונג צו איר אַלס ליבע־דערקלערונג, צי זי האָט בלויז געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, איז נאָך ביי מיר פּונקט דער זעלבער, ווי ער איז ביי מיר געווען דעמאָלט...

אין סטעפּ

שוין אַ יאָר פופצן, אַז דאָס האָט מיט מיר געטראָפן, און איך האָב עס נאָך פאַר קיינעם ביזאַהער נישט דערציילט. וויפיל מאָל איך האָב מיך עס פאַרנומען צו דערציילען, בין איך אַלעמאָל געבליבן אָן לשון. פשוט, ס'גייען מיר אויס ווערטער און בילדער, איבערצוגעבן אייענעם שוידערלעכן שרעק, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט איבערגעלעבט. איך ווייס נאָך נישט, צי דאָס וועט מיר איצט געלונגען... אָט פיל איך שוין, ווי דאָס לייב איז מיר געוואָרן ווי אַ ריבאייזן, און עס וואַרפט מיך שוין אין פיבער, נאָר דערמאָנענדיק זיך אָן דער געשעעניש.

דאָס איז פאָרגעקומען אויף איינע פון די אוקראַינער סטעפּעס. נישט יעדערער פון אייך איז באַקאַנט מיט די אוקראַינער סטעפּעס. שטעלט זיך פאָר: אַ גלאַט, גלאַט־רונדיק און ווייס פעלד (דאָס איז פאָרגעקומען ווינטער). דאָס אויג פאַרלירט זיך אין ווייטקייט. נישטאָ צו זען ערגעץ אַ באַרג, אָדער אַ בערגל. און ווער עס איז געבענטשט מיט אַ ליכטיק און־ווייט זעענדיק אויג, קאָן אַמאָל דערבליקן אויפן האָריזאָנט אַ סילועט פון אַ בוים. און פון ווייטן דוכט זיך, אַז אָט דער בוים־סילועט איז פאַרשטעקט אין צווייי הימלען, אונטן אין שניי, וואָס זעט אויס ווי אַ הימל, און אויבן... אַזוי־אַרום פאַרלירט דער בוים זיין ריעאַליטעט, און עס דוכט זיך דיר, אַז עפּעס אַ געהיימע האַנט, פון אַ געהיימען און אייגזאַמען וואַנדערער האָט מיט בליישטיפט דאָרטן אויסגעמאָלט אינדערלופט, צווישן הימל און ערד, אָט די ריטל־צווייגן, און דאָס זעט מען נור, ווען די לופט איז ריין און דורכזיכטיק. אַנדערש זעט מען דאָס אייך נישט. מ'זעט נאָר איין

שטיק ווייסקייט, קיילעכדיק, ווייס ערד, ווי הימלס אַ שוועסטער. יאָ, אַחוץ בוים קאָן מען נאָך אַמאָל דערטאַפּן מיטן בליק אַ הויכן הילצערנעם צלם, אַ צלם מיט פאַרטעכלעך, און דאָס איז שוין אַ שטיק דערלייכטערונג פאַרן איינזאַמען וואַנדערער (אַפילו פאַר אַ יידן). אָט די פאַרטעכלעך מיט זייער באַוועגן זיך דערמאָנען דיר אָן עפּעס, וואָס איז נאָענט צום מענטשן, און עס דוכט זיך דיר אַ ווײַלע, אַז דו ביסט נישט אַזוי איינזאַם, ווי דו ביסט, ווייל דער צלם איז שוין עפּעס אַ מענטשישע זאַך, און די פאַרטעכלעך, וואָס פלאַטערן, זענען דיר נאָך נענטער, אָט מיט זייער באַוועגונג, ווייל זיי באַוועגן זיך, און דאָס דערמאָנט דיר אָן עפּעס לעבעדיקס.

איך בין מיר אַזוי געגאַנגען מיטן שליאַך, מיטן וועג, ווו מ׳פאָרט און ווו מ׳פאָרט נישט. איך וויל זאָגן אָט וואָס: איך בין געגאַנגען מיטן וועג, וואָס אַז ס׳פאָרט ווער, פאָרט ער מיט דעם וועג, אָבער דו קאָנסט אָפּגיין אַ שעה און צוויי און נישט זען קיין איין פור דורכפאָרן, און קיין איינציקן מענטש נישט זען דורכגיין. און ווען דו האָסט דאָס אומגליק צו גיין נאָך אַן אויסשיט פון שניי, איז זעסטו שוין דאָס אויך נישט. איז אָט דער וועג פאַרשאָטן, און עס דוכט זיך דיר, אַז דאָ, אויף דעם ווייסן תהו ובהו, איז נאָך קיין פוס פון קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט געווען. און ווידעראַמאָל: אויב דו ביסט געבענטשט מיט אַ ליכטיק אויג, קאָנסטו דאָ און דאָרט באַמערקן אויף דער אויבערפלאַך פון שניי אַ שנירעלע פון קליינע דריבנע, לעכלדיקע טריטעלעך. און אויב דו שטייסט נאָענט צו דער נאַטור, ווייסטו שוין, אַז דאָס איז פאַרבייגעלאָפן אַ פעלדמויז, זוכן ערגעץ איר חיונה.

דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל אייך דאָ, איז אפשר נישט אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן. מ׳וואָלט זיך אפשר געקאָנט באַגיין אָן דעם. איך קאָן עס אָבער נישט פאַרבייגיין, ווען איך האַלט דערביי. און צווייטנס, ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, ווייל איך, אַז איר זאָלט האָבן אַ מער אָדער ווינציקערן באַגריף, וואָס אַ מענטש, וואָס איז נישט געוווינט צו וואַנדערן, קאָן פילן אַליין, איינער אַליין, געפינענדיק זיך אין אַ ווייסן תהו ובהו, און ווי גרויס דער שרעק קען זיין, ווען... אָבער לאָמיר נישט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ.

איז גיי איך מיר אַזוי, מיט דעם וועג, מיט די גריבעלעך פון

ערדישע פיס און טריט, מיט די אומענדלעכע פּאַסן, וואָס ציען זיך פון ערגעץ צו ערגעץ. איך בין מיר אַזוי געגאַנגען פאַרזונקען אין אומעט פון איינזאַמקייט, און געפילט האָב איך, אַז ערגעץ אין מיר, טיף אין מיין מענטשלעך וועזן, איז עפּעס פאַראַן אַזאַ טיפעניש, וואָס איז מיר אַבסאָלוט אומבאַקאַנט... ס'איז עפּעס מיינס און נישט מיינס אָט די טיפעניש. זי איז מיר אינגאַנצן אומבאַקאַנט... איך מיין, אַז יעדער מענטש, וואָס ווערט דורך אַזאַ צופאַל אָפּגעריסן פון מענטשן, און פאַלט צו פּנים אל פּנים צו דער נאַטור, מוז עפּעס ענלעכעס פילן. אָבער דאָס האָט אויך נישט צו טון מיטן ענין. דאָס איז אַזוי זיך, בדרך אגב, און אפשר איז דאָס נישט אַזוי איבעריק, ווי מיר דוכט זיך, אַז ס'איז. דאָס וועט געדיכטער און נאָך טונקעלער מאַכן די שוואַרצע פאַרבן און מיין דערשרעק. און ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען נישט אָט די אַלע זאַכן צוזאַמען, וואָלט מיין דערשרעק נישט געווען אַזוי גרויס.

איז גיי איך מיר אַזוי פאַרטראַכט און פאַרטיפט, און ווי איך גיי מיר אַזוי, דערפיל איך גאָר פּלוצים, ווי עפּעס גיט מיר מיט לעבעדיקן אימפּעט אַ זעץ הינטן אין אַ פוס אַריין. און רגע כּמימרא איז אָט דאָס, וואָס האָט מיר אַ קלאַפּ געטון הינטן אין מיין פוס, האָט עס מיר געטון אַ לויף און אַ מעסט אָפּ, מיט דעם געלויף, מיין גאַנצן וווקס, און ס'איז שוין אויבן, אויף מיין קאָפּ. און פאַרגליווערט און פאַרתּמעוועט אין דעם שוידער, וואַקסט מיר דאָ אַנטקעגן אויס אַ גרויסער הונט, און אויף אַ מאָמענט דוכט זיך, אַז דאָס איז איין און דיזעלבע זאַך, אַז עפּעס דורך אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן איז אָט דער הונט פאַרטאָפּלט געוואָרן, אַז איין טייל זיינער האָט זיך מיר אַרויפגעכאַפּט אויפן קאָפּ, און אַ צווייטער טייל... אָבער דאָס איז מער נישט געווען, ווי אַ מאָמענט. איך האָב מאָמענטאַל דערפילט, אַז דאָרטן, אויפן קאָפּ, טאָפּטשעט זיך עפּעס גאָר אַן אַנדער באַשעפעניש, וואָס איז פאַר מיר אפשר אַ גרעסערע געפאַר ווי דער הונט, וואָס שטייט מיר אַנטקעגן, און שטייט נישט איין, און וואַרפט זיך אין איין זייט, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אויגן, צו מיר אַרויף, צו מיר אַריבער, און ס'איז צו זען און ס'איז צו דערקענען אָן דעם הונט, אַז ער מיינט נישט מיך, אַז ער מיינט דאָס דאָרטן, וואָס ביי מיר אויפן קאָפּ געפינט זיך...

איך בין פאַראַליזירט פון שרעק... איך שריי, און מיר גלויבט

זיך נישט, אַז איך שריי, ווייל דאָס קול איז נישט מיינס, אַ פרעמד קול, און דאָס קול שרייט גאָר אַרויס פון די אויערן... מיינע אויערן שרייען, און זיי אַליין, די אויערן, הערן אָט דאָס שרייען, און אָט דאָס קול מאַכט מיר באַזונדערס צו שוידערן. עפּעס ווי פון ערגעץ פון אַן אומבאַקאַנטן מקור אין מיין לעבעדיקן וועזן, שרייט אָט דאָס לעבעדיקע וועזן אַרויס, פילנדיק אַ גרויס געפאַר פאַר זיך, און איינצייטיק, אָט ווי צעטומלט איך בין, זע איך, ווי דער הונט ווערט אַלץ דרייסטער, און אָט, אָט שפּרינגט ער אַרויף אויף מיר, און איך ווייס נאָך אַלץ נישט ווו, און פון וואָס פאַר אַ צד עס שטייט מיר פאָר אַ גרעסערע געפאַר, צי פון אָט דעם הונט, צי פון אָט דעם נפש, וואָס זיצט דאָרטן אויף מיין קאָפּ און טאָפּטשעט זיך מיט פיסלעך, און איך דערפיל דורכן ווינטערדיקן היטל, ווי עס גיט מיר אַ גראַבל, פון צייט צו צייט, אין מיין שאַרבן, עפּעס, ווי דאָס לעבעדיקע נפש דאָרטן אויף מיר, וואָלט געפּרווט, צי ס'האָט אַ זיכערן באָדן אונטער זיך, וואו ס'זאָל קאָנען, אין אַ נויט, זיך איינפּרעסן מיט די נעגל, און זיך נישט אונטערגעבן דעם שונא אין די הענט אַריין.

און אַליין בין איך פּאַראַליזירט פון שרעק. איך האָב מורא זיך אַ ריר צו טון, ווייל יעדער ריר מיינער, פיל איך, קאָן מיר זייער טייער קאָסטן... יאָ, איך בין דאָ אַ ביי־זאַך. נישט דאָס נפש, וואָס זיצט אויף מיין קאָפּ, מיינט מיך, און נישט דער הונט מיינט מיך. איך בין אַ צופעליקע זאַך. ווען איך וואָלט געווען אַ סטויפּ, וואָלט זיך אַרום סטויפּ אָנגעפירט דערזעלבער קאַמף, וואָס אַרום מיר. און ערשט דוקא אָט דאָס וויסנדיק, מאַכט מיך צום שוידערן. דאָס מאַכט מיר נאָכמער צו גלויבן, אַז איך וועל דאָ פאַלן אַ קרבן צווישן די ביידע צדדים.

איך בין פּאַסיוו, אָט ווייל איך ווייס, אַז איך בין אַ ביי־זאַך, אַז ווען איך וואָלט אַ סטויפּ געווען, וואָלט אויך דערזעלבער קאַמף אַרום סטויפּ פאָרגעקומען. איז דאָס אַליין זאָגט מיר עפּעס אונטער, אַז מיין ראָלע דאַרף טאַקע דאָ נישט זיין מער ווי אַ סטויפּישע. איך דאַרף זיך נישט רירן. איינצייטיק אָבער, ווייס איך, אַז נישט טון גאָרנישט, איז אויך אַזוי געפערלעך, ווי יאָ עפּעס טון. טראַכט איך און טראַכט גאָרנישט. פון אַלע געדאַנקען איז אַ סטויפּ געוואָרן. ס'איז גענוג, אַז איך זאָל מאַכן אַ מינדסטע באַוועגונג, אַזוי דערפיל

איך גלייך אַ גראַבל אין מיין שאַרבן. ס'זיצט אַזוי אויך נישט איין, אָט דאָס, וואָס ס'זיצט דאָרטן אויף מיין קאָפּ. ס'איז עפּעס אַ באַוועגלעך זיצן און אַן אומגעדולדיק זיצן. איך פיל, ווי עס זיצט און עס טאָפּטשעט זיך מיט די פיסלעך און מיט נעגל. אַ פיסל דאָ, אַ פיסל דאָרט, אַ טאָפּטשע דאָ, אַ טאָפּטשע דאָרט. ס'זיצט, ס'שטייט און ס'גייט, אַלץ צוזאַמען. ס'גייט אויף איין אָרט, ס'איז אַ גייענדיק זיצן, אַ זיצנדיק גיין, אַ זיצנדיק שטיין און אַ שטייענדיק גיין, ווי אַ שטיק לעבעדיק פאַרקערפּערטער נערוו. איך פיל אין יעדער באַוועגונג פון דעם נפש, וואָס זיצט דאָרטן אויף מיין קאָפּ, אַז דאָס נפש פילט זיך דאָרטן נישט אינגאַנצן זיכער אויף דער פאַרכאַפּטער פּאָזיציע, אַז עפּעס ווילט זיך עס נאָכמער פאַרזיכערן, מער באַפעסטיקן, און דעריבער, האַלט עס אין איין טאַפּן דעם באָדן אונטער זיך, וואָס פאַר אַ באָדן דאָס איז, צי קאָן מען זיך דאָרטן אָנהאַלטן מיט די נעגל, ווען דאָס וועט נויטיק זיין...

און דער הונט ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ ווילדער. איך קוק אים אין די אויגן אַריין, דעם הונט, איך קוק אים מיט געטריישאַפט און געבעט, און פאַרענטפער זיך אַזוי שווייגנדיק, אַז איך בין דאָ גאָרנישט שולדיק, אַז איך וואָלט גערן אים איבערגעגעבן אין די לאַפּעס אַריין אָט דאָס נפש, וואָס האָט געפונען אַ שוץ אויף מיין קאָפּ. אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס, הונט, אַז מיר זאָל עס נישט שאַטן. ווי אַזוי, הונט־לעבן, בין איך בטוח, אַז אין דעם מאָמענט, וואָס איך וועל זי וועלן אַראָפּשליידערן פון מיין קאָפּ, אַז זי וועט זיך נישט איינגראָבן מיט די נעגל אין דער הויט פון מיין שאַרבן. דאָס אַלץ רעד איך צום הונט מיט די אויגן און האָב מורא אַרויסצולאָזן אַ פּיפּס צום הונט, כדי די קאַץ, דאָרט אויבן, זאָל זיך דאָ נישט אָנשטויסן, אַז איך גיי דאָ ווערן מיט איר שונא אַ גוטער ברודער און וויל איר פאַרראַטן... און איך האָב מורא געהאַט דערפאַר, אַז זי זאָל זיך עס נישט דערוויסן, און זאָל מיר איידער וואָס איידער ווען, נישט צעמזיקן.

איך האָב מיך, סוף־כל־סוף, אַרומגעזוצן, אַז פון מיין פּאַסיווקייט וועט גאָרנישט אַרויסקומען. איך האָב אויך גענומען אין אכט, אַז די צוויי אַלטע שונאים וועלן איינס דאָס צווייטע נישט אָפּטרעטן, אַז דער הונט וועט מיך נישט פאַרלאָזן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דאָרטן וועט זיך אויפהאַלטן דער שכן אויף מייז קאָפּ, און ווידער, וועט

דער שכן נישט פאַרלאָזן דעם קאָפּ מיינעם. אַזוי לאַנג, ביז וואַנע!
דער הונט וועט דאָ שטיין און לאָקערן נאָך אים... איז וואָס טוט
מען, הייסט עס, דאַרף מען פון זיי פּטור ווערן מיט איינמאָל, טאָ
וויאַזוי ווערט מען פון זיי פּטור?

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן. זיי גוט, גוט איינגעקוועטשט,
און בוך מיט מיין גאַנצער לענג אין שניי אַריין. איך האָב אין דעם
מאָמענט דערשפּירט אַ פּאָר גראַבלען דאָ און דאָרטן. איך האָב אָבער,
איינציייטיק דערפילט, ווי מיין קאָפּ איז באַפרייט געוואָרן פון אָט דער
שווערער, קעצישער משא. איך בין געלעגן אַ ווײַלע און האָב מורא
געהאַט אויפצוהויבן דעם קאָפּ. איך האָב געהערט דעם קאַמף, וואָס
קומט פאָר צווישן די צוויי נפשות, און האָב מורא געהאַט זיך אומ-
צוקוקן. ענדלעך, ווען איך האָב דערהערט אַ ווילדן אויסגעשריי, וואָס
איז געווען ענלעך צו אַ מענטשלעך קול, ווען דאָס בייט זיך ביי אים
אין פלוצלונגדיקן אומגליק, האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי
די קאַץ ליגט מיט די געדערים אַרויס, און דער שניי איז געווען
פאַרשפּריצט און באַפּינטלט מיט רויטע בלוטיקע פלעקן...

אַ באַגעגעניש

גיי איך מיר אַזוי איינמאָל אין אַ שפּעטער נאַכטיקער שעה אין גאַס. ס׳איז שפּעטער האַרבסט. ס׳ווינטלט זיך, ס׳בלאָזט מיט קעלט, מיט ערב ווינטער און מיט אומעט פון נאַכטיקער שפּעטקייט... שטיקלעך פּאַפּיר און אַנדערע זאַכן, וואָס זענען לייכט ווי פּאַפּיר, רוקן זיך, „פּאָרן״ איבער שטיינערדיקער האַרטקייט און שורשעווען מיט... מיט שטילקייט... עפּעס אַזוי ווי אומבאַקאַנטע לעבנס פרעמדע צו דיר און אומהיימלעכע סיי מיט זייער „לעבן״ סיי מיט זייער פרעמדקייט וואָלטן זיך געשאַרט אַרום דיר, געשערשעוועט מיט עפּעס זייערס אַ ווילן, וואָס איז אַזוי ווייט און פרעמד פון דיר, אַז ס׳גיט דיר אַזש אַ שוידער פון צייט צו צייט...

גיי איך אַזוי און הער דאָס אַזוי אַלץ, אָט דאָס מאָדנע שפּעט ביינאַכט, שפּעט האַרבסטיקע „לעבן״, און איך פלייס מיך צו האַלטן זיך רואיק, נישט אומצוקוקן זיך, ווען ס׳ווילט זיך און ווען ס׳ציט מיר כאַפּן אַ קוק אַרונטער, ווייל אַבערגלויביש בין איך דאָך נישט, איך ווייס דאָך, אַז קיין „נישט-גוטע״ זענען נישטאָ... דאָס ווינטעלע בלאָזט אַ לייכטס, אַ שטילס, אָבער אַזאַ ביייסעדיק-קאַלטס, און עס דאַכט זיך מיר, ווען דאָס ווינטעלע וואָלט קיין קאַלטס נישט געווען, וואָלט גאָר אינגאַנצן קיין ווינטל נישט געווען... ס׳בלאָזט נישט קיין ווינטעלע נאָר אַ קעלטעלע, און פון צייט צו צייט וואַרפט עס מיר צו מיינע פיס אַ פּאַפּירל, וואָס פּאַרטשעפּעט זיך אין מיינע פיס אויף אַ ווײַלע און נאָכדעם טראָגט זיך עס ווייטער אַוועק שערשענדיק איבער שטיי-

נערדיקער האַרטקייט, שורשעט מיט שטילקייט און מיט אומעט פון האַרבסט און נאַכט-שפּעטקייט.

איך גיי, און אַזוי גייענדיק, דערהער איך טריטלעך. שטילינקע, ווייכינקע, האַסטיקע... איך הער זיי, אָבער איך בין זיכער, אַז מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זיי, און ס'איז מיר גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ס'קאָן זיך מיר דאַכטן, מיר מיט מיינע נערוון! און דערפאַר וויל איך זיך נישט אומקוקן נישט אַרונטער, נישט אין אַ זייט... זאָל!... זאָלן זיי לויפן אָט די טריטעלעך, וואָס... וואָס לויפן נישט, נאָר וואָס מיר דאַכט זיך, אַז „זיי לויפן", איך בין זיכער, אַז ס'איז „גאָרנישט" און וויל ביי זיך נישט האָבן אַ פּנים פון אַ נאַר...

בין איך מיר ווייטער געגאַנגען מיט דער פעסטקייט און זיכערקייט פון איינעם, וואָס... וואָס איז נישט פעסט און זיכער... אָבער די טריטעלעך הער איך נישט אויף צו הערען, אָדער ס'הערט זיך מיר נישט אויף צו דאַכטן, אַז איך הער זיי... טריטעלעך אַזעלכע שטילינקע און דריבנינקע, איז דערפאַר אַליין בין איך זיכער, אַז מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זיי. ווייל נאָר ווען ס'דאַכט זיך, קאָן מען הערן וואָס מ'הערט נישט...

נישט אויסגעהאַלטן, זיך אומגעקוקט און זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר גלאַנציקע פאָספאָרישע אויגן, און דאָס קעפל, פון וועלכן אָט די פּאָר אויגן האָבן אַרויסגעקוקט, איז געווען אַזוי חנעוודיק אויסגעדרייט אין אַ זייט און ווי זי וואָלט אויף אַזאַ מין אַרט געפרעגט: איך וועל זיך אַמאָל מיט דיר ערגעץ צעשלאָגן, צי ניין?

האָב איך זיך איינגעבויגן און זי אַ גלעט געטון, און „זי" האָט זיך עלאַסטיש אונטערגעבויגן און זיך אַזוי מיט פרעמדקייט און מיט נישט צוטרוי זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער מיין האַנט און איינצייטיק געוואָרפן אויף מיר אַ פרעמדן איינזאַמען בליק, מיט חשד און נישט צוטרוי, און ווי זי וואָלט מיט דעם זאָגן געוואָלט: דאָס גלעטן בין איך דיר מוחל, וואָס הערט זיך בעסער מיט אונזער גיין און מיט אונזער ערגעץ קומען? און אויב דו ביסט אַזאַ היימלאָזע באַשעפעניש ווי איך, טאָ צו וואָס די גלעטעניש דיינע?...

בין איך מיר ווייטער געגאַנגען, און „זי" איז מיר נאָכגעגאַנגען, מיט אַ גייענדיק לויפעלע, אָדער מיט אַ לויפנדיק גענגעלע; געהערט די שטילינקע טריטעלעך, ווי אַ שטיקל שטילקייט וואָלט מיר נאָכגעלאָפן... נאָר פון צייט צו צייט זענען זיי פאַרשלונגען געוואָרן פון אַ שורשענדיק פּאַפּירל, וואָס האָט זיך פון ערגיץ „אָנגערוקט"

מיט שאַרעניש אויפֿן האַרטן, קאַלטן אַספֿאַלט... און מערקווירדיק, וואָס איך האָב זיך נישט געקאָנט אָריענטירן, צי מיר איז געוואָרן היימלעכער מיט איר באַהעפֿטעניש צו מיר און צו מיין גאַנג, צי אומהיימלעכער... אָדער ס'איז געווען עפּעס אַ היימלעכע אומהיימלעכקייט... אַזוי צי אַזוי פֿאַרשטאַנען, אַז זי וויל אַ שטיקל מקום מנוחה, און אפשר טאַקי כאַפּן אַ ביס אויך? פֿאַרשטאַנען, אַז נישט מיך מיינט זי, נור די היים מיינע, ס'הייסט דאָס אָרט, וווּהין איך גיי... האָב איך דאָך פֿאָרויס געוווּסט, אַז דאָס קאָן נישט זיין, אַז אין שטוב וועל איך זי, ביי מיין בעסטן ווילן, נישט קאָנען אַריינגעמען, ווייל ס'וועגדט זיך נישט אָן מיר... דאָרטן, וווּהין איך גיי, דאָרט איז דאָ אַזעלכעס, וואָס הייסט „ווייב", און זי, אָט די ווייב מיינע, ליידט נישט אָט די נפשות.

ווייל איך יוצא זיין פֿאַר איר, פֿאַר מיין אייגנהאַרציקייט, כאָטש מיט אַ גלעט, בויג איך זיך אָן און טו דאָס, און ס'רעדט זיך פֿון זיך אַרויס:

— וואָס קאָן איך טון, מיין טייער קעצל? איך ווייס, אַז ס'איז דיר קאַלט, אַז דו זוכסט אַהיים, נאָר וואָס קאָן איך דיר העלפֿן... איך האָב אַ ווייב דאָרטן, וואָס... נו וואָס... איך וועל דאַנקען און לויבן גאָט, ווען זי וועט מיך אַריינלאָזן אין הויז אַריין פֿאַר מיין שפּעט קומען, און אַז איך וועל נאָך ברענגען מיט זיך אַזאַ גאַסט וועט מיר שוין מער נישט פֿעלן.

און הגם זי האָט, די ווערטער מיינע, נישט פֿאַרשטאַנען, האָט זי אָבער, קאָנטיק, דאָס אויסגעטייטשט פֿאַר זיך צום גוטן, און איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט געקריגן צוטרוי צו מיר... זי האָט זיך געלאָזט גלעטן, און האָט פֿון צייט צו צייט מיר אַריינגעוואָרפֿן אַ בליק אין די אויגן אַריין, אַ גרין-ליכטיקן בליק, וואָס האָט אַ גלאַנץ געטון מיט פֿאָספֿאָר און מיט איינזאַמקייט און פֿרעמדקייט פֿון אַ פֿרעמד לעבעדיק לעבן...

ענדלעך האָט זי, קאָנטיק, פֿאַרלאָרן דאָס געדולד צו מיינע לאַסקעס, און אַ קוק-געטון מיט איר גאַנצן קעצישן חן אויף מיר, האָט זי זיך אַ רייב-געטון מיט אַן אויערל, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל אין מיין פֿוס, און איך האָב איינצייטיק דערפֿילט אונטער מיין האַנט, וואָס האָט געגלעט דעם רוקן איר, אַז ער בויגט זיך אונטער, עלאַסטיש און פֿאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט מיר געוואָלט געבן צו פֿילן, אַז דאָס גלעטן מיינס איז איר שוין געוואָרן איבערדריסיק, אַז

זי האָט לכתּחילה נישט דאָס געמיינט, אַז געמיינט האָט זי עפּעס אַנדערש, און, אַז דערפֿאַר האָט זי זיך פֿאַרטרויט צו מיר...

איך האָב אין דער האַנדלונג און האַלטונג אירער דערשפּירט די חכמה פֿון לעבן, דעם באַהאַלטענעם אינסטינקט פֿון אָפּהיטן זיך, איר לייב, איר לעבן... אַלץ אינגאַנצן וואָס זי איז, און דערפֿאַר אַזאַ שפּיל פֿון צוטרוי און אומצוטרוי... שפּיל פֿון לאָזן זיך באַרירן, און איינצייטיק זיך געריסן זיך צו באַפֿרייען פֿון מיינע באַרירונגען.

זי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריטעלעך ווייט פֿון מיר, און זיך אַוועקגעשטעלט פֿון ווייטן קוקן אויף מיר מיט שטילער און געדולדיקער דערוואַרטונג, איך זאָל ווייטער גיין מיין וועג, וווהין איך גיי דאָרט ערגעץ, וועט זי מיר נאָכגיין. מיר איז אָבער נישט אָנגענעם געווען אָט די גאַנצע געשיכטע. איך האָב געוווּסט, אַז אַריינגעמען זי אין שטוב אַריין, וועל איך נישט קאָנען, אַז איך וועל פֿאַרהאַקן אונטער איר „גאָז” די טיר, און וועל זי, נעבעך, לאָזן שטיין אַן אָפּגענאַרטע, אַן אַנטוישטע... וואָס וועט זי טראַכטן וועגן מיר?... ניין, דאָס וואָלט געווען נידעריקער פֿון מיין מענטשלעכער ווירדע אַזוי צו האַנדלען... הער נאָר: געגאַנגען אַזאַ וועג צוזאַמען, געהאַלטן זיך אַזוי פֿריינטלעך און צערטלעך, און דאָ, נאַ דיר! דאָס איז דאָך אמתער פֿאַרראַט!

האָב איך זי געוואָלט משלה זיין, אָבער נישט געוווּסט, וויאַזוי מ׳טוט עס. גלאַט נעמען און זי אַוועקטרייבן פֿון זיך, האָב איך קיין האַרץ נישט געהאַט... ווען זי וואָלט אַ לשון פֿאַרשטאַנען, וואָלט איך איר מיט לשון געגעבן צו פֿאַרשטיין...

איך האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, עס געלאָזט שטאַרק צעברענען און דאָס אַ וואָרף געטון צו איר, מיט דער האָפֿנונג, אַז זי וועט דערפֿאַר אויף מיר ברוגז ווערן און וועט מיך צורו לאָזן. דאָס קעצישע נפֿש האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן אויף עטלעכע שפּאַן ווייט פֿון מיר, און האָט מיט רוגז געקוקט אויף דעם ברענענדיקן שוועבעלע און אָן מיר, קאָנטיק, גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

דאָ, האָב איך געמיינט, ווער איך זי שוין פּטור. ערשט ווען איך בין אָפּגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל וועג, הער איך, ווי ערגעץ נאָענט נעבן מיר דראַפּעט זיך עפּעס אויף אַ בוים. איך קוק זיך אום אָן אַ זייט, — ערשט איך דערזע זי אויף דעם שטאַם פֿון אַ בוים, אַ פֿינף זעקס טריט פֿון מיר. זי שטייט אַזוי, און האַלט זיך אַזוי לייכט און

קונציק אויף דעם שטאַם און פֿאַרדרייט קאָקעטיש דאָס קעפּל צו מיר. קוקט זי אַזוי צו מיר, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַר מיר באַווייזן, וואָס פֿאַר אַ קונצן זי קאָן מאַכן. מיר איז זייער געפֿעלן געוואָרן דער קלוגער איינפֿאַל... דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז גיין גייט זי מיר נישט נאָך, ניין, אַזוי זיך — מ׳טרעפֿט זיך... פֿריער דאָרטן, אויפֿן מיטן וועג, איצטער בין איך דאָ, אויפֿן בוים.

איך בין אַזוי צוגעגאַנגען צו איר, און פֿון ווייטן נאָך אויסגעשטרעקט די האַנט, כּדי צו באַווייזן איר, אַז איך מיין איר קיין שלעכטס נישט צו טון. איז זי אַזוי געשטאַנען און זיך געהאַלטן אויפֿן בוים, און האָט אַרויסגעקוקט אויף מיר און אויף מיין צוגיין. ווען איך בין שוין געווען גאָר נאָענט פֿון איר, האָט זי זיך געגעבן אַ דריי־אויס און זיך אַריבערגעדראַפּעט אויף דער צווייטער זייט בוים, און אַזוי פֿאַרקוקט צו מיר, פֿון יענער זייט, אין מיין זייט, — פֿון איר צו מיר.

און איך האָב שוין, בעת מעשה, געטראַכט, אַז מיר זענען צופֿיל פֿאַרטון אין זיך, און איין מענטש אין אַנדערן, און אין דעם גאַנצן לעבן, אין אונזערן, און מיר באַמערקן נישט דאָס לעבן פֿון אַנדערע בריאים, וואָס דרייען זיך אַרום אונז, אַז זיי האָבן אויך אַ לעבן און אַ וועלט, און פֿאַרשטייען דאָס לעבן אַזוי ווי מיר, און זענען אפֿשר, אין זייערע לעבעדיקע אינטערעסן, גאָרנישט נאַרישער פֿון אונז.

ס׳איז מיר געווען אַ ביטערער רחמנות אויף דער בריאה, וואָס פֿירט אַזאַ קלוגע פּאָליטיק מיט מיר, און וואָס האַלט זיך איינצייטיק מיט מער זעלבסטווירדע, ווי אַ מענטש, ווען ער וואָלט זיך געפֿונען אין אַזאַ לאַגע, ווי זי געפֿינט זיך. און דאָך האָב איך גאָרנישט געקאָנט מאַכן. זי נעמען מיט זיך האָב איך נישט געקאָנט, טאַקי אַלץ איבער דערזעלבער אורזאַך, וואָס איך וואָלט זי געמוזט לאָזן שטיין הינטער דער טיר.

איך בין אַוועק און געלאָזט די אורחטע מיט איר שפּילעוודיקייט אויפֿן שטאַם פֿון בוים, און אָפּגעגאַנגען אַ צען פֿופֿצן טריט, האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז זי שטייט שוין מיט אַלע פֿיר אויף דער ערד, און געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אַז זי איז עפּעס שוער־וואָגיק און בלייערדיק געוואָרן, און אַנטקעגן שיין פֿון לאַמטערן, האָב איך געזען, ווי עס גלאַנצן אירע אויגן מיט גרינעם

פייער, מיט גרינער חכמה, וואָס האָט געלויכטן ווי צוויי טיפקייטן פון אַ טיפקייט אַרויס.

איך בין מיט דרך ארץ צוגעגאַנגען צו איר... מיט יענעם דרך ארץ, וואָס אַ מענטש קריגט אַמאָל פאַר דער היימישער חיה, ווען ער בלייבט מיט איר אַליין אין שטוב אויג אויף אויג, אין אַ שפּעטיקער נאַכטיקער שעה... איך בין צוגעגאַנגען צו איר מיט יענער נייגערי־קייט, וואָס דערוועקט איינצייטיק נישט-היימלעכקייט און נישט-צוטרוי, און פונוויטנס אויסגעצויגן די האַנט און זי אַ גלעט געטון. זי האָט אַרונטערגעבויגן דאָס קעפּל, פאַרבויגן די אויערן און צוגעשמורעט די אויגן.

— קיץ.

— ניאַ=א-או!

איך האָב זי גענומען אויף די הענט און אַוועק מיט איר. צו-געקומען צו דער טיר פון מיין שטוב, האָב איך זי פאַמעלעכקע אויפ-געשלאָסן, און ווי איך בין אַריין מיט מיין אורחטע אין שטוב, האָט זי גלייך געגעבן אַ שפּרינג אַראָפּ פון מיינע הענט און איז פאַר-שוווּנדן געוואָרן.

* *

*

אינמיטן נאַכט, אָדער נאָך שפּעטער, האָט מיך די ווייב מיינע אויפגעוועקט און געפרעגט, וואָס איך האָב עס אַזעלכעס געבּרענגט מיט זיך, און גלייך געקריגן אַ שטרענגן באַפעל, איך זאָל שוין גיין אַרויסטרייבן אָט דאָס, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבּרענגט.

איך האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכן און גענומען אַ שטעקן אין איין האַנט און אַ ליכט אין דער צווייטער, און האָב אָנגעהויבן צו זוכן און צו טרייבן די קאַץ... אָט געפין איך זי, טרייב זי, און אָט ווערט זי פון מיין געפינען און טרייבן פאַרשוווּנדן. האָב איך זי פונ-דאָסניי געדאַרפט אויסזוכן און ווידער טרייבן און ווידער יאָגן... איין גאָט ווייסט דעם אמת, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך האָב עס געטון. איך האָב זיך געשעמט... פאַר איר, פאַר דער קאַץ האָב איך מיך געשעמט... פאַר מיין מענטשלעכער באַהאַנדלונג... איך האָב מיך גע-פילט, ווי אַ פאַררעטער, אָפּגעגאַנגען אַ וועג ביידע צוזאַמען און

בּיידע דעם גאַנצן וועג פאַרבראַכט, און בּיידע געקומען אין שטוּב אַריין... און צום סוף... איך האָב זי געטריבן און זיך געשעמט פאַר איר, ווי אַ גנב... איך האָב מורא געהאַט מיט אירע אויגן זיך צו טרעפן...

אַריינגעפאַלן

איך האָב זיך אין גאַס אָנגעטראָפן מיט מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן. זיך באַגריסט, האָב איך אים געפרעגט, וואָס ער מאַכט, און ער האָט ערנסט און קורץ געענטפערט:

— מ׳ליגט אין דר׳ערד און מען באַקט בייגל! — און גאָר פּלוצלונג האָט ער ביי מיר אַ פרעג געטון, צי איך באַדאַרף אַ צימער.

— אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

אויב איך באַדאַרף און זוך אַ צימער, קען ער מיר רעקאָמענדירן אַ צימער ביי די מענטשן, ווו ער וווינט, און וואָס ער גייט פאַרלאָזן. איך האָב אים געפרעגט, וויבאַלד ער איז אַזוי שטאַרק צופרידן, טאָ וואָרום ציט ער אַרויס פון דאָרטן?

— איך גיי פון דאָרטן אַוועק, אָבער נישט אינגאַנצן.

— דהיינו?

— ...ווען איר וואָלט געווען אַ שכן, וואָלט איך געקענט האָפן, אַז איר וועט מיט דער צייט ווערן מיינער אַ שוואָגער.

— איך פאַרשטיי נישט!

— פאַרוואָס עפּעס קומט עס מיר נאָר? זאָל מיט אייך אויך טרעפן דאָס, וואָס מיר האָט געטראָפן.

— וואָס האָט מיט אייך געטראָפן?

— איך בין מיאוס אַריינגעפאַלן... ס׳הייסט נישט אַזוי מיאוס ווי נאַריש, און נאַריש איז צומאָל נאָך ערגער ווי מיאוס. הערט, ווי

גאָט איז אייך ליב. אַנטלויפט פון אַזעלכע דירות, ווו עס זענען דאָ מיידלעך, אַנטלויפט, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

איך האָב געקוקט אויף אים און געשמייכלט. פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

— באַ! ס'טרעפט!... אָפּעסן זיך דאָס האַרץ דאַרף מען פונדעסטוועגן נישט.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ שטאַרקן נישט-צופרידענעם בליק און געזאָגט, אַז איך הויב נישט אָן צו וויסן, וואָס מיט אים האָט געטראָפן...

— מיט אַ מיידל... וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין... און ס'טוט אייך איצט באַנג... ס'מאַטערט אייך דאָס געוויסן...

— איך האָב דאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט איר. יאָ, זי לאַכט זיך אויס פון מיין קאָפּ... אויף מיר, אויף מיר איז אַ גרויס רחמנות... זי האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט, נישט איך זי... זי האָט מיך אַראָפּגעפירט פון וועג, נישט איך זי...

האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם-קעשענע אַ דיק און קנאַקעדיק קליין בויגעלע פּאַפּיר און מיר דאָס איבערגעגעבן אין האַנט אַריין. איך האָב גלייך דערזען, אַז דאָס איז אַ געדרוקטע איינלאַדונג אויף אַ חתונה, און דער חתן איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער פריינט מיינער, וואָס איז לעבן מיר געזעסן. און ערשט דאָ האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשטיין, וואָס מיט מיין פריינט האָט אַזעלכעס געטראָפן.

— קומט דאָך אייך אַ מזל-טוב!...

ער האָט אַ לענגערע צייט אַריינגעטראַכט, קענטיק, זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער זיך אויסרעדן פאַר מיר דאָס האַרץ זיינס, צי נישט. און ענדלעך אַרויס מיט לשון:

— דאָס איז געווען צוריק מיט אַ צוויי מאָנאַטן. אין איינעם אַ שבתדיקן פרימאָרגן האָב איך מיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ צימער פאַר זיך. איך בין געגאַנגען פון הויף צו הויף, ס'הייסט, ווו נאָר ס'איז געווען אָנגעקלעפּט אַ צעטל, אַז ס'פאַרדינגט זיך אַ צימער, בין איך אַריין אַהין, אָבער איך בין זיך פאַר אייך מודה ומתודה, אַז נישט נאָר די צימער-באַקוועמלעכקייטן האָב איך געזוכט, נאָר... איך זאָג דעם אמת: ס'האָט מיר ווי געמעגט געפעלן דאָס צימער, און אויב איך האָב דערשמעקט, אַז אין שטוב איז קיין מיידל נישטאָ, האָב איך עס

ניִשט געוואָלט דינגען... אַז מ׳זוכט, געפינט מען, און ניִשט קיין איינע, נאָר גאַנצע פיר... אַזוי ווי איך האָב נאָר די טיר געעפנט, האָבן זיי זיך מיר געגעבן אַ שאָט אין פּירן, אַלע פיר מיר גלייך אַנטקעגן. שבתדיק, אויסגעפּוצט אין פאַרשידענע פאַרבן פון קליידלעך און בלוזקעס, און דער עיקר, אוי מיין גאָט, די קליינע, די קלענסטע, די ייִנגסטע אַזוי אַ זעכצן-יאָריקס, מיט טויזנט שוואַרצע יאָרן אין די אויגן, אין גאַנצן אַ דראָטיקס, אַ האַרט-פלייִשיקס, האַרט-קערפּערדיק און האַרט-ברוסטיק... פּאַרטיק!... נאָר עפּעס אַזוי איינגעהאַלטן און פאַרשטעלט די צייטיקייט, ווייל זי איז די ייִנגסטע, ווייל ס׳איז דאָ דריי עלטערע פון איר... און פאַר זיך און באַהאַלטן אין זיך פּאַרטייקייט און פאַרשטאַנד, אַז זי ווייסט שוין, וואָס זי וויל און וואָס די שוועסטער ווילן, האָט זי זיך גלייך אָפּגערוקט זייטיק, נאָר מיט אַ זיכערקייט אין בליק, אַז מ׳קען זי שוין אויך באַמערקן...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נאָר לפּנים אָנגעקוקט דאָס צימער. ס׳איז פאַר מיר רעכט געווען דאָס צו דינגען און ניִשט אָנקוקן דאָס.

קיין פאָטער האָבן זיי ניִשט געהאַט, נאָר אַ מוטער. די מוטער אַליין איז נאָך אויך ניִשט געווען קיין אַלטע, ביי אַ פופציק יאָר אַלט. אַלע פרימאָרגן פון אַלע טעג פון דער וואָך, חוץ שבת, צו דער ניינטער שעה איז זי איינע אַליין אין שטוב געבליבן, און צווישן זעקס און זיבן אַ זייגער זענען שוין געקומען אַלע פיר טעכטער, און די שטוב האָט אויפגעלעבט מיט מיידלשע לעבן, מיט יוגנט און רייץ, זיי האָבן איינע מיט דער צווייטער, אַלע פיר צוזאַמען, אַזוי רוישיק און פריילעך פאַרבראַכט און זיך אַמוזירט צווישן זיך.

די מוטער, ווי אַן עלטערס פון מיר, ווי אַ ייִדענע און ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַזעלכע קינדער ווי איך, האָט זיך געהאַלטן מיט מיר אַזוי געמיטלעך און צוגעלאָזט ווי צו אַ יונגנמאַן, אַ בחור, וואָס בויטיקט זיך אין אַ מוטער-וואָרט, און זיך אויסגעפרעגט ביי מיר איינמאָל און אַ צווייט מאָל, ווער איך בין, וואָס איך בין, ווער די משפּחה מיינע איז, צי האָב איך עלטערן, וואָס איז מיין טועכץ, און וויפיל מיין טועכץ ברענגט מיר אַריין.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז עפּעס דרייט זי זיך מיר, די עלטסטע, פאַר די אויגן, מער ווי אַלע. נאָר איך האָב דעם קיין באַדייטונג ניִשט צוגעגעבן. נו, גאַנץ פאַרשטענדלעך, זי איז די עלטסטע, נעמט זי זיך מער רעכט אויף דעם. מיר

האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז זי מיט זיך וויל אַלע איבעריקע פאַרשטעלן, איך זאָל די איבעריקע נישט זען. און עפּעס אַזוי נישט באַמערקנדיק, איז זיך איינע און אַ צווייטע און אַלע דריי צעשוווּמען געוואָרן, און זי איז אַליין אין שטוב געבליבן... און געבליבן אַליין האָט זי זיך מער שטיפעריש באַוויזן, ווי ווען זי איז געווען צוזאַמען מיט די שוועסטער. איך קען נישט זאָגן, אַז זי אַליין האָט מיך נישט אַמוזירט. זי האָט אויך געהאַט גענוג רייץ, און מ'האָט לעבן איר אויך נישט געקענט געגעצן... מילא, האָב איך געטראַכט, גוט איז איינע, און געדאַנקט גאָט פאַר דעם חלק, וואָס ער האָט מיר צוגעטיילט... פאַרקערט, ס'איז נאָך בעסער ווי מיט פיר... פון איינער איז אַלע מאָל דאָ מער שאַנסן עפּעס צו געניסן ווי פון אַ פּאָר זייעריקע... כאָטש מיין האַרץ האָט נעבעך געלעכצט נאָך דער קלענסטער, נאָך דער זעכצן-יעריקער, נאָך דער, וואָס מ'האָט נאָך אין שטוב געהאַלטן פאַר אַ גאָרנישט... און וואָלט איך מיט דער אַריינגעפאַלן, אַז אסור אויב איך וואָלט זיך באַקלאָגט, כאָטש מיין קוק איז ווייט געווען אַפילו פון אַזעלכער אויך צומאַכן זי פאַר מיין לעבנס-באַגלייטערין. אַזוי ווי אָבער איך האָב דערביי נישט געהאַלטן און דערפון נישט געטראַכט, עס הייסט אַ חתן צו ווערן פאַר איינע פון די פיר שוועסטער, אָדער פאַר איינע פון די פיר טעכטער, האָב איך זיך געטראַכט: מילא, איז די אויך גוט... איז גוט דאָס, וואָס ס'לאָזט זיך... מ'קען זיך מיט דער אויך נישט סמען, אַז איר איז אַזוי אָנגענעם און אַז איר איז ליב אַזוי אָפט אַריבערצושפּאַנען די שוועל פון מיין צימער און זיך דרייען און קאָקעטירן, נו, מהיכא תיתא... און זי האָט דווקא נישט געדאַרפט וואַרטן, די מאַמע זאָל אין שטוב נישט זיין, די מוטער איז אַלעמאָל געווען אַ שטוביקע, איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די טאָכטער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז די מאַמע איז דאָרטן, און די מאַמע האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז די טאָכטער פאַרברענגט ביי מיר אין צימער.

מיר זענען מיט איר נענטער און נענטער געוואָרן. איך האָב געזען, אַז ס'גייט, אַז ס'לאָזט זיך. איך בין מיט איר געוואָרן היימישער און נענטער, און עס זאָל מיר אַמאָל גערן צי אומגערן עמעצער שטערן. איז דאָך אודאי גוט, האַ?.. טאָ הערט ווייטער, נאָר אין נאָמען פון אונזער אַלטער פריינטשאַפט באַשווער איך אייך, אַז ס'זאָל בלייבן צווישן אונז... איך מוז זיך כאָטש פאַר איינעם פאַר וועמען אויסרעדן דאָס האַרץ מיינס, אַנדערש פיל איך וועט עס מיר פּלאַצן.

איך האָב אים מיין וואָרט געגעבן, אַז ס׳וועט בלייבן אַ סוד. און ער האָט זיך נאָך אַ היבשער צייט קווענקלען זיך, פאָרטגעזעצט:

— איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, איך הער מ׳קלאַפּט אַזוי שטילינקע אין טיר: איינס, צוויי, איינס, צוויי. איך פרעג: „ווער איז דאָרטן?״ ענטפערט מיר אַ שטיל קול: „איך״. דער ענטפער איז געווען אַזאַ שטילער, אַז איך האָב נישט געקענט דערקענען, צו וועמען דער קול באַלאַנגט. אין אַ מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳איז דער קליינערס קול, ס׳הייסט, איך מיין, דער קלענסטערס, און האָב געשטוינט, וואָס אַזעלכעס האָט זי אויפגעריסן פון שלאָף און זי געצוווּנגען צו קלאַפּן צו מיר אין צימער אַריין.

— איך קען אַרייַנגיין? — האָט דאָס זעלבע קול געפרעגט. און כאָטש דאָס זעלבע, האָב איך פונדעסטוועגן שוין געכאַפּט, אַז דאָס איז איר קול, דער עלטסטערס... נו, וואָס האָב איך באַדאַרפט געווען זאָגן, אַז זי קען נישט אַרייַנגיין?... און אפשר דאַרף זי ווירקלעך עפּעס דאָ ביי מיר אַ נויטיקע זאַך, וואָס זי האָט פאַרגעסן און זי מוז עס דווקא האָבן אין מיטן דער נאַכט.

— איר קענט אַרייַנגיין!

זי איז אַרייַנגעקומען מיט אַ ליכט אין האַנט און נישט געקוקט אויף מיר, זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, וואָס זי האָט מיר דעם שלאָף געשטערט און זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט געלאָזט ביי מיר אין צימער עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי מוז עס האָבן אויף ביינאַכט, וואָס אָן דעם קען זי נישט שלאָפן... איך האָב מיר גענומען אַרייַנצוטראַכטן אין דעם, וואָס קען דאָס זיין אַזעלכעס, וואָס האָט זי געקענט אַזעלכעס לאָזן, אָן וואָס זי קען נישט אַנטשלאָפן ווערן. אָבער דער מוח מיינער האָט שוין געפלאַמט מיט אַנדערע געדאַנקען, אַז זי האָט גאָרנישט פאַרגעסן, אַז זי באַדאַרף גאָרנישט האָבן, נאָר אַז זי איז מיט אַ תירוץ אַרייַנגעקומען צו מיר, כדי...

און איך קוק אויף איר און זע זי, ווי זי איז אַזוי דין און לייכט אָנגעטון, און ס׳בלייכן זיך אירע ריין־געוואַשענע באָרוועסע פיס אויף דער פּאָדלאָגע, און ס׳פילן זיך אַזעלכע ברייטע מעגלעכקייטן פון נאָענטקייט און צוטריט... דאָ זע איך, אַז זי דערנענטערט זיך צו דער טיר, און איך טאָר מער קיין רגע נישט פאַרלירן... ווער ווייס, ס׳הייסט דעמאָלט האָב איך עס שוין געוווּסט פון דער פּראַקטיק, אַז מ׳לאָזט דורך אַזאַ געלעגנהייט, טוט עס אַלע יאָרן באַנק און

מ׳פילט זיך מעשה לעקיש... איך בין האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, און דאָס ערשטע האָב איך אַ בלאָז געטון אויף דער ליכט... מיט דעם האָב איך געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל, וואָס איך מיין ווייטער צו טון און איינצייטיק געוואָלט זען, ווי וועט זי רעאַגירן אויף דעם, און אַז דער מאָמענט פון אויסלעשן דאָס ליכט איז אַוועק, און איך האָב פון איר קיין פּראָטעסט נישט געהערט, האָב איך זי אַרומגעכאַפּט און איינס-צוויי, מיט דער לייכטקייט פון מיינס אַן אייגן שטיק קערפּער, האָב איך זי שוין אויף די הענט געטראָגן...

מיין ערשטער געדאַנק אין דער פרי, ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז געווען צו פאַרלאָזן די דירה מיינע... אַריינגעשמייכלט אין זיך אַריין פון גרויס גליק און צופרידנהייט און לייכטקייט, וואָס איך האָב אין מיין איטלעכס גליד געפילט, און געוואָלט שוין וואָס גיכער זיין פון יענער זייט טיר, ס׳הייסט, דערוויילן די זאַכן, און שפּעטער בייטאָג, אָדער פאַרנאַכט צו, קומען און פאַרנעמען די זאַכן מיינע און זאָגן: אַדיע!

אַרום אַכט אַ זייגער האָט מיר די אַלטע, ווי אַלע פרימאָרגן, אַריינגעטראָגן אַ שיסל וואַסער צום וואַשן זיך, און זיך אַרויס ווי אַלע פרימאָרגן, שאַ, שטיל, ווי פון אַ פרעמדן, פון אַ שכן, וואָס מ׳באַדאַרף געבן און צוטראָגן וואָס אים קומט, און מער האָט מען מיט אים קיין עסק נישט. ווען אָבער איך האָב מיך באַוויזן אין שטוב, האָב איך עפּעס יאָ אַ פאַרענדערונג אין דער אַלטער געזען. זי איז איינע אַליין געזעסן קינדערלאָז, ווי אַן עלטערע מוטער, וואָס בלייבט אויף אַ גאַנצן טאָג איינזאַם, ווי זי וואָלט קיינמאָל קיין קינדער נישט געהאַט.

— איר וועט טרינקען טיי? — האָט זי געפרעגט.

און די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב די טיי געטרונקען, האָט זי אַזוי געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם טרויער און איינצייטיק עפּעס מיט אַ מין פריינטלעכן און היימישן קוק. אָפּגעטרונקען איין גלאָז טיי, האָב איך געזאָגט צו איר:

— איר ווייסט, מאַדאַם זאַלצמאַן, איך קלויב זיך שוין אַ לענגערע צייט צו זאָגן, אַז איך רעכן זיך פון אייך אַרויסצוקלייבן...

יאָ? — האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף — ווי לאַנג טראַכט איר עס דערפון?

— ס'איז מיר אַ גרויסער שאָד... איך האָב מיך שוין דאָ איינגעזעסן, איך מוז... איך האָב געקראָגן אַ נייע שטעלע, איז מיר זייער ווייט צו גיין.

— איז ווען קלערט איר זיך אַרויסציען? — האָט זי רוהיק און גלייכגילטיק געפרעגט, אָבער מיט אַ בייז גלענצל אין די אויגן.

איך האָב איר געענטפערט און אַרויסגעזאָגט מיין גרויסמוטיקייט, אַז איך האָב נאָך ביזן חודש אַ האַלבן חודש צו זיצן ביי זיי, אָבער אַזוי ווי די קאַנטאָר, די נייע קאַנטאָר, וווהין איך בין אַריבערגעגאַנגען, איז זייער ווייט פון דאַנען, און דאָס גיין וועט פיל צייט פאַרנעמען, און דאָס פאָרן (אויב איך זאָל פועלן ביי זיך פאָרן) קען מיך קאָסטן מער ווי דאָס געלט, וואָס באַטרעפט פאַר אַ האַלבן חודש, וואָס איך האָב אָפּגעצאָלט, איז דעריבער לוינט זיך עס פאַר מיר בעסער צו לאָזן פאַלן דעם האַלבן חודש און:

— איך קלער היינט נאָך!...

איך האָב זיך אויפגעהויבן גרייט אַוועקצוגיין. דאָ האָט מיך מיין באַלעבאָסטע אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז זי האָט מיט מיר עפּעס וועגן וואָס צו רעדן...

— זיצט!

דאָס וואָרט איז שוין געזאָגט געוואָרן מיט אַ באַפעלנדיקן טאָן. איך האָב זיך נישט געזעצט, פאַרשטייט זיך, און זי, די אַלטע, האָט זיך פאַרנומען צו רעדן צו מיר מיט גאָר אַ נייער אינטאָנאַציע, אַביסל מיט הומאָר און אַביסל מיט גאַל.

— הייסט עס, אַז איר קלייבט זיך נאָך היינט אַרויסציען זיך פון אונז. וואָס עפּעס אַזוי פלוצלינג, אַ?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, מאַדאַם זאַלצמאַן, אַז איך בין אַריבער אין אַ נייער קאַנטאָר.

— ווען זייט איר אַריבער אין דער נייער קאַנטאָר?

— נעכטן.

— עפּעס אַ פיינע קאַנטאָר אייערע, די נייע, וואָס איר זייט ערשט נעכטן אַריבערגעגאַנגען צו איר?...

און אַזוי ווי איך בין געשטאַנען, אַזוי בין איך אַריינגעשטאַנען און גענומען אויף איר קוקן און זי באַטראַכטן, און זי, די אַלטע,

צי האָט זי געפּילט מיינע אויגן אויף זיך צי נישט, דאָס ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר, אז זי האָט לאַנג אַרייַנגעטראַכט און ענדלעך אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט צו מיר בזה הלשון:

— איך מיין, אַז איר וועט זיך היינט נישט ציען.

— וואָס־זשע, איר האָט עפּעס צו מיר טענות? צוויי וואָכן איז ווינציק?

— ווען איר זאָגט מיר נעכטן, וואָלט איך צו אייך גאָרנישט געהאַט...

— וואָס איז דער חילוק... ס׳האַנדלט זיך אין איין טאָג אינגאַנצן.

— אַ טאָג מיט אַ נאַכט — האָט די אַלטע געזאָגט, אַ קוועטש געבנדיק דאָס וואָרט נאַכט, און דערזען האָב איך פאַר זיך גאָר אַ נייעם מענטשן... אַ מכשפה, אַן אמתע מכשפה האָב איך פאַר זיך דערזען. די אויגן אירע האָבן געבליצט מיט אַזויפיל האַס און פיינט־שאַפט צו מיר... איך בין אַרומגעלאָפן אַ צעטראָגענער הין און צוריק און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן איר און געשריען און געטופּעט מיט די פיס:

— דאָס איז אַ געמיינהייט! די גרעסטע נידערטרעכטיקייט!

איבערגעריסן דאָס שרייען און זיך געלאָזט צו דער טיר. זי איז מיר אָבער אַנטקעגן געקומען, מיר פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט צו מיר: אַזאסע! איך גיי נישט, ס׳הייסט גיין קען איך, נאָר ס׳וועט זיין גלייכער פאַר מיר און שענער, אַז איך וועל נישט גיין, כדי ס׳זאָל נישט קומען צו קיין לייטיש געלעכטער, און דאָס לייטישע געלעכטער וועט דאָך מיר אויך גאָרנישט העלפן. איך וועל סיי־ווי־סיי מוזן חתונה האָבן מיט איר טאָכטער.

— יאָ, יאָ, מיין ליבער יונגערמאַן, איר האָט דאָ נישט אָנגעטראָפן דאָס אָרט!

— און אַז נישט, וואָס וועט איר מיר טון?

— וועט איר גיין ביי מיר מיט די טאַצן!

— מכשפה! איר האָט זי מיר אומישנע אונטערגעשיקט!

דאָ האָט זי זיך פּלוצלונג צעוויינט און צערעדט:

— וואָס טויג אייך מאַכן לייטיש געלעכטער? מיין טאָכטער איז, דאַכט זיך, גאָרנישט אַזאַ מיאוסקייט, חלילה, און אַן ערלעך כּשר קינד... באַרעכנט, וואָס ס׳קען זיין מיט איר... איר, זעט איר, זענט שוין ביי אונז צוויי דריטהאַלבן חדשים אין שטוב, צי האָט איר עפּעס

באַמערקט און געזעגט עפּעס פון איר... זי איז, חלילה, באַהיט גאָט נישט אַזאַ... אין אייך האָט זי זיך פאַרליבט, נו, איז זי באַגאַנגען אַזאַ נאַרישקייט, און וואָס קומט איר דערפאַר?... ס'איז דאָך מיט אייך אַליין און נישט מיט קיין אַנדערן... איר זענט דאָך עפּעס אַ היינט-וועלטיקער!...

פאַרשטייענדיק, אַז מיין פריינט האָט שוין מיט דער געשיכטע פאַרענדיקט, אַז מער האָט ער שוין גאָרנישט וואָס צוצוגעבן, האָב איך מיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט און געבעטן ביי אים אַ בילעט, ער זאָל מיר געבן אויף זיין חתונה.

— בראַוואָ, אַ קאָזאַק אַ מויד, בנאמנות! גייט און האָט חתונה מיט איר, דער שוואַרץ-יאָר וועט אייך נישט נעמען... וואָס איז זי דען ערגער פון אַנדערע, וואָס האַלטן דעם מיידלשן אוצר פאַרמשכנט ביי זיך און ווילן אייך מיט דעם פאַרנאַרן... אייערע האָט עס געטון פונקט פאַרקערט... ס'איז איין און דערזעלבער דרך... אַזוי איז דאָס פאַסקודנע און אַזוי איז דאָס מיאוס, אָדער אין ביידע פאַלן איז דאָס נישט מיאוס און נישט פאַסקודנע.

דער יונגערמאַן, דער חתן, האָט פריי אָפּגעזיפצט און מיר גע-דאַנקט פאַר די פּאָר פּראַקטישע ניכטערע ווערטער און האָט אַזוי געזאָגט:

— טאַקע אין אמתן, וועלכע איז ערלעכער?

און מיר געבנדיק די האַנט, געפרעגט, צי איך וועל קומען אויף דער חתונה.

— מיט פאַרגעניגן! — האָב איך געענטפערט.

ער איז אַוועק, און איך האָב לאַנג נאָכגעקוקט דעם אומגליק-לעכן פריינט מיינעם און האָב מיר געטראַכט:

„ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך..."

נומער איינס, נומער צוויי
און „נומער ערגער"

צו צוויי מיסיסן זענען פון יענער זייט ים, אָנגעקומען צוויי בריוו אין איין צייט, און געלאָזט האָט מען איינער וויסן, אַז איר שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר דעם און דעם, און דער צווייטער האָט מען געלאָזט וויסן, אַז איר ברודער האָט חתונה געהאַט פאַר יענער און יענער. און דאָס האָט גלייכצייטיק געמיינט, איינער, אַ ברודער פון די צוויי מיסיסן און דער צווייטערס אַ שוועסטער. און אַזויאַרום זענען אָט די צוויי לאַנדמאַנשעס, וואָס וווינען שוין ביי צוויי צענדליק יאָר אין לאַנד, און וואָס האָבן זיך פאַר דער גאַנצער צייט אַ פּאָר געציילטע מאָל געזען, געוואָרן מחותנתטעס.

די צוויי פּריש-געבאַקענע מחותנתטעס האָבן זיך זייער גוט געקאָנט פון דער היים, און געווען באַקאַנט מיט איינער און דער אַנדערערס יחוס. און דערפאַר טאַקע האָבן זיי זיך נישט געוואָלט קענען, ווייל די, וואָס איז געווען אַ יחוס פון דער היים, איז דאָ אויס יחוס געוואָרן, ווייל זי איז געווען אויף גרויסע צרות, די צווייטע פאַרקערט, וואָס קומט אַרויס פון אַ גאַנץ שפּלער פאַמיליע, איז דאָ אַ גאַנצע „יאַ טעביע דאַם", אַ גאַנצע מיוחסת, אַמעריקאַנער יחוס — געלט!

ווען די אָרעמע מחותנתטע האָט באַקומען פון איר ברודער דעם

דעם בריוו, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער, האָט עס איר זייער הנאה געטון.

אמת, זי האָט אָט די הנאה געוואָלט אין זיך דערשטיקן, אָבער דאָס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן און דאָ נאָך האָט זיך אָפּגערופן דער מאַן אירער:

— איך וועל שוין האָבן ביי וועמען צו כאַפּן אַ גמילות-חסדל.

צי האָט ער עס געמיינט ערנסט, צי האָט ער געשפּאַסט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז ווען יענע וואָלט אָרעם געווען, וואָלט ער עס אַפילו אין שפּאַס אויך נישט געזאָגט...

די רייכע מחותּנתטע האָט געמאַכט „אַ פּאַרע" און פאַרבעטן אַלע רייכע פריינט און פיל לאַנדסלייט (בלויז די קבצנים דורכגעלאָזט) און, פאַרשטייט זיך, אויך די מחותּנתטע פאַרבעטן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט היבשלעך פאַרדרייט מיט דער נאָז, ווען זי האָט באַקומען די ידיעה פון איר שוועסטער, וועגן איר „האָכצייט" מיט... אַז זי וואָלט צו דעם גאָרנישט געהאַט, ווען זי וואָלט געוווסט, אַז יענע האָט שוין דעם יחוס פון דער היים פאַרגעסן.

זיי האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, די אָרעמע מחותּנים, און זענען געקומען. און געדענקט דעם יחוס אירן פון דער היים, האָט מען, אָן צערעמאָניעס, אַריינגעגעסן און אַריינגעטרונקען און גאַנץ פיין זיך פאַרסמאַקעוועט מיט די נאַשערייען, וואָס מ'האָט נאָכן עסן אויפן טיש אַוועקגעשטעלט... זי, די אָרעמע מחותּנתטע, האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן, אַז צערעמאָניען זיך איז נישטאָ מיט וועמען, ווייל זי געדענקט נאָך, וואָס פאַר אַ „זשוטקע", אָט די אויפגעקומענע נגידית האָט געהאַט ביי איר טאַטן דעם דרדקי מלמד...

יאָ, יענע, די מחותּנתטע, איז נישט געווען די איינציקע אַזעלכע. צווישן די פאַרבעטענע געסט זענען זיי געווען ביי אַ צענדליק, און אַלע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען עפּעס אַזויווי זיי וואָלטן צווישן זיך פריער אַזאַ אָפּמאַך געמאַכט... יאָ, וואָלט עס איר נישט געאַרט. זי האָט אָבער נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס די מחותּנתטע אירע האָט אַנדערע מער אויפמערקזאַמקייט געשענקט ווי איר, און באַזונדערס האָט זי (יענע מיינט עס) זיך פיל אָפּגעגעבן מיט איינער אַ לײדי, וואָס האָט פאַר זיך אַליין אַ מאַשין, און פאָרט תּמיד אַליין אָן דעם מאַן און אָן קיינעם... אַליין פאָרט זי, ווייל... ווייל זי

האָט פֿאַר זיך אַליין אַ מאַשין, און האָט אַליין פֿאַר זיך אַ מאַשין — ווייל זי וויל אַליין אַרומפֿאָרן... און אָט דאָס אַליין, איר אַרומפֿאָרן ווערט אַזוי באַרעדט פֿון אַלעמען... מ׳רעדט, אַז זי האָט ליב אַריינצוכאַפּן אין דער מאַשין אַ פּוסגייער... אָט אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי דאָס ווערט געטון פֿון פֿיל מענער... יאָ, איז מיט דער פֿאַרשווינטע אַ גאַנצער שמעלקע די מחותּנתטע אירע, און עפּעס, ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי ווייסט, דורך אָט דער פּיפּיקער דאַמע, אָדער דורך איינעם, וואָס שטייט נאָענט צו איר, האָבן פֿיל „טראָבל“.

און כּך הווה: אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דער אָרעמער מחותּנתטע אָנגעקומען אַ בּריוו, אַז דעם בּרודערס ווייבל האָט אָנגעהויבן פֿעלשן אין איר מאַן, און אַז דער, מיט וועמען זי פֿעלשט אינעם מאַן אין אירן, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער בּרודער פֿון דער רייכער ליידי, וואָס איז דעמאָלט געקומען אויף דער „פּאַרע“ אַליין צו פֿאָרן אין איר אייגענער מאַשין.

די רייכע מחותּנתטע האָט פֿון אירע אייגענע אויך אַזאַ מעלדונג בּאַקומען, אַז די שוועסטער אירע פֿעלשט אינעם מאַן, און אויך איר האָט מען געגעבן צו וויסן, ווער דער פֿויגל איז. בּיי איר אָבער איז דאָס געווען אַ גאַנצע גדולה, ווייל „יענע“ איז געווען פֿיל רייכער פֿאַר איר (דערפֿאַר רופֿן מיר זי „נומער איינס“), און זי האָט בּיי דער ערשטער בּאַגעגעניש נאָך דעם בּריוו אָנגעזאָגט יענער די בּשׂורה, אַז איר שוועסטער האָט פֿאַרבּונדן אַ ליבעס-בּונד מיט יענערס בּרודער...

און די אָרעמע מחותּנתטע „נומער ערגער“, אַז זי איז געווען מיט אַ וויזיט בּיי „נומער צוויי“ און האָט דאָרט געטראָפֿן „נומער איינס“, האָט זי זיך זייער שלעכט געפֿילט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז בּיידע קוקן אויף איר מיט חוזק, אַז... די אמתע מחותּנתטעס זענען זיי גאָר... ווייל, וואָס איז זי דאָ, אַז איר בּרודער איז גאָר אַ פֿלאָקן, נישט קיין מאַן, אַז ער ווערט געפֿירט אין בּאָד אַריין פֿון יענער דאָרט, וואָס לעבּט אַ גוטן טאָג מיטן בּרודער פֿון „נומער איינס“.

האָט זי זיך מיישב געווען און אָנגעשריבּן אַ בּריוו צו איר משפּחה, מ׳זאָל זיך אַריינמישן און נישט דערלאָזן, עס זאָל פֿאָרקומען דאָס, וואָס דאָרטן קומט פֿאָר, מ׳זאָל אים, דעם בּרודער אירן, „עפֿענען די אויגן“ און מ׳זאָל זיך אַ נעם טון צו איר, צום „שיינעם“ ווייבעלע און טאַקע צו אים אויך, צום „ליובּאָווניק“ זאָל מען זיך אַ

נעם טון, הלמאי ער טוט דאָס, וואָס ער טוט און מאַכט אַ בייז לעבן צווישן דעם יונגען פּאָר־פּאָלק.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף איר בריוו, אַז מ׳האָט שוין אים, דעם ברודער אירן, אָן איר עצה געפּרוּווט עפּענען די אויגן, און ס׳העלפט נישט. דער מאַן, „דער באָק״ איז פאַרבלענדט פון ווייבל, „דער צויג״, און זעט נישט, אַז זי פירט אים אין באָד אַריין. און וואָס שייך איר, אָט דער יונגער „צויג״, לאַכט זי זיך אויס פון זייערע רייד, און דער בעל־דבר אַליין — מיט אים איז גאָרנישטאָ וואָס צו רעדן... איין עצה איז נאָר געבליבן: זי זאָל זיך דורכגיין און דורכשמועסן מיט דער שוועסטער פון דעם פאַררעטערישן ווייבעלע, אפשר וועט יענע אויף איר עפּעס ווירקן.

יאָ, די עצה וואָלט אפשר געווען אַן עצה, ווען יענע ליידי, די שוועסטער פון איר שוועגערינס געליבטן, וואָלט נישט געווען נאָך רייכער פון דער שוועגערינס שוועסטער. צווייטנס, האָט זי געטראַכט — אפשר ווייסט נאָך יענע נישט פון דער גאַנצער געשיכטע... אפשר דאַכט זיך איר בלויז, אַז מ׳קוקט אויף איר מיט חוזק, ווייל זי פילט זיך בכלל דאָרט ש׳עכט... סיי־ווי האָט זי באַשלאָסן צו „באַלייגן״ יענער, דעם „נומער איינס״ פאַר „נומער צוויי״:

— אַ גאַנצע ליידי דאָ געוואָרן, טרייבט אַליין אַ מאַשין... דער טאַטע אַליין אירער איז אַלע יאָרן געשטאָרבן פון הונגער... מ׳פלעגט אים מאַכן אין שטאָט אויף מעות־חטים...

קנומער צוויי״ האָט זיך געמאַכט תּמעוואַטע, גלייך זי וואָלט נישט געוווּסט פון דער גאַנצער געשיכטע... און „נומער ערגער״, קוקנדיק אויף אָט דאָס תּמעוואַטע פּנים, האָט ביי זיך געטראַכט: טאַקע, אפשר ווייסט זי פון גאָרנישט... און אפשר, איז איר ווויל געפעלן אַ טראַכט צו טון, אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן... אין „יוראָפּ״ דאָרטן!... מן הסתם, האָט מען באַמערקט, כ׳ווייס דאָרט וואָס, אַז זי באַגעגנט זיך מיט אים... איז שוין!

און דערמוטיקט פון דעם געדאַנק, האָט זי אָוועקגעהאַקט אַ צווייטן בריוו מיטן טאָן פון אַן עכטער אַמעריקאַנערין און מיטן גאַנצן אָנשטעל פון אַ היינטוועלטיקער דאַמע:

„מיר קענען אייך דאָך, יוראָפּשע... אפשר האָט איר דאָרט געזען, כ׳ווייס דאָרט וואָס... דאָ, ביי אונז אין אַמעריקע, קאָנט איר אַ

סך אַזעלכע זאַכן זען, ווי פרעמדע לײַדיס גײען מיט פרעמדע מענער און מ׳גיט זיי אַ גוד-טײַם, און פונדעסטוועגן איז גאָרנישט...

און ביז ס׳איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף איר צווייטן בריוו, האָט זי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט איר מיוחסדיקער מחותּנתטע און גע־זאָגט:

— מײַן ברודער איז גאָר פאַרליבט אין אײַער שוועסטער. און אײַער שוועסטער אין מײַן ברודער... מען שרײַבט מיר בריוו, אַז זיי לעבן ווי די טײַבעלעך... און איר באַקומט עפּעס בריוו?

„נומער צוויי" האָט געענטפערט, אַז יאָ, אַז זי באַקומט אויך בריוו... אַז... יאָ... מען שרײַבט איר אויך, אַז זיי האָבן דאָרט אַ גוט לעבן...

און איז אַוועק אַ צופרידענע, און עס האָט שוין געהאַלטן דער־בײַ, אַז דער מאַן פון „נומער ערגער" זאָל גיין צום מאַן פון „נומער צוויי" און בעטן אַ שטיקל גמילות-חסד... צו דער צײַט אָבער איז אָנ־געקומען אַ בריוו, אַ צווייטער ענטפער אויף איר צווייטן בריוו, אַז צום באַדויערן איז די מעשה אמת. מען האָט שוין אַפילו דעם מאַן געעפנט די אויגן, און ער זעט שוין, אַז דאָס ווײַבעלע זײַנס פירט אים אין באָד אַרײַן, אָבער העלפן קאָן מען אויך דערצו גאָרנישט. זי פירט אים ווײַטער בײַ דער נאָז, און ער לאָזט זיך פירן, ווײַל ער איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין איר.

מילא, — פאַרפאַלן. ס׳וואָלט נאָך אָבער אַלץ אַ האַלבע צרה געווען, ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז די רײַכע מחותּנתטע ווייסט נישט דערפון... טאָ ווי פאָרט קאָן זי זיך דאָס דערוויסן? האָט זי זיך מיישב געווען צו גיין הינטן אַרום, און זי האָט טאַקע דורך דעם הינטער־גאַנג אַרויסבאַקומען דאָס, וואָס זי האָט אַזוי געגאַרט צו וויסן.

— דאַכט זיך מיר, אַז אונזער לאַנדסמאַניצע האָט נאָך אַ ברו־דער דאָרט!

— וואָס איז דען? — האָט יענע געענטפערט.

— אַ פאַרהײַראַטער?

— יאָ, ס׳פעלט אים!.. אין יוראָפּ זענען זיי היינט אויך קלוג געוואָרן... שוין — מער האָט זי נישט באַדאַרפט...

פון דאַמאָלסט אָן האָט „נומער ערגער" אַלץ זעלטענער און זעלטענער אָנגעהויבן גיין צו „נומער צוויי", און „נומער צוויי" האָט נישט געבעטן מען זאָל קומען.

און אַזוי איז אַוועק אַ קיילעכדיק יאָר, און גאָר אומגעריכט האָט „נומער ערגער" דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פֿון „נומער צוויי" צו קומען אין איינעם אַ זונטאָג אויף מאָלצייט, וואָס מען מאַכט לכּבוד דעם, וואָס די שוועסטער דאָרט האָט געבוירן אַ קינד.

מען האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, און ביידע צדדים האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל-טוב!

ביי „נומער צוויי" איז עס דאָך זיכער אַ יום-טוב געווען — פֿון „דעם" צי פֿון „יענעם". איר שוועסטערס קינד איז עס דאָך זיכער: נישט באַקוועם האָט זיך דאָ ווידער געפֿילט דער „נומער ערגער". מעגלעך, אַז זי טאַנצט דאָ אויף אַ פֿרעמדער חתונה...

אויף דער שמחה איז אויך געקומען צופֿאָרן, און ווייטער אַליין, אָן דעם מאַן, אַליין מיט דער מאַשין, וואָס זי האָט אַליין אָנגעטריבן, דער „נומער איינס" און אָנגעטאַסקעט ביי אַ האַלב טוץ פּודלען מיט זיסע זאַכן. זי האָט אָפּגעגעבן ביידע צדדים אַ מזל-טוב און געשטעקט ביידע הענט אירע, די רעכטע און די לינקע, אויף לינקס און אויף רעכטס, און דאָס אַליין איז שוין גענוג געווען, אַז „נומער ערגער" זאָל זיך שלעכט דערפֿילן, ווייל אין בעסטן פֿאַל וואָלט זי זיך קיינמאָל אַזוי היימיש נישט געקאָנט פֿילן מיט דער מחותּנתטע, זי זאָל איר און נאָך עמעצן גלייכצייטיק שטעקן די הענט.

אויפֿן טיש איז געשטאַנען פֿון כּל-טוב. פֿאַרשידענע פֿרוכטן, אַלערליי צוקערוואַרג און פֿאַרשידענע געבעקסן, געקינצלטע און געמלאכהטע, און אייניקע פֿון זיי זענען געווען באַגאָסן מיט אַזאַ באַגיסעכץ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי צעלאָזטער שניי, וואָס איז צוריק פֿאַרפֿרוירן געוואָרן... אַלץ, וואָס איז אויפֿן טיש געשטאַנען, איז געווען פֿון דעם בעסטן און זיסטן, אַז ליפּן און פֿינגער האָבן זיך געקלעפּט פֿון זיסקייט, און צו דעם אַלעמען האָט געשפּילט די וויקטאָראַלע, געטראַסקעט דזשאַז-באַנד, געזונגען חזנישע „סאנגס" און אַריינגעהאַקט אַן „אל מלא רחמים" אין דער מיט...

דער טיש איז געווען באַזעצט מיט... פֿליישיקע פּנימער און קורצע העלזער פֿון מענער און שמאַלציקע ליידיס מיט דימענטן אויף די פּוכיקע פֿינגער, און אין זייער גאַנצער האַלטונג האָט מען געקענט דערקענען, אַז ס'לעבט זיך זיי זייער גוט און אַז זיי זענען שטאַרק צופֿרידן מיט אַמעריקע, און אַז דער גאַנצער יחוס זייערער הויבט זיך

אָן דאָ און זיי האָבן שוין לאַנג איבערגעריסן מיט דער אַלטער היים. ווו זיי וואָלטן קיינמאָל אַזעלכע מיוחסים נישט געקאָנט זיין...

דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. פאַרקערט, דעם אָרעמען פאָר-פאָלק „נומער ערגער" וואָלט נאָך אפשר הנאה געטון, וואָס זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ רייכן קיבוץ, און נישט קוקנדיק אויף זייער אָרעמקייט זענען זיי אויך שוין געווען אויף אַזויפיל אַמעריקאַ-ניזירט, אַז זיי האָבן מיט דרך-ארץ געקוקט אויף די „אַרויפגעאַרבע-טע", ווי עס קוקט יעדער אַמעריקאַנער... וואָס זיי האָט געשטערט די גאַנצע שמחה, איז טאַקע ווידער דערזעלבער געדאַנק: מעגלעך, אַז זיי טאַנצן דאָ אויף אַ פרעמדער חתונה... אפשר איז גאָר די הויפט-מחותנתטע די רייכע ליידי, אָט דיזעלבע, וואָס קומט אַלע מאָל אָן דעם מאַן און אַליין אין דער מאַשין צופאָרן...

ביידע האָבן געקוקט אויף איר מיט אַזוי פיל גיפט, גלייך ווי זי איינגאַנצן וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס דאָס ברודערל אירס דאָרט... און גלייך ווי ווען ער דאָרט וואָלט דאָ דאָס שוועס-טערל נישט געהאַט, וואָלט זי דאָס ברודערל דאָרט נישט געהאַט...

פאַרשטייט זיך, אַז קיין ביסל משקה האָט אויך נישט געפעלט, און דער מאַן פון „נומער ערגער" האָט געטרונקען מער פון אַלעמען, און געטרונקען האָט ער צוליב דעם, ווייל ער האָט זיך זייער שלעכט געפילט און מיט דער משקה געוואָלט פאַרגיסן אָט דאָס שלעכטע פילן זיך זיינס. „נומער ערגער" האָט געהאַלטן אין איין שטורכען, און דאָס איז באַמערקט געוואָרן פון דער מחותנתטע „נומער צוויי", און זי האָט אים פאַרענטפערט:

— אַ דאגה אייך, נו... ס'איז דאָך „פראָהיבישן"!...

— יאָ, ס'פעלט אים אַוודאי...

— אַבי ס'איז נאָר דאָ פאַרוואָס...

— איך האָב זיי אין דער ערד... — האָט דער מאַן פון „נומער ערגער" אויסגערופן אויף אַ הויכער אָקטאַווע.

נאַטירלעך, האָבן אַלע געמיינט, אַז ער איז אויסן די געזעצ-מאַכער פון „פראָהיבישן". ער אָבער האָט שוין אין זינען געהאַט די גאַנצע קאָמפּאַניע, וואָס איז געזעסן אַרום טיש, מיט דער ליידי „נו-מער איינס" אין דער שפּיץ...

און וואָס מער אַ „ביסל" ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך, האָט זיך געשאַפן ביי אים אַ נעפלדיקע פאָרשטעלונג, אַז די גאַנצע סי-

טואַציע איז עפּעס מיט אַ פּיון געשאַפן געוואָרן פון אָט די רייכע מיוחסים, כדי זיי זאָלן האָבן פון וועמען חוזק צו מאַכן... ער איז פון מינוט צו מינוט זיכערער געוואָרן, אַז אַלע געסט ווייסן דערפון... ווייסן, אַז דאָס געבוירענע קינד דאָרט איז נישט פון ווייבס ברודער, נאָר פון יענערס ברודערל און דערפאַר אַמוזירן זיי זיך אַזוי אַלע...

און ווידער און ווידער אַריינגעגאָסן אַ כּוסה, און דאָס איז שוין געטון געוואָרן מיט אַ ניכטערנער אויסרעכנונג, אַז אין שכּורן צושטאַנד וועט ער אפשר באַקומען מוט און וועט זיך אָפּרעכענען מיט דער קאָמפּאַניע. ער האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז דאָס וועט אים אַזוי גרינג נישט אָנקומען, אָט טאַקע ווייל די סיטואַציע איז שוין געווען אַ צו־קאָמיש־טראַגישע און זי וואָלט נאָך געוואָרן קאָמישער און טראַגישער, ווען ער וואָלט דאָ עפּעס פאַרפירט...

— קום, דו גייסט? — האָט ער האַמעטנע אַ פרעג געטון ביים ווייב און גלייכצייטיק זיך אויפגעהויבן פון טיש.

אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָבן זיי צווישן די מאַשינען, וואָס זענען געשטאַנען דרויסן, דערקענט „איר" מאַשין, וואָס איז געשטאַנען פאַרגליווערט און געגלאַנצט מיטן שוואַרצן לאַקיר און מיטן גלאַנץ פון שפּיגל־גלאָז, וואָס האָט דערציילט פון אַ רייך יום־טובדיק, זאָרגלאָז לעבן, און פון אַ פאַרשייטער פרוי. וואָס לאָזט זיך ווילגיין און פירט אַליין די מאַשין. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צופוס צו דער שטאָטישער באַן, וואָס איז געלאָפן עטלעכע „בלאָק" ווייטער פון אָרט, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט, און קיינמאָל איז זיי נאָך אַזאַ קורץ שטיקל וועג נישט געווען אַזוי שווער צו גיין ווי דאָסמאָל. צוגעקומען צו דער אייזערנער בריק, וואָס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין גאַס אַריין און סקעלעטיש זיך אַוועקגעצויגן מיט דער גאַס, אָנוואַרפנדיק פינסטערניש און אומעט הינטער זיך און אויף די פענסטער פון די הייזער ביי די זייטן, איז דעם פאָר־פאָלק אויך אַן אומעט באַפאַלן, און זיי האָבן מיט אַ שווער און באַלעסטיקט געמיט זיך געלאָזט אַרויסגיין אויף די אייזערנע טרעפּ און אַרויף פון אויבן. גלייך איז אָנגעקומען אַ באַן, פונוואַנען עס האָט זיך געגעבן אַ שיט אַרויס אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע, און, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, האָט זיך דיזעלבע געגעבן אַ גאָס אַריין צוריק.

ס'איז געווען ענג אין צוג. מאַן און ווייב זענען געשטאַנען און געהאָנגען אויף די לאַנגע לעדערנע אויערן. פון צייט צו צייט איז

איינס אַריינגעשטויסן געוואָרן אינם צווייטן, נישט וויסנדיק זיך געמאַכט און געשוויגן. דער מאַן האָט געברענט, איז געווען אש להבה אויפן ווייב און אויף דעם שוואָגער זיינעם דאָרט און אָפּגעפּאָרן עט־לעכע סטאַציעס אין שטויסעניש און אין שווייגענישן, האָט ער אויס־געשפּיגן מיט ביטערניש און מיט גאַל:

— טפוי זאָל „ער" ווערן!...

זיך דערמאָנט...

עס טרעפט זייער אָפט: זעסט אַ מענטש צום ערשטן מאָל און ס'דוכט זיך דיר, אַז דו האָסט אים שוין ערגעץ געזען, דו געדענקסט אָבער נישט ווו און ווען. אָבער דאָס וואָס ס'האָט מיט מיר געטראָפן, האָט נאָך, דוכט זיך מיר, מיט קיינעם נישט געטראָפן. הגם, אַן און פאַר זיך, איז דאָס נישט אַזאַ וויכטיקע זאַך, נאָר, ווייל דאָס איז אַ זעלטנהייט, דערפאַר וויל איך עס דערציילן.

דאָס איז געווען, נישט וויכטיק ווען און ווו, איך בין פאַרפאָרן אויף אַ סטאַנציע, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז צו מיר אין צימער אַריינגעקומען אַ גרויס גופיק מיידל, מיט אַ הויכן ביוסט און מיך געפרעגט, צי איך באַדאַרף עפּעס, און איך בין פשוט איבעראַשט געוואָרן, דערזעענדיק פאַר זיך, אין דער פרעמד, אַ נאָענט, באַקאַנט פּנים.

— אַנטשולדיקט מיר, פרייליין — האָב איך געזאָגט צו איר — איר זענט מיר אַזוי באַקאַנט, אַז איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז איך האָב אייך ערגעץ געזען.

זי האָט שמייכלענדיק אָנגעשטעלט אויף מיר אירע שוואַרצע, אָבער ווייט נישט קיין שיינע אויגן, און געזאָגט:

— מיר האָבן דאָס שוין פיל יונגעלייט געזאָגט.

איך האָב גלייך געכאַפּט דעם געדאַנק אירן: דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז איר זענען באַקאַנט די טריקס, וואָס די מערסטע יונגע-

לייט באַנוצן, ווען זיי ווילן זיך דערנענטערן צו אַ מיידל, און דאָס מיינט, אַז זי מיינט, אַז איך מיין אויך דאָסזעלבע.

— אויף מיין ערנוואָרט! — האָב איך וואָרהאַפטיק אויסגערופן — אַז איך האָב דאָ נישט קיין זייטיקע פּניות...

איך האָב עפּעס נאָך געוואָלט זאָגן, געזען אָבער, ווי זי שמייכלט אַזוי ברייט און קלוגעטשקעוואַטע, בין איך אַנטשוויגן געוואָרן און, באַטראַכטנדיק זי אַ ווײַלע, האָב איך געזאָגט:

— יענע יונגעלייט האָבן אייך, מסתּמא, אויך אַזוי פאַרזיכערט, אַז זיי מיינען גאָרנישט, אַ?

— יאָ — האָט זי געענטפערט, און דערבײַ אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

האָט מיך די מעשה זייער פאַרדראָסן: דער אמת איז דאָך, אַז זי זעט דאָך מיר פּאָרט אויס זייער באַקאַנט צו זײַן, און פּונקט אַזוי-פיל איז אמת, אַז די מויד הויבט מיר נישט אָן צו געפעלן, און שוין פון פאַרדרוס אַליין, הלמאי זי דענקט וועגן מיר, אַז איך וויל זי אינטריגירן אויף אַזאַ באַנאַלן אופן, ווי דאָס טוען אַלע באַנאַלע יונגעלייט, האָט זיך מיר געגלוסט איר זאָגן, אַז זי געפעלט מיר נישט...

— מילא, נו — האָב איך געזאָגט — זאָל שוין זײַן אַזוי...

און האָב זיך געהייסן דערלאַנגען אַ גלאָז טיי.

זי איז אַוועק, און מיין נײַגעריקייט, זיך צו דערמאָנען, ווו פּאָרט האָב איך זיך דאָך באַגעגנט מיט דער מויד, האָט פון מיר נישט געוואָלט אַוועקגיין. פאַרקערט, זי איז אין מיר געוואָקסן פון מינוט צו מינוט. אָן שום ספק, אַז איך האָב זי ערגעץ געזען און איך קאָן מיך, אויף קיין פאַל, נישט באַפרייען פון דעם באַגער צו דערוויסן זיך, ווו און ווען, אָט די „זעעניש” איז פאָרגעקומען.

ווען זי האָט מיר אַרײַנגעטראָגן די גלאָז טיי, האָב איך געזאָגט צו איר מיט באַהאַלטענעם פאַרדראָס!

— הערט, פרײַלין, איר מיינט נאָך אַלץ, אַז איך האָב דאָס אומישנע געזאָגט, אַז איר זענט מיר באַקאַנט, כּדי אַזוי אַרום מיט אייך באַקאַנטשאַפט צו מאַכן?

שמייכלט זי און מורמלט אין איר מוידישקייט אַרײַן: זי טראַכט נישט דערפון, זי האָט גלייך פאַרגעסן אין דעם... וועגן וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן... ס'איז בײַ איר אַ נײַס, וואָס?... ס'איז בײַ איר קיין נײַס נישט...

מאַך איך אַ פאַרביסענעם שווייג און מיש שטייענדיק מיטן לעפעלע דעם צוקער אין דער טיי און קוק אַ פאַרביסענער, אַ שווייגנדיקער אויף איר... אָבער די נייגעריקייט צו דערגיין, ווו איך האָב ערגעץ אָט דאָס מוידישע פנים באַגעגנט, מיט אָט דעם הויכן אויסגעגאָרסירטן ביוסט, וואַקסט אין מיר פון מינוט צו מינוט, און איך קען מיר דערצו גאָרנישט העלפן... און זי שטייט און שמייכלט זיך אַזוי הייטער אויף איר ברייט מוידישן מאַניער, קענטיק, אַז זי פילט זיך גוט, וואָס זי איז אַזאַ גרויסע ברייטע מויד, און וואָס האָט אָפט אַזעלכע בייפאַלן, וואָס יונגעלייט ווילן מיט איר באַקאַנטשאַפט שליסן.

— איר זענט אַן אייגענע דאָ? — האָב איך ביי איר געפרעגט, מיינענדיק, אַז אפשר וועט מיר אַזוי אַרום געלונגען צו דערגיין, ווו איך האָב זי ערגעץ באַגעגנט.

— אַ טאָכטער — האָט זי געפליסטערט און דערביי זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, ווי זי וואָלט עפעס געזוכט.

— און איר זענט אַלעמאָל אין דער היים? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— מ'פאָרט אַמאָל צו קיין וואַרשע — האָט זי מיט פאַרימעריי געענטפערט.

איך בין אַן אָפטער גאַסט אין וואַרשע, אָבער ווו האָב איך זיך מיט איר געקענט באַגעגענען? איך רעכן אַדורך אַלע הייזער, ווו איך בין אַן אַריינגייער, און מיר געלינגט אַלץ נישט אויסצוגעפינען, אין וועלכן הויז איך זאָל זיך האָבן מיט איר באַגעגנט...

— און אין נאָך אַוועלכע שטעט זענט איר געווען?

שמייכלט זי און פטרט מיך אָפ מיט אַזאַ ענטפער:

— צו וואָס ברויכן זי דאָס וויסן...

אָבער זאָגן איר, צוליב וואָס איך „ברויך" עס צו וויסן, קען איך נישט, ווייל זי וועט ווייטער מיינען, אַז איך וויל מיט איר אַזוי אַרום באַקאַנטשאַפט שליסן... אָבער זיך אָפזאָגן פון מיין נייגעריקייט קען איך נישט. די נייגעריקייט צו דערגיין, ווו איך האָב זי ערגעץ באַגעגנט, איז אַזוי שטאַרק אין מיר, אַז זי באַהערשט מיך אינגאַנצן... און דאָ האָב איך מיך נאָך דערמאָנט (עפעס ווי זיך אַליין אויף אַ צו להכעיס), אַז איך האָב זי געזען זייער אין אַ פיקאַנטער פּאָזע: מיט דיזעלבע האָר, אָן אַ בלוזע, בלויז מיט אַ דורכזיכטיקן שאַרף אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן, און דורך אָט דער דורכזיכטיקייט האָט אַרויסגע-

קוקט דער גרויסער ווייסער ביוסט אירער... איז דאָך שוין קיין צווייפל ניט, אַז איך האָב זיך ערגעץ מיט איר אין אַ הויז געטראָפן, און נאָך אין אַזאַ אינטימער פּאָזע... הייסט עס, שוין גאָר אינטים... טאָ ווי אַזוי פאַרגעסט מען דאָס, ווו און ווען און ווער זי איז?...

— ווי לאַנג צוריק זענט איר געווען אין וואַרשע? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— צוריק מיט זעקס וואָכן.

שטימט עס ווידער ניט, ווייל איך בין דאָרטן געווען ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן.

— און ווען נאָך זענט איר אין וואַרשע געווען?

— צוריק מיט אַ האַלב יאָר.

שטימט עס ווידער אַמאָל ניט. בין איך געווען פאַר איר. און געזען, אַז מיין גאַנצע פלאָגעניש זיך צו דערמאָנען, ווו איך האָב זיך מיט איר אָנגעטראָפן, וועט צו גאָרניט דערפירן, האָב איך באַשלאָסן צו גיין פון אַן אַנדער זייט צום עסק:

— און איר מיך האָט אין ערגעץ ניט באַגעגנט?

— ניין — האָט זי גלייך אויפן פלאַץ געענטפערט.

— דערמאָנט זיך, אפשר יאָ?

זי האָט געמאַכט אַ זויערע גרימאַסע, אין וואָס איך האָב דער-קענט, אַז דער גאַנצער שמועס האָט איר שוין דערעסן, און איך האָב מורא געהאַט, זי זאָל ניט פאַרלאָזן דאָס צימער, און דאַן וואָלט מיין ניי-געריקייט צו דערגיין, ווו איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט, שוין זי-כער ניט געבליבן באַפרידיקט. און געקוקט אויף איר און געטראַכט-אַז סיי ווי וועל איך זיך שוין פון איר צו גאָרניט דערשלאָגן, האָב איך אנטשלאָסן געזאָגט:

— איך האָב אייך געזען מיט צעלאָזטע האָר...

זי איז געוואָרן מבולבל, און אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פאַרדראָס מיט נייגעריקייט איינצייטיק, און געקוקט אויף מיר אַ ווילע און געטראַכט, האָט זי מיט אַ פאַרדראָס אַ מורמל געטון:

— זיי האָבן מיך אין ערגעץ אַזוי ניט געקאָנט זען, ווייל זיי קענען מיך ניט, און איך זע זיי דאָס ערשטע מאָל...

— איך האָב אייך געזען מיט אַ דורכזיכטיקן שאַרף אויף די נאַקעטע שולטערן... יע... און מיט אַ הוילן ביוסט...

דאָס פּנים אירס איז געוואָרן רויט ווי צונטער. און געשטאַנען

אַ ווײלע, האָט זי אַן אָנגעצונדענע געקוקט אויף מיר, קאָנטיק געוואָלט רעאַגירן אויף מײן גראָבקײט, און נישט געוווּסט וויאַזוי, און האָט שטורעמדיק דאָס צימער פֿאַרלאָזט, מיט כּעס און שטורעם פֿאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר. און שפּעטער מיט עטלעכע מינוט איז אַרײַנגעקומען דער בעל־אַכסניה, דער פֿאָטער אירער, אַן אָנגעבלאָזענער, און געזאָגט מיט אַ ברוגזן טאָן:

— יונגערמאַן... אויב אײַך דוכט זיך עפּעס, כ׳ווײס דאָרטן וואָס, האָט איר דאָ נישט געטראָפֿן דאָס אָרט... מײַן טאָכטער איז אַן אָרנטלעך קינד... גײט אײַך ערגעץ אַנדערש... אפשר וועט אײַך ערגעץ אַנדערש גאָט צושיקן דאָס, וואָס איר זוכט...

איך האָב גלײַך פֿאַרנומען דאָס פּעקל און אַריבערגעפֿאָרן אויף אַן אַנדער סטאַנציע. אָבער אויך דאָרטן האָט מיך די נײַגעריקײט נישט אָפּגעלאָזט און מיך געפּײניקט, איך זאָל זיך נאָר דערמאָנען, ווו איך האָב ערגעץ אָט די מויד מיט די צעלאָזטע האָר און מיטן אַנטבלויזטן ביוסט באַגעגנט... און ערשט שפּעט בײַנאַכט, ווען איך בין געזעסן אין צוג און געדרעמלט, האָב איך מיר אין דרעמל דערמאָנט, אַז געזען האָב איך זי טאַקע אין וואַרשע, אָבער נישט זי אַלײן, דעם אָריגינאַל, האָב איך געזען, נאָר אַ קאָפּיע פֿון איר... אין אַ פֿענסטער בײַ אַ פֿאָטאָגראַף, אין אַ גרויסן פֿאָרמאַט... — — — — — — —

נאָך דער חתונה

איך האָב חתונה געהאַט, האָט ביי מיר אַ געדאַנק אויפגעבליצט אַזוי גלייך ווי איך האָב די אויגן געעפנט. און אַ קוק געוואָרפן אין פענסטער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער טאָג איז נישט גלייך צו אַלע טעג, וואָס איך האָב געלעבט ביז אַהער, און דערפאַר — האָט זיך מיר געטומלט אין קאָפּ — דאַרף איך עפּעס טון אַזעלכעס, וואָס איך האָב נישט געטון ביז אַהער; און נישט געוווּסט וואָס... ערגעץ איז ביי מיר טיף אין מוח געלעגן פאַרגליווערט עפּעס אַ „נעכטן”, וואָס איז פאַרשווונדן אַזוי גיך ווי אַ חלום, און פון דעם גאַנצן חתונה־טומל איז נאָר אַ מהומה געבליבן, און עפּעס האָט שוין מיר פיינלעך וויי געטון, וואָס דאָס אַלץ איז שוין אַריבער.

מיין יונג פריש ווייבעלע איז געשלאָפן... איך האָב געקוקט אויף איר לויטער, כמעט דורכזיכטיק כלה־פּנים און געזען, ווי אַ געהיימניספולע פרייד ליגט אויף אים צעגאָסן, און אויף די ליפּן רוט אַ ליבלעך זיס שמייכעלע... יאָ, קענטיק, אַז זי איז גליקלעך... און איך?

דאָס לאַנג דערוואַרטעטע, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל זיך עס קיינמאָל נישט דערוואַרטן, איז דערגרייכט... און מערקווירדיק: איצט, ווען עס איז שוין דערגרייכט, האָב איך אַזאַ געפיל, אַז עס איז נישט דאָס...

איך האָב אַריינגעשטעקט די פיס אין מיינע נייע שטעק־שיך און נישט אָנגעטאָנענערהייט, אָנגעהויבן מאַרשירן פון איין צימער אין צווייטן (דריי צימערן האָב איך געהאַט). איך האָב באַטראַכט די ווייס־

אויסגעפּאַרבטע פענסטער, די פריש־אויסגעקלעפּטע ווענט און רויט־געפאַרבטע פּאָדלאָגע, אויף וועלכער עס זענען געבליבן מאַטע פלעקן פון מיינע טריט. עס האָט געשמעקט מיט פרישקייט, און אַלץ, צוזאַמען מיטן נייעם בליאַסקנדיקן מעבל, האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן. און פונקט אַזוי ווי די אַלע שטומע עדות האָבן נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ ניי לעבן דאָס וועט זיין, אַזוי האָב איך דאָס נישט געוווּסט.

איך האָב מיך דערמאָנט אין אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אין דעם, ווי איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל דערוווּסט, אַז איך האָב זי ליב, און וויאַזוי איך האָב זיך איר דערקלערט אין ליבע; אין דעם, ווי מיר זענען געוואָרן חתן־כּלה; און אויף לעצט — אין אונזער חתונה. און ווּנדערבאַר: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פריערדיקע איז עפּעס געווען פיל וויכטיקער; עס זענען אַזוי ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן די פאַנטאַסטישע פליגל און געבליבן איז בלויז חומר... איך האָב איצט פאַרשטאַנען: אויב די ליבע איז געווען צוליב דער חתונה — דאַן, וואָס האָט עס צו טון מיט די שיינע לבנה־נעכט, אין וועלכע כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט מיט איר אַרומצוגיין?

— ניין, אַזוי וואָלט נישט באַדאַרפט זיין! — האָט ביי מיר אַ געדאַנק אויסגעשריגן. אָבער עמעצער אין מיר האָט געטראַכט: — ווען אַ שטייגער, דאָס מיידל וואָלט נישט געהאַט פופצן הונדערט רובל, וואָלט איך דאָך ביי מיין בעסטן ווילן נישט געקענט מיט איר חתונה האָבן, און זי וואָלט מיט אַן אַנדערן חתונה געהאַט, און זי וואָלט נאָך דער חתונה מיט יענעם פונקט אַזוי פון שלאָף געשמייכלט, ווי זי שמייכלט איצט נאָך דער חתונה מיט מיר...

איך האָב געקוקט אויף אירע פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַפילו איצט, נאָכדעם ווי זי איז שוין כּלומרשט אינגאַנצן מיינע — האָט זי זיך דאָרטן איר באַזונדער וועלטל, וואָס איז פאַר מיר אַ געהיימניש. ווער ווייס, וואָס ביי איר אין פאַרשלאָסענעם מוח קומט אַלץ פאָר?

דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף. די ערשטע צוועלף, וואָס איך הער פון מיין זייגער אין מיין שטוב. מיר האָט זיך געדוכט, אַז פון איצט אָן, הויבט זיך אָן דאָס לעבן... ס׳האָט געקלונגען צוועלף אויף מיין ניי־לעבן, און מיר איז עפּעס אי אומעטיק, אי פריילעך געוואָרן.

ס'האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטון אין דער קיך-טיר. איך האָב געשווינד אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזן און דאָס רעקל, און בין אַוועקגעלאָפן עפענען די טיר.

ס'האָבן זיך אַריינגעשאָטן דריי מענטשן. די ערשטע מיין ווייבס שוועסטערל, אַ בליענד פּופּצניאָריק מיידעלע, וועלכע האָט מיר געזאָגט אַ „גוטמאָרגן" מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן; דער צווייטער איז געווען דער טעלעגראַמען-טרעגער. וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ פּאַרשפּעטיקטע טעלעגראַמע פון מיינעם אַ חבר, וועלכער גראַטולירט מיר צו מיין חתונה און ווינטשט מיר אייביק גליק, די דריטע איז געווען אַ שיקסע, וואָס מיין שוויגער האָט מיר צוגעשיקט מיט דער שוועגערין, איך זאָל זי נעמען פאַר אַ דינסט.

— זי שלאָפט נאָך? — האָט דאָס קינדערשע מיידעלע געפרעגט, מיט אַ קוים באַמערקבאַר שעלמיש שמייכעלע, און אין דעם, וואָס זי האָט די שוועסטער נישט אָנגערופן ביים נאָמען, נאָר „זי" — האָב איך דערקענט, אַז זי, מיין פרוי, איז שוין פאַר איר נישט דיזעלבע, וואָס זי איז געווען ביז נעכטן, נאָר אַן אַנדערע.

— זי שלאָפט נאָך — האָב איך געענטפערט, פּאַטשנדיק איר מיט ביידע הענט, אין ביידע פּוכיקע, ווייסע בעקלעך — אויב דו ווילסט, גיי, וועק זי אויף, גענוג איר צו שלאָפן.

דאָס קליינע קינדערשע מיידל האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט, און געקוקט האָט זי מער אויף דער שיקסע, ווי אויף מיר... און מיר איז אַזוי אַנגענעם געווען צו שטיין דאָ אין קיך מיט דעם שעמעוודיקן מיידעלע. איך האָב זי פּלוצלינג אַרומגענומען, שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, און אַ הייסן קוש געגעבן אין די קינדערשע ליפּעלעך. און באַלד אַנטלאָפן אין שלאָפצימער, פּאַמעלעך אויפגעוועקט מיין פרוי און געזאָגט צו איר:

— שטיי אויף מיין גאָלד... דיין דינהעלע איז דאָ... די מאַמע האָט דיר צוגעשיקט אַ שיקסע.

— ביסט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען? — האָט זי מיר מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע, גלעטנדיק מיר מיט אַ האַנט דאָס פּנים, געפרעגט.

— אָ, זייער לאַנג — האָב איך געענטפערט, נישט קאָנענדיק איר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

— וואָס-זשע האָסטו דאָ געטון? — האָט זי ווידער געפרעגט, ציענדיק מיך צו זיך.

— געטון וואָס?... גאָרנישט... און געפילט האָב איך, אַז איך האָב דאָ יאָ עפּעס געטון, און דוקא אַזעלכעס, וואָס איך וואָלט נישט באַדאַרפט טון.

— דינהלע! — האָט מיין פרוי אַ רוף געטון דאָס שוועסטערל

— קום אַהער, וואָס שטייסטו דאָרט?

דינהלע האָט זיך באַוויזן אין דער טיר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פלאַמענדיקע בעקלעך, און איך?... איך האָב געפילט, אַז איך רויטל זיך אויך...

ים־בילדער

1

צווישן כלערליי שפּילעריייען און שטיפעריייען, וואָס יונגוואַרג און קליינוואַרג האָבן געשפּילט און געשטיפט צווישן טומל און גערויש פון ים און מענטשן, האָט איין פּאָרל געהאַט אַ שפּיל: מען האָט איינס דאָס צווייטע באַגראָבן. אַמאָל זי אים, אַמאָל ער זי. צום מיינסטן ער זי...

ער איז געזעסן, די נאַקעטע פיס אונטער זיך און מיט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן, וואָס האָט אויסגעדריקט עראָטישע ליידנשאַפט, האָט ער אויף דער אויסגעצויגענער ווייבלעך-רייפער פיגור אָן אָפּרו זאַמד געשאָטן, און אַזוי לאַנג געשאָטן, ביז אויף דעם מיידלשן קערפּער איז אַ לאַנגער באַרג זאַמד אויסגעוואַקסן און נאָכדעם ערשט האָט ער מיט ביידע הענט און מיט אַלע צען פינגער זיך פאַרנומען אַרומצופּאַטשן און אַרומצוגלעטן אָט דאָס לענגלעכע בערגל, און נאָך יעדן פּליעסקע, וואָס ער האָט אין דעם לעבעדיקן קבר געגעבן, איז געבליבן שטיין אַ האַנט מיט פינגער, און געשמייכלט האָט אַזוי זיס און פול מיט לעבנס-זאַפט די לעבעדיק-באַגראָבענע פון לעבעדיקער באַגראַבעניש אַרויס. דאָס פּנים האָט געשמייכלט, וואָס מ'איז באַגראָבן און מ'לעבט...

איך ווייס נישט, איך קען נאָך ביז איצט נישט זאָגן אויף זיכער, צי דאָס מיידל איז ווירקלעך געווען אַזוי רייצנד, ווי מיר האָט זיך געדאַכט. איך ווייס נאָר דאָס, אַז דאָס פּנים אירס, וואָס האָט פון

באַגרעבעניש אַרויסגעקוקט, האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חן און רייץ, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן אַליין שמייכלט פון דעם זאַמדיקן קבר אַרויס, קוועלט, וואָס אָט איז דאָס באַגראָבן און ס'לעבט דאָך... איך ווייס נישט, עס קען זיין, אַז ווען איך וואָלט זי אין באָד-קאָסטיום געזען, וואָלט איך אפשר נישט אומגעקוקט זיך אויף איר, און מעגלעך, אַז נאָך ווינציקער וואָלט איך זי באַמערקט, ווען איך וואָלט זי ערגעץ אין אַ באַלאָווער קלייד געטראָפן... אָבער אָט דער קברדיקער צודעק, די קאָמבינאַציע פון טויט און לעבן, ריכטיקער געזאָגט, צוקוקנדיק ווי לעבן שמייכלט פון טויט אַרויס, אַ לעבן אין אַ מיידלשן פּנים פאַרקערפּערט, דאָס האָט געריסן און געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. און וויפל איך האָב נישט געקוקט אויף אָט דעם נימף פון לעבן און טויט, בין איך נישט זאַט געוואָרן, און עס האָט זיך געגלוסט קוקן און קוקן אָן אויפהער. און איך האָב זייער באַדויערט, וואָס איך בין נישט קיין מאָלער אָדער אַ סקולפּטאָר. וואָס פאַר אַ פיינער איינפאַל דאָס וואָלט געוועזן צו שאַפן אַזאַ סאָרט נימף: אַ יונג מיידל, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווי אַ יונג מיידלש פּנים, און ווייטער אַ באַרג ערד, אַ קבר, און עס שמייכלט מיט יוגנט און פול מיט ליידנשאַפט אָט דאָס מיידלשע פּנים פון קבר אַרויס... איך וואָלט אפשר אויך דעם יונג באַהעפט צו דעם בילד, און איך וואָלט געזען וואָס מער ליידנשאַפט איינצושפּאַרן אין זיינע אויגן אָט דווקא וויל... און עס וואָלט טאַקע נישט געווען פיל איבערגעטריבן אויך... וויל דעם יונגס אויגן האָבן דאָך ווירקלעך מיט ליידנשאַפט געברענט... וואָס מער די פאָרמען פון איר קערפּער זענען פאַרשאָטן געוואָרן מיט זאַמד, און וואָס העכער עס איז אויסגעוואַקסן איבער איר דאָס בערגל, אַלס היציקער איז דער יונג געוואָרן, און אַלץ מער און מער ליידנשאַפט האָט פון זיינע אויגן אַרויסגעשפּאַרט...

איך האָב זיי געזען איין סעזאָן און אַ צווייטן, אין באַשטימטע נאָכמיטאָג-שעהן, און זעלטן-ווען זיי האָבן זיך מיט אַן אַנדער שפּיל פאַרנומען... אַליין און באַזונדער, אַ גאַנצער, אַ פליישיקער בחור מיט מוסקולן געזונטע און האַרטע, מיט פיס און נאַקעטע פולקעס הינטער זיך, און מיט הענט, וואָס פריער האָבן זיי באַשאָטן דאָס מיידל, דערנאָכדעם פאַרפלעסקעט... און ווען ער האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון אַרום איר, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַרום דעם פּנים, האָט ער זיך פאַרנומען צו צימבלען אויף אַ מאַנדאָלינע, און

ס'האָט מיט גליק פון לעבן, און מיט גליק, וואָס זי ליגט אַ באַגראָבענע פון אָט דעם בחורס געזונטע מוסקולן, געשמייכלט דאָס מיידלשע פנים פון לעבעדיקער באַגראַבעניש אַרויס... — — — — — — — —

אויפן דריטן סעזאָן האָב איך זיי ווידער געטראָפן אויפן „ביטש“, אָבער, צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג, האָב איך שוין נישט געזען זיי זיך שפּילן אין דער באַגראַבעניש-שפּיל. בין איך זייער נייגעריק געווען צו וויסן, פאַרוואָס האָבן זיי אָט די שפּיל אַוועקגעוואָרפן, און איך האָב מיך דערוווּסט:

זיי האָבן חתונה געהאַט...

2

ביידע, זי מיט איר, זענען אַלע טאָג געקומען, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ גרויסן שירעם און אַ ליג-שטול. איינע האָט זיך באַלייגט און אויסגעצויגן, און די צווייטע האָט זיך באַזעצט לעבן דער, וואָס האָט זיך באַלייגט און אויסגעצויגן...

ביידע האָבן געהאַט איין פנים, און דאָך איז איינע געווען בילדיש שיין, און די צווייטע — אַ פאַרזעעניש... ווי צו דעמאָנסטרירן און צו באַווייזען דעם קאַפּריז פון דער נאַטור, ווי צוויי פנימער וואָס זענען אַזוי ענלעך איינס אויף דאָס אַנדערע, איז קאָן דאָך זיין איינע שיין און די צווייטע אַ פאַרזעעניש. אַז אַזעלכעס איז מעגלעך אין דער נאַטור, זענען זיי ביידע געקומען און זיך באַזעצט איינס נעבן דאָס אַנדערע.

אָבער דאָס אַליין, דער שיינערס פנים, און דער מיאוסערס מיאוסער פנים, איז קאָנטיק פאַר דער נאַטור נאָך ווייניק געווען. חוץ שיינקייט, וואָס די שיינע איז שיין געווען, האָט די נאַטור געבענטשט דער שיינער מיט אַ זעלטענער פיגור; דער גאַנצער ווּוקס אירער, די גאַנצע גרייס און דער גאַנצער בוי פון איר קערפּער איז געווען איין האַרמאָניע און פּראָפּאָרציע. אַלץ איז געווען ווי געמאָסטן און געוויגן. פון איר באָד-קאָסטיום אַרויס האָבן זיך חנעוודיק אויסגעטיילט די שיינע, געטאָקטע גלידער פון איר קערפּער, און די גאַנצע פיגור האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטיק געזאַנג, אויסגעקנאָטן און אויסגעפאָרמירט אין אַ פרויענגעשטאַלט... פאַרן

אויג, און באַזונדערס פאַרן מאַנסבילשן אויג איז געווען אַ גרויס, עסטעטיש פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר, און יענע, די מיאוסע, חוץ דעם, וואָס זי איז אַזוי מיאוס געווען, האָט איר די נאַטור געבענטשט מיט צוויי הויקערס, איינעם פון פאָרנט און איינעם פונהינטן, און אַזוי משונהדיק קליין, ווי קליין עס קאָנען זיין אָט די סאָרטן קאַליקעס. געזעסן איז דאָס אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, וואָס האָבן אויסגעזען לענגער פון גאַנצן קערפּער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הענט זענען נישט אירע, נאָר אַנטליענע, אָדער געשענקטע פון אַ הויכוווקסיקן מענטשן. און אַדאַנק דעם, וואָס זי איז געזעסן אויף די הענט אָנגעשפּאַרט, האָבן זי די אַקסלען געהאַט אויפגעהויבן העכער פון איר קאָפּ, און עס האָט אויסגעזען, אַז זי האָט פיר הויקערס, נישט נאָר צוויי.

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די פון דער נאַטור געקריוודעטע איז אומישנע געזעסן נעבן דער שיינער שוועסטער, בכדי בולטער צו מאַכן דערס שיינקייט, און זי ווידער, די געראָטענע, איז געזעסן נעבן דער געשטראָפטער, בכדי בולטער צו מאַכן איר העסלעכקייט... און כאָטש איינע איז אַזאַ יפת־תואר געווען און די צווייטע אַ פאַרזעעניש, האָט דאָך יעדער איינער פון ערשטן אויגנבליק געקענט באַמערקן, אַז דאָס זענען צוויי שוועסטער. פון ווייטן נאָך (פון ווייטן נאָך מער, ווי פון דער נאָענט) האָבן זיי ביידע געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איינע וואָס האָט זיך דורך אַ קאַפּריז פון דער נאַטור געטיילט אויף צוויי, אויף קריפּל און אויף שיינקייט... ווי אַ סימבאָל פון דעם ווייבלעכן וועזן, וואָס איז דורכויס פאַרקריפּלט, און איינצייטיק פאַרמאָגט עס אין זיך אַזוי פיל שיינקייט און רייץ...

ביים גרויסן און שטענדיקן יום־טוב פון ים און וואַסער, און אויפן גרויסן שטענדיקן יום־טוב פון זויבערן ווייסן זאַמד איז זיך דאָס פּאָרל געזעסן אָפּגעזונדערט פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפרייט דאָרטן און זיך געוואַלגערט, זיך גענעצט און זיך געטריקנט אין ים און אויפן זאַמד. דאָס קריפּל איז נעבן דער שיינער געראָטענער שוועסטער געזעסן ווי אַ געצנדינער זיצט נעבן אַן אָפּגאָט, צו וועמען ער האָט שוין אַלע תפילות אָפּגעזאָגט און האָט שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און קען דאָך פון אים נישט אַוועק און בלייבט ווייטער זיצן און דינט אים מיט וואַלגערן זיך ביי זיינע געטלעכע פיס. אַזוי איז געזעסן און זיך געוואַלגערט די מיאוסע און פאַרקריפּל-

טע שוועסטער נעבן דער שיינער און געראָטענער שוועסטער. און פּונקט ווי יענער געצנדינער קען נישט פֿילן קיין שנאה און קיין קנאה צו זיין אָפּגאָט, ביי וועמענס פֿיס ער וואַלגערט זיך, אַזוי האָט עס אָט די אומגליקלעכע קיין שפּור פֿון שנאה און קנאה נישט געפֿילט... פֿאַרקערט, צייטנווייז איז געווען צו באַמערקן אין אירע אויגן, אין איר גאַנצן מין זיצן און האַלטן זיך, עפּעס אַזאַ מין קאָקעטעריע... זי האָט, קאָנטיק, קאָקעטירט מיט דער שוועסטער, וואָס זי האָט אַזאַ שיינע געראָטענע שוועסטער. און יענע? און יענע ווידער, איז נישט געווען צו זען, אַז זי זאָל זיך קרעמפּירן מיט איר שוועסטערס קריפּל. אויך ביי יענער איז געווען אָפּט צו באַמערקן, אַז... יאָ, אויך יענע האָט קאָקעטירט, און ס'איז געווען צו זען אַ שטאַרקע איינגעליבטקייט צו דער שוועסטער. זי איז איר, קאָנטיק, דאַנקבאַר געווען, וואָס זי, מיט איר מיאוסקייט און פֿאַרקריפּלטקייט, שטרייכט נאָכמער אונטער און מאַכט בולטער אָנצוווזן איר שיינקייט און געראָטנקייט. — — — — — — — — — — — — —

3

אַ פּאָר קליינע חברה, צווישן צען און צוועלף יאָר, האָט עס אָפּט ווי פֿון ערגעץ אָנגעיאָגט... ביידע צוזאַמען זענען זיי אַלעמאָל אָנגעקומען מיט אַזאַ האַסט און אימפּעט, ווי מיט אַ דרינגענדער שליחות פֿון וועמען... האַסטיק און פֿענדיק פֿון ערגעץ אָנגעלאָפֿן, און מיט האַסט און פֿענד, אין מיט אָנלויפֿן און אין מיט זייער אָנקומען, זיך אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעבויגן, איינער צום צווייטן, מיט אַ שערבעלע, וואָס איינער האָט געהאַט אין האַנט, איינס און צוויי אָנגעהויבן אָנצוואַרפֿן שטריכן אויפֿן נאַסן און איינגעפּרעסטן זאַמד, און אין אַ מינוט צוויי איז אויסגעוואָקסן אַ קאָפּ פֿון אַ מענטש, אַ קאָפּ פֿון אַ חיה, אָדער עפּעס אַן אַנדער געמאָלעכץ. מיט עטלעכע קריצן, וואָס ער האָט אַ וואָרף געטון מיט דער האַנט, מיטן פֿינגער און מיטן שערבעלע איז פֿאַרטיק געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט דאָרט געוואָלט מאַכן, און מאָמענטאַל, אַזויווי יענער האָט די געמעלעכץ פֿאַרטיק געמאַכט, אַזוי גלייך האָט דער צווייטער אַ פֿיר-געטון און אַ רייב-געטון מיט איין פֿוס אַהער און מיט איין פֿוס אַהין, און נישטאָ קיין

זכר. און פּונקט, ווי יענער האָט מיט פּענד, פול ייִנגלשער ענערגיע „געשאַפן", אַזוי האָט דער צווייטער, מיטן זעלבן אימפּעט, דאָס פאַרביכטעט, און ס'איז געווען צו זען, אַז דער האָט פּונקט אַזאַ הנאה פון דער פאַרניכטונגס-אַרבעט, פּונקט ווי יענער פון זיין „שאַפונג"... און אָפּגעטון די אַרבעט פון שאַפן און די אַרבעט פון פאַרניכטן אויף איין אָרט, זענען זיי ביידע, גלייך ווי איינער, און איינער, גלייך ווי צוויי, אַריבער מיט פּענד און אָן צייט אויפן צווייטן אָרט, און ווידער דאָסזעלבע: איינער פאַרנעמט זיך עפּעס אויסצוקראַצן אויפן זאַמד, דער צווייטער שטייט דערביי און קוקט זיך צו מיט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט, און מיט גרויס אינטערעס, און ווי יענער פאַרענדיקט די אַרבעט, אַזוי גלייך נעמט דער צווייטער און גיט אַ רייב מיט איין פוס אַהער, מיט איין פוס אַהין און מען לויפט שוין ווייטער, און מען טוט שוין ווייטער דאָס אייגענע...

איך האָב פיל מאָל באַמערקט אָט דאָס פּאָרל, און אַלעמאָל ביי דערזעלבער אַרבעט פון „שאַפן" און „פאַרניכטן", און געזען האָב איך אין די צוויי פּרימיטיווע, מינדעריעריקע ייִנגלעך די גאַנצע נאַטור פון מענטשן. די נאַטור, דעם אייביקן פּראָצעס און די שטרעבונג פון בויען און פאַרניכטן...

איינמאָל האָב איך זיי אָפּגעשטעלט און אַ פרעג-געטון, נאָכוואָס זיי טוען דאָס. די צוויי חברה האָבן מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און זיך אויסגעלאַכט פון מיר און פון מיין פראַגע...

נו, יאָ... וואָס וואָלטן מיר דען גרויסע מענטשן געענטפערט, ווען איך וואָלט זיי געגעבן אַ שטעל אַזאַ פראַגע?...

4

איך בין געזעסן מיט מיינעם אַ פריינט אויף דער שפּאַצירבריק, און ביידע האָבן מיר אַראָפּגעקוקט אויף דער גרויסער מענטשנמאַסע, וואָס האָט אויסגעזען פונוויייטן, ווי באַוועגלעכע שטיקער פלייש, און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די טויזנטער און טויזנטער האַלב-נאַקעטע מענטשן זענען זיך דאָ אַהער צונויפגעקומען אָפּצופּריכטן אַ יום-טוב פון... פון אָט דעם פלייש טאַקע... אַזוי געזעסן און אַראָפּ-

געקוקט, האָט זיך מײַן פֿרײַנט אָנגעבויגן צו מיר מיט אַן אַקסל, און, אָפּגעצויגן פֿון זיך אַ האַנט מיטן אָנווייז־פֿינגער, האָט ער געזאָגט:

— קוקט רעכטס, דאָרטן, ווו עס זיצן אַ מאַן, אַ פֿרוי, אַ מיידל און צוויי בחורים. אָט יענע, אָט די, וואָס פּראַווען אַ סעודה, וואָס עסן „סענדוויטשעס" פֿון דינינקע פּאַפּירעלעך אַרויס... איר זעט זיי?

— יאָ, איך זע... נו, און וואָס?

— איר זעט, ווי איידל און מאַניערלעך זיי עסן? ווי זיי האַלטן אין די פּאַפּירלעך דאָס ברויט און רירן זיך נישט צו צו דעם מיט די הענט. איז דאָס, דוכט זיך, אַ גרויסער שפּרונג פֿאָרווערטס, ווען דו דערמאָנסט זיך, אונטער אַ וועלכע אַנטי־סאַניטאַרע אומשטענדן מ'האָט בײַ אונדז געגעסן. איז עס דאָך פּראָגרעס, האַ? קוק איך זיך אָבער צו צו זייערע נאַקעטע פּיס, הענט און אויף די שטיקער לײַב און פֿלייש, וואָס קוקט אַרויס פֿונפּאָרנט און פֿונהינטן, פֿון די „בײַדינג סוטס" אַרויס, איז, דוכט זיך מיר, אַז די מענטשהייט האָט זיך אויף אַ טויזנט יאָר געגעבן אַ רוק צוריק... נאָר אין די אַלטע, פּרימיטיווע צײַטן האָט זיך געקאָנט, אַזוי האַלב־נאַקעט באַזעצן מאַן און ווײַב און קינדער און מסדר־סעודה זײַן, האָבנדיק פֿאַר זיך די נאַקעטע (אָדער האַלב־נאַקעטע) קערפּערס פֿון אייגן לײַב און פֿון אייגן בלוט... איז דאָס דען נישט קעגן אַלע באַגריפֿן פֿון עסטעטיק... דוכט זיך אײַך נישט, אַז די שפּייז, וואָס זיי עסן, גייט גלײַך אַוועק אין די נאַקעטע טיילן פֿון זייערע קערפּערס, און פֿאַרקערט, אַז די שטיקער פֿלייש זענען עפּעס אַ טייל פֿון דעם עסן, וואָס זיי עסן?... ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, אָט די מענטשן פֿעלט אַבסאָלוט דאָס געפֿיל פֿון עסטעטיק!

אַנטשוויגן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געזאָגט:

— פֿאַרוואָס האָב איך אײַך גראָד אָנגעוויזן אויף דעם מענטשנבינטל? ווײַל איך קען זיי און ווייס, אַז זיי זענען מענטשן פֿון העכערן מין, אויב אַזעלכעס איז בכלל פֿאַראַן, און ער, דער מאַן, האָט דווקא אַ שוואַכקייט צו רעדן אַלעמאָל וועגן עסטעטיק. איז זיצט ער, אָט דער עסטעט, מיט די האָריקע פּיס אַנטקעגן דער טאָכטער (שוין מוחל זײַן עסן), און ער פֿילט נישט און באַגרייפֿט נישט, ווי אָפּשטויסנדיק עס באַדאַרף איר זײַן די פּיס זײַנע. און נעמט איר, דאָס ווײַב, אויך אַ גאַנץ אינטעליגענטע דאַמע (אַז זי איז אָנגעטון),

וויאַזוי פאַלט איר נישט איין, אַז דעם זון קאָן נישט-גוט ווערן פון דער מאַמעס הוילע לידקעס. הייינט, וואָס פילט דער פרעמדער יונגערמאַן, אָט דער, וואָס איר זעט, וואָס האַלט זיך צוגעקלעפּט צו דעם מיידל... ער וועט, אפשר, ווערן אַן איידעם מיט דער צייט, און דערווייל, איידער וואָס-ווען, ווייס ער שוין, וואָס פאַר אַ פּיס עס האָט די צוקונפטיקע שוויגער זיינע, און בכלל איז ער שוין באַקאַנט מיטן פלייש פון דער גאַנצער פאַמיליע... קאָן שוין, נאָך דעם אַלעמען, אָט דער בחור פילן צו דעם מיידל דעם צאַרטן, איך וואָלט זאָגן, הייליקן ציטער, וואָס אַ יונגערמאַן, וואָס איז אין אַ מיידל פאַרליבט, קאָן פילן? אוממעגלעך!... וועט איר דאָך זאָגן: „מיין כפרה, צוואָס איז דאָס נויטיק?" זייער! אויב אַזאַ נאַטירלעך-סעקסועלער געפיל קאָן ביי מענטשן אַרויסרופן הייליקן עקסטאַז, אַדאַנק די אָנגענומענע פאָרמען פון לעבן, איז מוז עס אָפּגעהיט ווערן... נעמט, צומבייישפּיל, אַפילו אַ ספר-תורה, להבדיל. אַמאָל, ווען איך בין געווען אַ גלויביקער, האָב איך עפּעס מער הייליקייט געזען אין אַ ספר-תורה, ווען זי איז געווען אין מענטעלע, ווי איך האָב „זי" געזען נאַקעטערהייט...

פאַר דער צייט, וואָס מיין פריינט האָט דאָ גערעדט און פילאָזאָפירט, האָבן זיי זיך דאָרטן, די זעלבע, וועגן וועלכע מיין פריינט האָט גערעדט, אָפּגעגעסן די פליישיקע און מילכיקע סענוויטשעס, און אונטערן איינפלוס פון זיין אַריינרעדן אין מיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די נאַקעטע טיילן פון זייערע קערפּערס זענען נאָכן עסן געוואָרן אויסגעפּולטער, שווערער און מאַסיווער, ווי פריער מיט עטלעכע מינוט, ווען ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיי. און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען דער בחור, דער פרעמדער בחור, האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ זיינעם אויף די נאַקעטע ליטקעס פון דעם מיידלס פיס, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ ווייטערדיקע פאָרטזעצונג פונעם עסן, אָדער, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון די מילכיקע און פליישיקע סענוויטשעס, וואָס ליגן דאָרט אין זיין בויך-שפּייכלער... אַז דאָס עסן איז, אייגנטלעך, אַ פאַרמיטלערין צווישן ערד און מענטש, אָדער אַ שליח, וואָס ווערט געשיקט פון דער ערד, וואָס זאָל אַריינדרינגען אינם לעבעדיקן אָרגאַניזם און אים דורך דעם צווינגען צו לעבן און פאָרטזעצן דאָס ערדישע לעבן...

— יאָ, איר זענט גערעכט! — האָב איך געזאָגט, און דער פרײַנט מײַנער האָט װײַטער געזאָגט:

— איר זעט דעם בחור, דעם אײגענעם, איר זעט, װי ער, דער אײגענער, זיצט זיך, װי אַ פרעמדער צװישן די אײגענע; איר זעט, װי דער פרעמדער פילט זיך דאָ צװישן די פרעמדע, װי צװישן אײגענע... ס'איז נישטאָ קײן גרעסערע פרעמדקײט, װי אײגן בלוט, און דערצו נאָך דאָ, צװישן אײגן פלײש... זעט, װי לאַנגװײליק ס'איז אים, אָט דעם „באָיעץ". ער דאַרף אױך פרעמד לײב... אָט װעט איר זען, װי דער חברהמאַן װעט באַלד אַװעק פון זײ.

און כך הוה, אַזױ װי מײַן פרײַנט האָט די װערטער פאַרענדיקט, האָט דער זעלבער בחור, װעגן װעלכען ער האָט נאָר װאָס גערעדט, אַ פּאַטש געטון אין האַרטן מוסקול פון פרעמדן בחורס נאַקעטן פוס, און אױסגעשריען:

— קאָם אָן!

און דער בחור, דער פרעמדער בחור, האָט אַ דריגע געטון מיטן זעלבן פוס, אין װעלכן ער האָט דעם פּאַטש געקראָגן, האָט אַרײַנגעזאָגט אין די נאַקעטע ליטקעס אַרײַן פון דעם בחורס שװעסטער:

— אײַ עם טאַיערד...

און די פרױ, די מאַמע פון דעם זון, האָט זיך אָנגעבײזערט אױפן זון:

— גײ, אַז דו װילסט, װאָס שלעפּסטו אים, װאָס?

אין אַ װײַלע אַרום האָט זיך דער אײגענער אױפגעהױבן, זיך אָפּגעריסן פון די אײגענע און איז אַװעק, האָט זיך גלײַך אױסגעמישט צװישן פרעמדע קערפּערס און פרעמדע לײַבער. און דאָ האָט דער מאַן אַ געגעץ געטון, האָט זיך אַביסעלע אָפּגערוקט פון דער װײַב, אָנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אױף דער װײַבס פלײשיקע פּיס-קלעצער...

צווישן לאַנדסלײַט

צו דער באַשטימטער צײַט, וואָס איז געווען אַנאָנסירט אין די צײַטונגען, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלײַבן אַרום דער שוואַרצער פּאַנאָראַמע פון „אָנדערטויקער״ אייגענע, פֿרײַנט און לאַנדסלײַט פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם... צווישן די לאַנדסלײַט האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין צענדליקער יאָרן נישט געזען, און מען האָט זיך אַזוי דערפֿרייט איינס מיט דאָס אַנדערע, אַז מ׳האָט גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן צוליב וואָס מ׳איז געקומען, און דער אמת איז דאָך, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די לאַנדסלײַט זענען נישט געקומען צוליבן נפֿטר. ס׳האָבן זיך פֿיל זייעריקע טאַקע אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען אַ גרויסער חשוב פֿון דער היים, וועט ער מסתּמא האָבן אַ גרויסע לויה, וועט מען זיך טרעפֿן מיט פֿיל לאַנדסלײַט. פֿיל, פֿיל מיוחסים (אַמעריקאַנער מיוחסים) האָבן איבער־לייענענדיק דעם אַנאָנס אין די צײַטונגען, אַז „דער״ איז געשטאָרבן, האָט איינער און אַ צווייטער, וואָס וווינען אין ניו־יאָרק, אַ פּאָר אין ברוקלין, און עטלעכע, וואָס וווינען נישט אין ניו־יאָרק און נישט אין ברוקלין, נאָר וואָס באַלאַנגט דאָך צו ניו־יאָרק, האָבן די אויסגערעכנ־טע געזאָגט:

— מ׳באַדאַרף צוגיין צו דער לויה...

ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט און געשטאַנען ייד׳עך מיט קאַרקלעך און בייכלעך, און מיט דיקע ציגאַרן אין די מײַלער: זיי האָבן זיך

אַרומגעדרייט מיטן פולן באַוווּסטזיין, אַז זייער כּבוד (אַמעריקאַנער כּבוד) קאָן נישט געמינערט ווערן דערפון, וואָס זיי זענען אַהער געקומען... ווען ס׳קומט צו אַ פאַרשטאָרבענעם, איז אויס יחוס... דער טויט איז דער גרעסטער יחסן... און הגם „ער" איז שוין דאָ געווען אַ יורד (מיט דעם אַליין שוין, וואָס ער איז געקומען אין אַמעריקע, אין דעם אַליין איז דאָך שוין פאַר אים געווען אַ ירידה), איז פונדעסטוועגן געבליבן ביי יעדן איינעם, וואָס האָט דעם נפטר געדענקט פון אַמאָל, אַ טיפער דרך ארץ פאַרן געוועזענעם בעל הבית און גביר...

קאָנטיק, אַז אָט די און ענלעכע געדאַנקען האָבן ביי יעדן איינעם פון די פאַרזאַמלטע אַרומגעבלאָנקעט זיך אין די קעפּ, ווייל יעדער איינער האָט ביי איינעם און אַ צווייטן אַ פרעג געטון:

— איר געדענקט אים מסתמא!

— אַ לאַסקע אַביסל, נו!

און אַ צווייטער האָט געענטפערט דאָסזעלבע, נאָר מיט אַנדערע ווערטער:

— אַ שיינע שאלה, נו!

און ווי ס׳איז צווישן צוויי אַזאַ „שאלה" און אַזאַ ענטפער געוואָרפן געוואָרן, איז שוין אַוועק אַ שמועס וועגן דעם נפטר:

— ווען מ׳וואָלט אים, אַ שטייגער, געזאָגט מיט צוואַנציק, אַפילו מיט פופצן יאָר צוריק, אַז ער וועט אַמאָל מגולגל ווערן קיין אַמעריקע און וועט באַדאַרפן לעבן אויף די קינדערס חסדים... אמת, טאַקע זייער לייטישע קינדער, און האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד... אָבער דאָך, איר פאַרשטייט, ס׳איז פאָרט נישט דאָס, וואָס ביי זיך... חבל על דאבדין!... נישטאָ אַזעלכע יידן שוין, און ס׳וועט שוין נישט זיין אויך.

— עק וועלט! — האָט אויסגערופן אַן אָלראַיטניק, און נישט צו מינדערן דעם פאַרשטאָרבענעמס ווערט, האָט ער בדעה געהאַט נאָר דאָס, וואָס דער לאַנדסמאַן זאָגט, אַז ס׳קאָן נישט זיין שוין אַזעלכע יידן, ווי דער פאַרשטערבענער איז געווען, און האָט אים גענומען אויפווייזן, וויפיל צדקה ער צעטיילט אַ יאָר... האָט עס יענער טאַקע אויסגעהערט, און גאַנץ פיין דאָס גענומען אין אַכט, און פונדעסטוועגן געזאָגט, אַ טשאַמקע טוענדיק מיט דער צונג און גומען:

— יעס, טאַקע אמת! אָבער ס׳איז נישט דאָס!

דער עולם איז געוואַקסן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער עולם וואַקסט אַרויס פון זיך אַליין, צעשפּרייט זיך און צעציט זיך אַלץ לענגער און ברייטער איבערן טראָטואַר. די זעלבע, די אייגענע, וואָס מ'האָט געזען און דערקענט, הייבן אָן צוריק צו פאַרשווימען און זיך צו פאַרגיסן אין פרעמד-מדינהדיקער פרעמדקייט און אָפּגעריסנקייט, אַז זיי גייען צוריק אַוועק און ווערן פאַרגאָסן אין דעם גרויסן ים פון פרעמדשטעטיקער פרעמדקייט.

ס'האָט אויף אייניקע אַ באַזונדער שווערן איינדרוק געמאַכט דאָס פייפן און דאָס טרובען פון די מאַשינעס, וואָס האָבן געוואָרנט פאַר אַן „עקסידענט" די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגאָסן פון טראָטואַר אויפ'ן ברוק. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז די מאַשינעס לאָזן זיך אומיסטנע הערן, כדי צו געבן זיי צו הערן און צו פילן, אַז צו דעם אַמאָליקן און צו דעם היימישן איז שוין לאַנג געקומען אַ סוף — אַז אפילו די פאַרזאַמלטע דאָ, וואָס מ'מיינט, אַז זיי זענען „אַמאָליקע" און היימישע, זענען דאָס שוין אויך נישט.

און דערפאַר האָט עס, קענטיק, איינעם און אַ צווייטן אָנגעהויבן לאַנגווייליק צו ווערן, און איינצייטיק האָט זיך געשאַפן אַ נישט-צופרידנקייט, וואָס ס'נעמט „דאָרטן" אַזוי פיל צייט... זיי האָבן נישט געוווּסט, ווער אויף וועמען ס'וואַרט... צי „וואַרט" דער מת אויף די לעבעדיקע (דאַכט זיך, די לעבעדיקע זענען גרייט), צי וואַרטן די לעבעדיקע אויף „אים".

און הגם ס'איז פאַר יעדן איינעם געווען קלאָר, אַז דער מת איז דאָ גאָרנישט שולדיק אין דעם, וואָס די לויה פאַרציט זיך אַזוי לאַנג, זענען דאָך אייניקע געווען אונטערן איינדרוק, אַז ווייל דער ייד איז אַמאָל געווען אַ חשובער ייד, איז פירט „ער" זיך, ווי פאַר אַ חשוב פּאַסט, מ'זאָל וואַרטן אויף אים...

— מיסטער, הערט, ס'וועט נאָך לאַנג נעמען? — האָט איין לאַנדסמאַן אַ פרעג געטון ביים צווייטן.

— כ'ווייס גלייך מיט אייך — האָט יענער גלייך געענטפערט און תוך כדי דיבור צוגעגעבן מיט אַ שמייכעלע — אפשר גיט מען אים דאָרטן אַ שייוו?...

דאָס האָט „יענעמס" שיינע באָרד, יענעמס יחוס און יענעמס ירידה אַרויסגערופן ביי דעם אָט דעם געדאַנק. אויב „ירידה" האָט פיל אָפּגרונטן, האָט ער אין דעם דערפילט דעם גרעסטן אָפּגרונט

פון ירידה פאַר דעם בר־מינן, און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס ער אַליין האָט מיט זיין גאַנצן שכל באַנומען, אַז דער פאַרשטאָרבע־נער, אַלס געשטאָרבענער, וואָלט נישט געוווּסט דערפון, און נישט געפילט, ווען אַזאַ „עקזעקוציע" וואָלט אפילו געטון געוואָרן אי־בערן מת...

און זייענדיק טיף פאַרטיפט טאַקע אין דעם איינפאַל, וואָס אים אַליין, אָט דעם, וואָס האָט עס געזאָגט, איז איינגעפאַלן, און ווי ער וואָלט געזוכט צו רעאַליזירן אָט דעם איינפאַל זיינעם, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— וואָס מיינט איר? ס'איז אין אַמעריקע, אויף אַמעריקאנער קינדער איז נישט צו גלויבן? אפשר וועלן שניר און טעכטער (דער עיקרשס די שניר) זיך וועלן נוקם זיין אינם שווער און אינם פאָטער, וואָס ער האָט לעבעדיקערהייט נישט געוואָלט אַראָפּנעמען די באָרד זיינע... אויף אַמעריקע גנב איז אַלץ צו גלויבן!...

*   *

*

אין דער געמישטער ענגשאַפט פון אייגענע, פריינט, לאַנדסלייט און פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע האָט זיך געפונען איינער אַ מאַן פון אַ יאָר פינף־ זעקס־און־פופציק, מיט אַן אויסגעשאָבענער מאָרדע ביז צו די וואָרצלען, און דאָס גאַנצע פנים זיינס האָט דערמאָנט יענע פנימער, וואָס אויבן־אויף זעען זיי אויס, ווי גויישע, נאָר אַז מ'קוקט זיך איין אין זיי, זעט מען, אַז דאָס פנים איז אַ יידיש נאָר אַ פאַר־גויישט... דאָס טרעפט ביי יענע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון יידן, וואָס לעבן אָפּ אַ צוויי־דריי צענדליק יאָר צווישן קריסטן... אין זיין שטיין אין אָט דער געדיכטער מאַסע האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל זיך אין דער ענגשאַפט באַהאַלטן טאַקע פאַר די זעלבע, וואָס מאַכן אַרום אָט די ענגשאַפט... אַז ער האָט זיך אומיסטנע אַריינגע־שפאַרט צווישן זיי, כדי זיי, אָט די זעלבע, צווישן וועלכע ער האָט זיך אַריינגעשפאַרט, זאָלן אים נישט זען און נישט באַמערקן.

און מ'האָט אים טאַקע נישט באַמערקט אויך, פונקט ווי מ'האָט פיל אַנדערע אין אָט דער ענגשאַפט נישט באַמערקט, אַחוץ וואָס איינער און אַ צווייטער, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען פנים־אל־פנים, האָבן באַמערקט, אַז דער ייד זעט אויס ווי אַ קריסט, און

זיכער איז דער און יענער געווען, אַז דער ייד איז אַ ייד בלויז דערפֿאַר, וואָס ער איז דאָ אויף דער לוויה געקומען, אלא וואָס, טאָמער אַ לאַנדסמאַן? איז ער דאָך נישט געווען דער איינצלנער, ס'זענען זיך אָנגעלאָפֿן פֿיל, אין די צענדליקער, אַזעלכע, וואָס מ'האָט גישט געוווסט, ווער זיי זענען.

יאָ, דער איז אויך געווען אַ לאַנדסמאַן, אָבער אַזעלכער, וואָס אַלע לאַנדסלייט, סיי די, וואָס זענען דאָ זיך צונויפגעקומען, און סיי יענע, וואָס זענען דאָ נישט געווען, האָבן גאָר פֿאַרגעסן, אַז אַזעלכער האָט אַמאָל געלעבט און געווירקט... דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי „לייבקע ממזר", אָט דערזעלבער, וואָס האָט צוריק מיט ניין און צוואַנציק יאָר אַרויפגעשטעלט „אַ רויטן האָן אויפן דאַך", און טאַקע נישט ביי קיין אַנדערן, ווי ביי דעם, וועמען זיי זענען געקומען אַרויסבאַגלייטן אין זיין אייביקער רו אַריין.

פֿאַרוואָס האָט ער עס געטון? איבער פּרנסה, קאָנקורענץ: דער האָט געהאַט אַ מיל, און יענער האָט געהאַט אַ מיל. נו, האָט ער געוואָלט פּטור ווערן פֿונם קאָנקורענט, האָט ער די קליאַמקע פֿון קאָנקורענטס שטוב פֿאַרבונדן און אונטערגעצונדן, געמיינט האָט ער נישט נאָר דאָס הויז פֿון קאָנקורענט זאָל אַוועק מיטן פֿייער, נאָר אפילו די לעבעדיקע נפשות, און נאָר דורך אַ נס זענען זיי ניצול געוואָרן.

יאָ, ווער ס'האָט שוין צו יענער צייט געלעבט, געדענקט עס זייער גוט, און דאָס מיינט, אַז די אַלע, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען אָפּצוגעבן דעם השובן יידן אהרן דוד דעם לעצטן כבוד, האָבן אַלע דאָס געדענקט, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז מ'האָט עס אין זינען געהאַט, ווייל ס'איז דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צייט אין דעם...

דאָס איז דער זעלבער לייבקע ממזר, איצט שוין הינטער די זעכציקער, מיט אַ גרויען נידעריק געשאָרענעם קאָפּ האָר, און דאָס פּנים געפֿאַלבט און קנייטשיק פֿון איבעריקע פֿעטקייט און פֿון עלטער... אונטער די אויגן אַזעלכע גרויסע קישנס, פֿאַרבלויטע, ווי דאָרט וואָלטן זיך געפֿונען אין „מספר קטן" אַלע עבירות זיינע, וואָס ער האָט אָפּגעטון פֿאַר זיין לעבן...

קיינער ווייס נישט ביז היינטיקן טאָג, אַז ער איז דעמאָלט גלייך אַוועק קיין אַמעריקע, אפילו זיינע אייגענע האָבן עס דעמאָלט נישט געוווסט, און אפילו די, וואָס לעבן נאָך איצט, און איינעקע פֿון

יי וואָס געפינען זיך דאָ אין לאַנד, האָבן זיך שוין לאַנג מייאש געוועזן פון אים...

און ער, אָט דער-אָ, איז דאָס אויך געקומען צו דער לוויה... נישט געקענט זיך אָפּהאַלטן... ס'האָט אַ צי געטון... אַזוי ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם אַנאָנס אין דער צייטונג, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז גיין... ווייל... „דער זעלבער לייבקע" איז שוין לאַנג, לאַנג נישט דער זעלבער... ער איז אַ גאַנץ פיינער און אָרנטלעכער ביזנעסמאַן, פירט זייער ראַיעל זיינע געשעפטן, און אין דער „נאַכבאַרשאַפט" אין זיינער, וווּ ער האָט זיין אייגענע הויז מיט אַן אייגענעם „גאַראַדזש" און מיט אַ מאַשין, איז ער פאַרשמט פאַר דעם פיינסטן און לייטישסטן מאַן פון אַלע איבעריקע שכנים... ער לאָזט זיך קאָסטן זייער פיל פאַר יידישע זאַכן, און האָט בכלל אַ ברייטע האַנט, און פון „מתן בסתר" זאָגט ער זיך אויך נישט אָפּ, וואָס אין אַמעריקע איז דאָס שוין גאָר אַ זעלטנהייט...

איצט האָט ער זיך איינגעשטעלט און איז געקומען. ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך דעם ברענענדיקן באַגער פון צוגיין צו דער לוויה, ווייל ערשטנס, האָט ער, הגם נישט קיין גלויביקער, געפונען פאַר אַ חוב צו גיין צו דער לוויה, צו דעם מענטשן, וועמען ער האָט אַזויפיל שלעכטס געטון. צווייטנס, האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך א באַקאַנטן, היימישן פנים... אפשר וועט ער דאָרטן זען און דערקענען דעם און יענעם... אפשר וועט ער זיך אָנטרעפן פנים אל פנים מיט איינעם און אַ צווייטן, מיט וועמען ער איז חדר געגאַנגען... נאָכאַמאָל אַזאַ געלעגנהייט וועט שוין נישט קומען. און דאָ שטייט ער שוין אויף דער שוועל פון... שוין, שוין באַלד נאָך אַלעמען... האָט ער געוואָלט, כאָטש איינמאָל און אַ לעצטן מאָל זיך געפינען אין אַ היימישער אַטמאָספער, צווישן מענטשן און יידן פון זיין אַלטער היים...

דערקענט האָט ער קיינעם נישט... פון צייט צו צייט האָט זיך אַ וואָרף-געטון אַן אָנבליק פון אַ באַקאַנטן. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערינערן, ווער דאָס קאָן זיין... ער האָט זיך אפילו מיט פיל באַקאַנטע, היימישע און אַפילו נאָענטע אויגן באַגעגנט, ער האָט זיך אָבער, ביי זיין גאַנצער אָנשטרענגונג, נישט געקאָנט דערמאָנען, ווער אינדערהיים דאָרט האָט עס געהאַט אַזעלכע און אַזעלכע אויגן... ער האָט אַפילו אַ פאָר מאָל געהערט, ווי אַ פאָר מענטשן האָבן גערעדט

מיט קולות אים-באַקאַנטע פון אַמאָל, און דאָ ווידער דיזעלבע זאַך: ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווער ס'האָט דאָרט ביי אים אין שטעטל מיט אַזעלכע שטימען גערעדט... ער איז געווען זיכער, אַז ווען דער און יענער פון די יעניקע, וואָס האָבן זיך אים, מיט באַקאַנטשאַפט אין די אויגן געוואָרפן, אַז ווען זיי וואָלטן בערד געהאַט, וואָלט ער זיי זיכער דערקענט... אָט די געשאָבענע מאָרדעס האָבן אַריינגעטראָגן אַ כאַאָס אין דעם „אוצר הזכרונות" זיינעם. ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערנעמען, צי זענען זיי, אָט-די-אָ וואָס וואַרפן זיך אים אין די אויגן אַריין מיט באַקאַנטשאַפט, צי זענען זיי פון די עלטערע, ס'הייסט פון זיין דור, צי זענען דאָס קינדער פון זיין דור.

און וואָס הערט זיך מיט „אים", מיטן נפטר אַליין, וואָלט ער אים דערקענט?... וואָס וואָלט ער נישט אָוועקגעגעבן, ער זאָל כאָטש איין קוק טון אויף אים, איינאונאיינציק מאָל... כאָטש בלויז צוליב דער איינציקער נייגעריקייט, וואָס ער איז אַזוי נייגעריק צו וויסן, צי וואָלט ער אים דערקענט, צי ניין?... אָ, וואָס פאַר אַ פראַגע! יענער שטייט אים פאַר די אויגן מיט דער שיינער, שוואַרצער באָרד (טאָמער איז זי פאַר דער צייט וויים געוואָרן — דאָס מאַכט נישט אויס). ער וואָלט אים זיכער דערקענט... און אפשר... ווער ווייס, אפשר האָט ער זיך דאָ די באָרד אַראָפּגענומען?... עס ווענדט זיך אָן דעם, ווילאַנג יענער איז שוין דאָ אין לאַנד, אויב ערשט נישט לאַנג, ס'הייסט אויב יענער איז דאָ אַראָפּגעקומען אין די לעצטע פאָר יאָר פון דער וועלט-בהלה, איז ער געבליבן ביי דער באָרד און אויב נישט...

ער איז נאָך פיל זאַכן גערן געווען צו וויסן. ער האָט אָבער מורא געהאַט איינצושטעלן ביי עמעצן עפּעס וואָס אַ פרעג טון, מ'זאָל אים נישט דערקענען, און דאָס האָט אים געמאַכט באַזונדערס איינזאַם זיך צו פילן, אַזוי איינזאַם ווי ס'קאָן זיך פילן איינער, וואָס געפינט זיך אין אַ קרייז פון באַקאַנטע און אייגענע, און קאָן נישט, איבער געוויסע אורזאַכן, פורש בשמו זיין.

אָפּגעשטאַנען אַ היבשע צייט אין ענגשאַפט, האָט ער זיך פון דאָרטן אַרויסגערוקט און זיך אָוועקגעשטעלט חוץ למחנה, ווי אַ זייטיקער און אַ פרעמדער, ווי צוליב נייגעריקייט בלויז, ווייל אַזויפיל מענטשן שטייען, שטייט ער אויך, ווי עס טוען עס פיל פרעמדע און זייטיקע מענטשן, און איינצייטיק האָט ער געפילט, אַז ער איז

דאָ גאָר אַ גרויסער „מחותּן" צו אָט דער „חתונה", אפשר מער מחותּן פון אַלע, וואָס זענען זיך דאָ אַהער צונויפגעקומען, און ער וואָלט באַדאַרפט ערגעץ דאָרטן טאַקע נאָענט, גאָר נאָענט נעבן בר-מנן שטיין און בעטן ביי אים מחילה... ער האָט עס אָבער ביי זיין בעסטן ווילן נישט געקאָנט טון, און האָט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געוואַרט, אַז צו דער לוויה זאָל וואָס גיכער קומען אַ סוף, ווייל ער האָט צו זיך אַליין קיין צוטרוי נישט געהאַט. ער האָט געשפּירט, אַז פון מינוט צו מינוט פאַרלירט ער אַלץ מער און מער די קאָנטראָל איבער זיך, אַז אָט וועט ער זיך אַריינרייסן צווישן עולם, און וועט זיך אַריינשפּאַרן אַהין, אין דעם שוואַרצן „היכל" אַריין, און ער וועט דאָרט פאַרן טויטן און פאַר די לעבעדיקע, וואָס געפינען זיך אַרום טויטן, זיך אַנטפּלעקן, אַז ער איז דער יעניקער, וואָס האָט...

מיט געדיכטער, מאַסיווער קאַנטיקער שוואַרצקייט האָט זיך ענדלעך דער אָרון באַוויזן... אַן אומרוהיקייט און אַ טיף שווייגנדיקער דרך-ארץ פאַרן טויט און פאַרן נפטר האָט אַלע פאַרזאַמלטע דורכגענומען... איין פרוי און אַ צווייטע האָט די אויגן געווישט שטיל און מיט דרך-ארץ, ווי די און יענע וואָלט געוואָלט באַווייזן, ווי טיף זיי אַכטן דעם פאַרשטאָרבענעם, אַז זיי, פרעמדע, קאָנען לאָזן אַ טרער... די שוואַרצע פאַרזאַמלונג האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט און איז געבליבן אויפן אָרט... זי האָט זיך אַ ריר געטון, כּדי דורכצולאָזן צווישן זיך דעם שוואַרצן אָרון, וואָס האָט, ווי פון זיך, זיך געגליטשט העכער פון אַקסלען און העכער פון קעפּ, ווי ער וואָלט זיך דערמיט אַריבערגעגליטשט פון איין עולם אין אַ צווייטן...

דער נסתּר, דער וואָס האָט געוואָלט בלייבן נסתּר, האָט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן זיך פון טרערן... אַזוי גלייך ווי דער אָרון האָט זיך באַוויזן, איז אַ קעלט דורכגעלאָפן דאָס גאַנצע קערפּערלעכע און גייסטיקע וועזן זיינס, און פון די אויגן פון זיינע האָבן זיך אַ גאָס געטון טרערן. ס'איז אָבער געווען אַזאַ מאָמענט, וואָס קיינער האָט עס נישט באַמערקט, און ער האָט שוין גראָד באַגערט, ס'זאָל יאָ פון עמעצן באַמערקט ווערן, און ס'זאָל כאָטש איינער פון די לאַנדסלייט, ווען ער וועט קומען אַהיים צו זיך, זיך דערמאָנען, אַז עפּעס איינער אַ פרעמדער, אַ זייטיקער מענטש האָט געגאָסן מיט טרערן, און ס'זאָל אים איינפאַלן, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער,

ווי דערזעלבער לייבקע, וואָס האָט צוריק מיט ניין און צוואַנציק יאָר געוואָלט אומברענגען אהרן-דודן מיטן גאַנצן הויזגעזינד.

די שוואַרצע מאַשין האָט אַ פייף געטון און זיך פון אָרט גע-רירט, און נאָך דער מאַשין האָבן זיך אַ ריר געטון פיל מאַשינעס אָנגעקעפּטע און אָנגעפּנימטע, און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער אומעט און דער טויט פון דעם חשובן אהרן דוד איז אַזוי פיל-קעפּיק און אַזוי פיל-פּנימדיק געוואָרן, אַז נישט נאָר פון דאָרטן, פון דעם טויטן קאַטאַפאַלק, ציט זיך אָט דער אומעט, נאָר אפילו פון די מאַשינעס, ווו עס זיצן לעבעדיקע מענטשן.

אָפּגעפאָרן אַ פּאָר בלאָק, האָט זיך די לוויה אָפּגעשטעלט נעבן דער שול, ווי דער נפטר פלעגט דאַוונען, און אויף די טרעפּ, וואָס פירן אין דער שול אַריין, האָט זיך באַוויזן אַ יונג חזנדל, מיט אַ באָרד אַ געשוירענער און נישט מיט אַ באָרד אַ גערעזירטער, און דאָס מיינט מיט אַ באָרד און אָן אַ באָרד, און האָט זיך פאַרנומען פון זיין הויכן שטאַנד צו מאַכן אַ „מלא״, און אַזוי גלייך האָט זיך פון דאָ און דאָרטן דערהערט אַ שטילער, האַרציקער יאָמער, און ווען דער חזן איז צוגעקומען צו די ווערטער „בעבור שנדבו נדבה בעד הזכרת נשמתו״, איז אויסגעוואַקסן נעבן אים דער גויישער פּנים פונם יידן... און אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך לעבן חזן באַוויזן, האָט ער אים עפּעס שטיל איינגערוימט אין אויער אַריין. דער חזן האָט זיך מיט דערשטוינונג אומגעקוקט און באַוואונדערט דעם מענטשן, און נישט געקאָנט גאָרנישט רעדן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט מפסיק זיין, און האָט אַ צעטומלטער זיך צוריק אומגעקערט צום „בעבור שנדבו״, און אויסגעשריען הויך אויף אַ קול:

„חמשה אַלפים דאָלאַר בעד הזכרת נשמתו״!

און אַזוי גלייך ווי דער חזן האָט עס אַרויסגערעדט, איז דער נדבן פאַרשוואונדן געוואָרן, חאַט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ „טעקסי״ און איז אַוועק. — — —

עלטער און יוגנט

ווען דער אַלטער מאיר וואָלף איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו דער אַרבעט, האָט ער דערזען די פענסטער פון זיין קעלער-וווינונג כמעט אַ העלפט פאַרשאָטן מיט שניי, און געמאַכט האָט עס אויף אים אַזאַ איינדרוק, גלייך נישט קיין שניי וואָלט אין שטוב אַריינגעקוקט, נאָר עפעס אַ פּאָר אומבאַקאַנטע מתים זענען פון ערגעץ, פון אַן אומבאַוווסטער ווייטער וועלט געקומען און זיך אַוועקגעזעצט מיט די ווייסע רוקנס אין די פענסטער...

און כאָטש אין שטוב איז נישט געווען קעלטער ווי נעכטן, איידער דער שניי איז אַרויסגעפאַלן, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז דער שניי אָטעמט אַריין אין די פענסטער אַ קאַלטן אָטעם.

אין שטוב איז פינסטער געווען, און שווער איז געווען צו אָריענטירן זיך, צי מאַכט דער שניי פינסטערער, צי ליכטיקער: עפעס אי דאָס, אי יענס, אָדער ביידע נישט... די פינסטערניש אין שטוב און די ווייסקייט אין דרויסן האָבן צווישן זיך ווי אַ שטילן אָפּמאַך געשלאָסן: נישט שטערן איינס דאָס אַנדערע... דער שניי איז ווי אַ טעמפּע אויסגעלאָשענע ליכטיקייט איבערן הויף געלעגן צעשפּרייט, עפעס ווי אַ ווייסער אָפּזעץ פון דער שוואַרצער נאַכט, אָדער אַ געשטאָרבענער טאָג...

דער אַלטער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, האָט אַן אומעטיקן קוק געוואָרפן אויף דער גרויסער מאַשין, וועלכע איז דאָרט נעבן דער פענסטער-וואַנט געשטאַנען, האָט אויף דער וואַרעמער שוואַרצער

פּליטע אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך און אָנגעצונדן דאָס בּלעכענע לעמפּל מיטן פאַררויכערטן גלעזל, נאָכהער זיך אָפּגעגאָסן נעגל-וואַסער און אויף אַן אומעטיק שטיל קול אָנגעהויבן דאַוונען פון פאָרנט.

ווען דער אַלטער האָט זיך אָוועקגעזעצט בּיי דער מאַשין, האָט ער גלייך בּאַמערקט, ווי אין די אונטערשטע צוויי שויבן, וועלכע זענען געווען מיט שניי פאַרשאָטן, אַן אומדייטלעכע פיגור, אַ פיגור, וואָס, אַלס אָפּשפּיגלונג פון אים, האָט זי בּאַדאַרפט האָבן עפּעס ענלעכס פון אים (און נישט ענלעך איז זי געווען דערפאַר, וואָס דאָרטן, אין ווייסן שפּיגל, איז די ווייסע בּאָרד זיינע נישט געווען צו בּאַמערקן). דייטלעך האָט זיך נאָר אָנגעזען דאָס שוואַרצע לייבל און דאָס שוואַרצע היטל אויפן קאָפּ; דאָס פּנים אַליין איז עפּעס געווען שיטער, עפּעס איז דאָס ענלעך געווען אויף אַ שטיק נעפּל, און אויף דער נעפּלדיקער קוים בּאַמערקנדיקער נאָז האָבן געגלאַנצט אַ פּאָר בּריל.

דער אַלטער האָט געליטן אויף אַ מאָדנער קרענק: ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שפּיגל. אויף דער קרענק האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן פון פּאָגראָם אָן, ווען ער איז פּלוצלונג, פון גרויסע צרות, וואָס מ׳האָט געהרגעט פאַר איינמאָל דאָס ווייב זיינס, אַ זון און דעם אַלטן טאַטן זיינעם — גרוי געוואָרן, און דערזעענדיק זיך אין שפּיגל, האָט זיך בּיי אים עפּעס אַזוי ווי אַ ריר געטון דער מות, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דאָס איז נישט ער... ער איז אינגאַנצן ענלעך געוואָרן מיט דער ווייסער בּאָרד אויפן געהרגעטן טאַטן. און עפּעס דרייט זיך בּיי אים אין קאָפּ בּיז היינטיקן טאָג אַ פּלאָנטעריש, אַז דער פאָטער איז נישט געהרגעט געוואָרן, נאָר האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים... האָט זיך בּאַהאַלטן אָדער איז מגולגל געוואָרן... ווייסט ער נישט, צי איז ער דער טאַטע, אָדער דעם טאַטנס זון... גיכער דער טאַטע, אָדער גאָר בּיידע צוזאַמען, — און געהרגעט האָט מען וועמען?...

דער אַלטער איז אומרויִק געזעסן בּיי דער אַרבּעט, פּילנדיק, ווי אַנטקעגן בּאַוועגט זיך עפּעס אַן אומבּאַקאַנטע האַלבּע פיגור, וועלכע מאַכט נאָך אַלע בּאַוועגונגען זיינע... אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער „נאָכמאַכער” איז צוזאַמען מיטן שניי ערגעץ פון אַ ווייטער ווייסער וועלט געקומען, פון אַ ווייס-טויטער וועלט, און קוקט אַריין צו אים, צום „ווייסן”, און רופט אים ערגעץ...

דער אַלטער האָט זיך אפילו געוווּנדערט, פאַרוואָס ער זעט זיך דאָרטן אָן אַ באָרד: ער האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן שפּיגלט זיך אָפּ זיין פיגור. פאַרוואָס־זשע אָן אַ באָרד? פאַרוואָס? — און געדאַכט האָט זיך דעם אַלטן, אַז צו אים איז די יוגנט צו חלום געקומען, און צוזאַמען מיטן שניי, עפּעס ווי אין אַ זויבער־ווייסער עלטער איינגעהילט, פון די הויכע הימלען אַראָפּגעפאַלן... ער האָט פון צייט צו צייט אַהין אַ קוק געוואָרפן, נאָר דאָ האָט ער עפּעס נישט געפילט די מורא ווי אַמאָל, ווען ער דערזעט זיך אין שפּיגל... דאָ האָט ער דאָך זיין יוגנט געזען. פון איין קוק צום אַנדערן איז די מורא אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן, און ער האָט זיך אויפגעהערט אָנגעהויבן איינקוקן אין דער נעפּלדיקער פיגור און איז דערשטוינט געבליבן: ס׳איז דאָך גאָר זיין זון, זיין געהרגעטער זון. נאָר אַ וווּנדער: אין טאַטנס לייבל גייט ער... יאָ. דאָס איז דער זון זיינער. פונקט ווי ער אַליין, ווי דער טאַטע איז אַמאָל אין דער יוגנט געווען; און ער אַליין — ער זעט אויס, ווי דער זיידע, און אַלע דריי צוזאַמען זענען עפּעס ווי איינער, געוואַלדיק ענלעך איינס אויף דאָס צווייטע, און אַלע דריי לעבן עפּעס ווי אין אים איינעם, אָדער ער אַליין אין זיי ביידן... ער האָט אויך איצט געוווּסט, אַז דער זון שטייט דאָ נישט אַנטקעגן, נאָר אַ חידוש איז דאָך, וואָס דאָ זיצט דער טאַטע, און דאָרטן שפּיגלט זיך אָפּ דער זון...

אויף דעם אַלטן איז אַן אומעט אָנגעפאַלן. ער האָט לענגער נישט געקאָנט בלייבן זיצן ביי דער אַרבעט. דערצו איז נאָך אַזוי קאַלט דאָ אין קיך. ביי דער שוועל פון דער טיר, וואָס עפנט זיך אין דרויסן אַרויס, ליגט אַ ווייסער פּאַס שניי, וואָס וואַרפט אָן עפּעס אַ מין טרויער דאָ אין דער שוואַרצער, קויטיקער קיך, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס פּאַסיקל שניי ברענגט אָן די גאַנצע קעלט אין שטוב.

אויפהויבנדיק זיך פון בענקל, האָט ער באַמערקט, ווי דאָרטן, אין אָפּשפּיגל, איז דער קאָפּ, וועגן וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן קיין פעסטע מיינונג, צי ער איז זיינער, דעם זונס, אָדער דעם פאָטערס, — פאַרשווונדן געוואָרן. געבליבן איז נאָר דאָס שוואַרצע לייבל, אָנהויבנדיק פון די אַקסל ביז צום הינטערשטן טייל קערפּער... דער קאָפּ איז פאַרשווונדן געוואָרן, האָט זיך מיט אַ וווּנדערלעכער לייכטקייט פון קערפּער אָפּגעטיילט, און ווער ווייס, פאַרוואָס דעם אַלטן איז פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט מען אים אָנגע-

זויזן, אַז ער דאַרף שטאַרבן... און ווונדערלעך: ער האָט זיך דווקא פאַר דעם געדאַנק נישט דערשראָקן. ער האָט עס געפונען פאַר גאַנץ באַטירלעך, און דאָס, וואָס אים איז פריער איינגעפאַלן זיך צוריקצולייגן אין בעט אַריין, האָט זיך אים איצט געדאַכט, האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיטן איצטיקן אָנווייז, ווייל ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, ער זאָל אויפשטיין און זיך וועלן צוריק לייגן.

ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט אומבאַוועגלעך, פאַמעלעכקע איז ער אַריין אין פינסטערן צימער, פונוואַנען ער איז צוריק מיט אַ האַלבער שעה געקומען, איז שטיל צוגעקראָכן צו זיין בעט, אַראָפגעוואָרפן די שטיוו׳, מיטן גראָבן לייבל און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנץ פרי, ווען גיטל, דעם אַלטנס טאָכטער, האָט זיך אויפגעכאַפט און דערזען דעם ווייסן שניי ביי די פענסטער, האָט עפעס אַן אומבאַוווסטע פרייד דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזן אירס. זי האָט גאָר פאַרגעסן אָן דער גאַנצער אָרעמקייט און גאָר איגגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָך נישט קיין וואַרעם מלבוש אויף ווינטער... אַ צאַרט שמייכעלע האָט זיך אויף אירע בלאַסע ליפן צעלייגט, ווען זי איז צוגעשפרונגען אַ נאַקעטע צום פענסטער... אוי, ווי שיין אין הויף איז! און די דעכער — איין שטיק ווייסקייט. אַ יום-טוב אין דרויסן. און אָט שטייען שוין אַנטקעגן אַ פאָר יינגלעך און מאַכן אַ מענטש פון שניי, און זי איז אַזוי מקנא, וואָלט זי נישט געווען קיין גרויסע מויד, אָדער וואָלט זי נישט געווען דעם אָרעמען שניידערס אַ טאָכטער, וואָלט זי אַרויסגעלאָפן זיי העלפן.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער שכן, וואָס האָט זיך ערשט נעכטן צו זיי אַריינגעצויגן, האָט זיך געבעטן אויפוועקן, ווייל ער קאָן, אַזוי ווי ער שלאָפט אויף אַ ניי געלעגער, פאַרשפעטיקן צו דער אַרבעט. זי האָט מיט אַ פריילעך אומרוהיק האַרץ אָנגעקלאַפט אין טיר, אויף וואָס ס'האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט אַ שטילער אויסרוף: „אַ—אַ״, און גיטעלע האָט געשווינד אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַן אונטערשט קליידל מיט אַ בלוזקעלע, האָט דערביי פאַרוווּנדערט געקוקט אויפן פאָטער, וועלכער איז נאָך אַזוי שפעט געשלאָפן, און איז אַריינגעלאָפן אין קיך אַריין, דאָרטן אַ ביסל צורוימען, איידער

דער יונגערמאַן, וועלכן זי האָט נאָך רעכט נישט געקענט, וועט אַריינקומען זיך וואַשן.

דאָס ערשטע האָט זי גענומען אויסוואַשן די שוואַרצע פאַרב פון דער פאָדלאָגע, וואָס איז אָנגערונען פון די אויסגעפּאַרבטע מלבושים, וועלכע זענען דאָ אין קיך אויף שטריקלעך געהאָנגען, און ווען די אַרבעט האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, איז דער יונגערמאַנטשיק אַריינגעקומען, — אַ יונג, פריש בחורל פון עטלעכע און צוואָנציק יאָר. ביידע האָבן זיך אָן אַ שום סבה צעשמייכלט, און דער יונגערמאַנטשיק האָט אַ פרעג געגעבן:

— זענט איר שוין געווען אינדרויסן?

זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און לעבעדיק געענטפערט:

— אַ גוואַלד, וואָס פאַר אַ שניי!

ביידע זענען אַ פּאָר מינוט געשטאַנען. ער — פאַרלייגט ביידע הענט אויף דער ברוסט; זי — מיט אַ שוואַרצער שמאַטע אין האַנט, און געקוקט מיט צופרידענע שמייכעלעך אויף די פנימער אין דרויסן אַרויס. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— מ'מוז שוין אַוודאי פאָרן אויף שליטלעך! —

און זי האָט פון זיך צוגעגעבן:

— געוויס!...

— אַ שאָד, וואָס היינט איז נישט שבת! — האָט דער יונגערמאַנטשיק באַדויערט, און גיטל האָט דאָס אויך גלייך פאַרשטאַנען און באַמערקט:

— אין אַזאַ שניי איז גוט צו שפּאַצירן.

דער יונגערמאַנטשיק האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— אויב ס'איז נאָר דאָ מיט וועמען...

גיטל האָט אין די ווערטער און אויך אין דעם שמייכלענדיקן קוק, וואָס ער האָט אויף איר געוואָרפן, פאַרשטאַנען, אַז מיטן „מיט וועמען" מיינט ער זי, און זי האָט מיט אַ באַהאַלטענער צופרידנקייט אָפּגעווענדט די אויגן אָן אַ זייט.

באַלד נאָך זיין אַוועקגיין, איז זי אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער און גענומען פאַרבעטן דאָס בעט. און געטון האָט זי די אַרבעט מיט גרויס חשק... עפּעס איז איר אנגענעם געווען זיך צו פּאָרען מיט

דעם געלעגער, פון וועלכן ס'האָט זיך געשפּירט אַ פרישער מאַנסבילשער ריח, און אָפּטועענדיק די אַרבעט, איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע און באַטראַכט דאָס צימער, ווי זי וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געזען, און האָט באַקומען אַ גוואַלטיקן חשק דאָס שײַן אויסצופּוצן... נישט פאַר אים, נאָר... זי האָט זיך אין דעם קײן רעכענונג נישט געקאָנט אָפּגעבן... עפּעס האָט זיך איר געגלוסט פאַרמײדלשן דאָס צימער, אָנהויכן דאָ איר אָטעם, צוזאַמענמישן אים מיטן מאַנסבילשן ריח, וואָס האָט זיך דאָ געפילט... איר האָט זיך געגלוסט דאָ אויף די ווענט און אין דער לופט עפּעס אַוועקגעבן אַ טײל פון זיך, אַ טײל פון איר מײדלשן גײַסט...

ווען דאָס צימער איז געוואָרן רײן צוגערוימט, איז זי אַן אומרויִקע צוגעגאַנגען צום פאָטער און אים אויפגעוועקט. און ווען דער אַלטער האָט צעעפנט די אויגן, האָט זי מיט אַ צערטלעך קול געזאָגט:

— טאַטע, שטײ אויף, ס'איז שוין אַזוי שפּעט!

נאָר דער אַלטער, אַ קוק־געבנדיק אויפן צויבער־ווײַסן שנײ, האָט גאָרנישט געקלערט אויפצושטײן, און פּונקט ווי דער שנײ איז דאָרטן אינדרויסן געלעגן צעשפּרײט, אַזוי האָט זיך בײַ אים צעשפּרײט אין האַרצן עפּעס אַ מין ווײַסער שרעקלעכער אומעט, גלײַך ווי אַ וועלט מיט מתים וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן און באַדעקט די ערד מיט ווײַסע תּכריכים...

— איך האָב עפּעס קײן כּח נישט... — האָט ער אין אַ פּאָר מינוט אַרום געענטפערט.

— טאַטע, גיב נאָר אַ קוק אינדרויסן! — האָט די טאָכטער געמײנט אויפצומונטערן דעם אַלטן.

— וואָס אינדרויסן?... — האָט ער מיט אַ צעמישטן קוק געפרעגט.

— זע נאָר ס'ווײַסקײט!

ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף איר צוויי טעמפּע אויגן, נאָר גיטל האָט זײ נישט באַמערקט. זי האָט געקוקט אינדרויסן, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אין אַ ווײַסן שלײער אײַנגעהילט, פּונקט ווי אַ כּלה צו דער חופּה, און דאָס האַרץ איז עפּעס אַזוי פרײלעך געווען, אַזוי פרײלעך, אַז ס'איז איר, דאַכט זיך, נאָך קײנמאָל אַזוי גוט נישט געווען... עפּעס אַן אומדײַטלעכע

האָפענונג האָט אָנגעפולט די נשמה אירע... עפעס האָט עס איר געצויגן, געשלעפט אין אַן אומבאַוווסטער ווייסער ווייטקייט... פריילעכע, נעפלדיקע געדאַנקען האָבן זיך, ווי הינדעלעך, אויסגעוואַרעמטע אונטער דער הון, גערויעט און געשטופט... דאָס האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפט, ווי געוויינלעך, און דאָס בלוט האָט זיך מיט אַ לייכטער זיסער וואַרעמקייט געשפּאַצירט, האָט זיך פון צייט צו צייט אין פנים באַוויזן, באַפאַרבנדיק אירע בלייכע בעקלעך...

– טאַטע! – האָט זי געזאָגט אין אַ פּאָר מינוט אַרום — זע נאָר דעם מענטש, וואָס מ׳האָט געמאַכט פון שניי.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, זי זאָל אים לאָזן צורו, און גיטל האָט געכאַפּט אויף זיך אַ שאַל, איז אַרויס אינדרויסן, האָט זיך אַרומגעוואַשן דאָס פּנים מיט דעם פרישן אויסגעפאַלענעם שניי, און דערביי געטראַכט פונם שכן, וועלכער האָט זיך נעכטן צו זיי אַריינגעצויגן...

– –

אויף זיין אָרט

אַ נידעריק קוויטיק יידל מיט אַ קליין בערדל. אַ ברייטער שטערן און אַ שמאָלע שפּיציקע געמבע. אויגן שאַרפע און טיף טרוי־עריקע. אויערן גרויסע, אָפּגעשטאַנענע, און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט אַן אויסזען פון אַ בייזן קלוגן הונט, וואָס בילט קיינמאָל נישט און ווי אַזעלכער, וואָס קאָן אונטערלויפן בגנבה און געבן אַ ביס פון הינטנאַרום.

זומער און ווינטער, אינדרויסן צי אין שטוב גייט ער תמיד אָנגעטון דעם גראָבן פּאַלטאָ זיינעם, וועלכער גרייכט אים ביז די קני. די פּאָלעס, הינטן, שטייען קיילעכדיק אָפּ, און וואָס איז דאָרט נישטאָ אין די פּאָלעס! אַלץ וואָס אַ מענטש ברויכט: ברעקלעך פון ברויט, טשוועקלעך, שטריקלעך און שטיקלעך ציגאַר. ער לאָזט אַמאָל אַראָפּ די הענט אַהינצו, ווען אים פעלט אויס צו רויכערן, און שלעפּט אַרויס עטלעכע שטיקלעך און פאַררויכערט איינס אָן דאָס אַנדערע.

דאָס ווייבל זיינס, קליינוווקסיק אַזויווי ער, דאָס פּנים קיילעכ־דיק ווי אַ ברוקווע, און מיט גרויסע תמעוואַטע שעפּסענע אויגן, פילט אַלעמאָל צום מאַן עפּעס אַ באַהאַלטענע מורא, קוקט אויף אים מיט אַ טעמפּן בליק און מיט אַן אויסדרוק פון וועלן וויסן, וואָס איז ער פאַר אַ פאַרשוין דער מאַן אירער. אַז ער איז מיט עפּעס נישט אַזוי ווי אַלע מענטשן, דאָס האָט זי אַלעמאָל געשפּירט, אָבער נישט גע־קאָנט באַנעמען, אין וואָס דער עפּעס אַנדערש באַשטייט. זיי האָבן זיך

קיינמאָל נישט געקריגט, און דאָך תמיד זיך אַרומגעדרייט ווי ברוגזע אין שטוב, אָדער גאָר ווי צוויי פרעמדע.

די וווינונג זייערע באַשטייט פון איין שטיבל מיט אַ קיך. דאָס שטיבל איז קליין, פירעקעדיק, מיט איינעם אַ גרויסן פענסטער — דריי שויבן אינדערברייט, און דאָך איז אין שטיבל פינסטער, ווייל אַנטקעגן, צען טרשין אַנדערטהאַלבן, שטייט אַ הויכע געמויערטע „פייערוואַנט".

דריי יאָר נאָך זייער חתונה איז ביי זיי אַ קינד געבוירן געוואָרן. נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע האָבן זיך שטאַרק געפרייט. דוכט זיך, עס וואָלט זיי ביידן נישט געאַרט, אַז עס וואָלט נישט געקומען אויף דער וועלט. ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן אַ פּאָר וואָכן, האָט די מאַמע דערזען, אַז עס איז אינגאַנצן אין טאַטן געראָטן. זי האָט עס אים געוויזן, מיינענדיק, אַז אים וועט עס הנאה טון. נאָר פּונקט פאַרקערט: זיין אומעטיק פּנים איז נאָך טרויעריקער געוואָרן; ער האָט אַ קוק געגעבן אויפן קינד און האָט זיך אָפּגעדרייט. און ווען די מאַמע פונם קינד האָט געהייסן דעם טאַטן עס אַ קוש געבן, האָט ער אויף איר אַ שטרענגן קוק געטון, האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגעשפּיגן...

און וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ בולטער און בולטער באַוויזן, אַז דאָס קינד איז אינגאַנצן דער פאָטער: דיזעלבע אויגן, די גרויסע אָפּגעשטאַנענע אויערן און די שמאָלע הינטישע גאָמבע. און וואָס די ענלעכקייט איז בולטער געוואָרן, אַלצמער פיינט האָט ער דאָס קינד געקריגן, זעענדיק אין דער ענלעכקייט זיין אייגענעם פּרצוף, וועלכן ער האָט אַזוי פיינט געהאַט, און געהאַט אַזאַ פאָרשטעלונג, ווי דאָס וואָלט עפּעס אַ שפּיצל געווען, אַ שפּיצל פון דעם פינסטערן מזל פון זיינעם — איז דאָס אים צוגעשיקט געוואָרן אַ קינד, וואָס זעט אויס פּונקט אַזוי ווי ער.

אין זיינע אויגן איז דאָס קינד געווען אַ נאָכקרימעניש פון אים. עס איז געבאָרן געוואָרן אויף דער וועלט, כּדי חוזק צו מאַכן פון אים. זיין פינסטער מזל האָט עס אים אָפּגעטון. דעם קליינעם מענטשעלע האָט נאָר געפעלט אַ באָרד מיט וואָנסן, וואָלט ער שוין געווען אינגאַנצן „ער", און ווען ער האָט דערפון אַ טראַכט געטון, איז אים אַ שוידער איבערגעגאַנגען איבערן גאַנצן קערפּער.

שפּעטער האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן וועבן אַ געדאַנק, אַז

צוויי איינע און דיזעלביקע מענטשן קאָנען און טאָרן אין איין שטוב נישט זיין. צוויי איינע און דיזעלבע נעמען, ווייסט ער, שאַדט אויך אין אַ שטוב. און אים איז איינגעפאַלן, אַז ער מוז שטאַרבן, — בלייבן וועט דאָס קינד... דאָס האָט מען אים אומישנע אַזאַ קינד צוגעשיקט, עס זאָל בלייבן אויף זיין אָרט. איינער אַזעלכער, אַזוי ווי ער, מוז זיין אויף דער וועלט, נאָר באַין אופן נישט — צוויי...

ער האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו האַסן. ער האָט געזען ווי וויט מעגלעך וואָס ווינציקער אין שטוב צו זיין.

* *
*

אין שטיבל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען אין דרויסן איז שוין לאַנג גרויסער טאָג געווען. פויל און פאַמעלעך האָט זיך דער גרויער ווינטער־טאָג פון דער הויכער „פייער־וואַנט" געגליטשט. אין שטיבל האָט אַלץ אויסגעזען אומעטיק, פאַרזאָרגט און איינגעהילט אין אַ גרויער טונקלקייט.

פון ערגעץ־ווו האָט זיך די קאַץ אינמיטן שטוב באַוויזן. אַ שוואַרצע קאַץ מיט העלע פלעקן, מיט שטילע קעצישע טריט. צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט זי זיך פאַמעלעך אונטערן טיש געלאָזט, און דאָרט האָט זי אָנגעהויבן צו שמעקן, און נישט אפּגעבנדיק גאָרנישט, איז זי פון אונטערן טיש אַפער, האָט אַ קוק געכאַפּט אויף די דריי קעפּ אין די בעטן, האָט אַ ברייטן גענעץ געטון, באַווייזנדיק די שיטערע, שפּיציקע ציין. נאָכדעם האָט זי געגעבן אַ ציִ אויס די פּאָדערשטע לאַפּעס מיט אַרויסגעלאָזטע נעגל, האָט זיך אויסגעהאָרבעט ווי אַ קעמל, און נאָכדעם אַ שטילן, גלאַנצנדיקן קוק איבער דער שטוב געוואָרפן, און איז זיך צוריק אויף איר אָרט אַוועק.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. די מוטער האָט עס באַלד דערהערט, און מיט אַ פאַרשלאָפענעם ש־ש־ש און מיט אַ קוש אין בעקל האָט זי עס איינגעשטילט. דעם פאָטער האָט דער קוש עפּעס ווי אויפגערייצט. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געקושט, און אים אויך קיינער נישט. אפשר ווען ער איז נאָך גאָר אַ פּיצעלע געווען, האָט אים די מאַמע געקושט. ער געדענקט זי נישט. דעם פאָטער — אַוודאי נישט. די מוטער האָט מיט אים געטראָגן, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן. מסתמא האָט דער פאָטער אויך אַזאַ פּנים

געהאַט, ווי ער. פרעמדע מענטשן האָבן אים אויסגעהאָדעוועט. ערגעץ אינעווייניק האָט זיך ביי אים אַ קנאה צום קינד דערוועקט. ער האָט געוואָלט, עמעצער זאָל אים אויך אַ קוש געבן. אַ קלעמענדיקער ווייטאָג האָט זיין האַרץ אַרומגענומען, ער האָט אַ גרויען אומעטיקן קוק אין שטוב געוואָרפן און אויפן טיש, און האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב איז קיין פיצל ברויט נישטאָ, קיין קלעצל צוקער, קיין ברעקל האָלץ — קאַלט! ער דאַרף אַרויסגיין אין גאַס אַ ניכטערער, אַרומדרייען זיך ביז שפעט אין דער נאַכט אויפן וואָקזאַל, פאַקן אַ פאַסאַזשיר, כאַפן ביי אים דאָס פעקל און פאַר עטלעכע קאָפּיקעס טראָגן ווער ווייסט וווהין. עס טרעפט, אַז ער האָט דאָס אויך נישט...

ער האָט זיך אָנגעטון, אפילו זיך נישט אַרומגעוואַשן, און זיך געלאָזט צו דער טיר. נאָר ער איז פלוצלינג שטיין געבליבן, ווי עפּעס געהיימס, שרעקנדיקס וואָלט אים פאַרהאַלטן. ער איז געשטאַנען אַ מינוט צייט, האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געקוקט אויף די צוויי קעפּ אין בעט, איז ענדלעך אויטאָמאַטיש צו זיי צוגעגאַנגען, האָט זיי ביידע צו קושן געגעבן, און איז פון שטוב אַרויס...

שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה האָט מען אים אַהיים געבראַכט אויף צווייען אַן איבערגעשניטענעם.

אין די בערג

דאָס באָרדינג-הויז „סאָן-שיין” איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט בערג, מיט בערג נאָענטע און ווייטע און מיט ביימער, נאָענט און ווייט אַרום זיך. דאָס באָרדינג-הויז געפינט זיך אין אַ טאָל, און אין טאָל אַליין געפינען זיך ערטער נידעריקע און ערטער העכערע; שטייט עס אויף אַ העכערן אָרט, און צוצוקומען צו דעם דאַרף מען אַרויפגיין אויף אַ צען טרעפּלעך, וואָס זענען איינגעטרעפּלט אין הויכן פאַרנעם פון העכערקייט, פון הינטן, פונם שליאַך, וואָס ליגט אַנט-קעגן פראָנט פון דעם הויז, און ציט זיך אויך האַרט און שטויביק אויף רעכטס און אויף לינקס.

דאָ, אַרום באָרדינג-הויז, איז אַלץ קולטיווירט. דער פּאָרטש איז באַוואקסן און באַהאנגען מיט בלומען. אין כראָנט און ביי די זייטן קוסטעס—דין-שטעקלדיקע ביימלעך, וואָס בליען אין פאַרשיידענע פאַרבן. דאָס גראָז איז געשוירן; וואַקסט — און וואַקסט קיינמאָל נישט אויס; און ווייטער אַ ביסל פון הויז, איבערן גאַנצן פאַרנעם פון פלאַץ, וואָס געהערט צו די אייגנטימער פון „סאָן-שיין”, שטייען צעוואָרפן פרוכטן-ביימער, אייניקע פון זיי מיט געהאַקטע צווייגן, אָן וואָס ס׳איז קענטיק די השגחה פון אַ מענטשן-אויג און פון אַ מענטשן-האַנט; און ווייטער, ביי אַ הונדערט פוס פון דעם הויז, הויבט זיך שוין אָן צו באַווייזן די ווילדקייט: דאָ אַ בוים, דאָרט אַ בוים, ברייט צעוואָרפן מיט ביימער-צווייגן, וואָס פאַרנעמען אַ גרויסן פאַרנעם אין דעם לופט-רוים, און הינטן, הינטער שאָטנס פון ביימער, זיצן און דרעמלען

זייער האַרטן אייביקן דרעמל שטיינער, דאָ אַ קליינער, דאָרט אַ גרויסער, און דאָרטן נאָך אַ גרעסערער, אָבער אַלע ווי איין משפּחה׳ אַ שטיינערדיקע משפּחה; און וואָס ווייטער אין איין זייט, און וואָס ווייטער אין אַ צווייטער, ווערט די ווילדקייט געדיכטער, געדיכטער מיט ביימער, געדיכטער מיט שטיינער אויף באַרגיקער הויפקייט, און ערטערווייז זעט מען גאָר כמעט ווי קיין ביימער נישט אַרויס, נאָר אַ גרין ווילד וואַלדיק געדיכטע באַוואַקסנקייט, באַוואַקסן און זיך אַליין אַרומגעוואַקסן מיט בלעטער און גרינס, און דורכגעוואָרצלט, דורכגעאָדערט דעם גאַנצן פאַרנעם פון באַרג און ערד. עפּעס אַזוי ווי אין פאַרגליווערטער קאָנוווּלסיע שטעקן אַרויס פאַרדרייטע וואָרצלען, ווי קני... וואָרצלען צוזאַמען מיט צווייגן און בלעטער, און ס׳דאַכט זיך, אַז אַלץ וואַקסט אין דער ערד אַריין... אין שטילן און אין גרינעם משוגעת פון ווילד וואַקסן, אין האַרטנעקיקן שטילן קאַמף, וואָס איין וואָרצל פירט מיטן צווייטן פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר עפּעס, וואָס האָט איבער זיך פון אויבן, און עס ווייסט נישט וואָס, וואָס זיצן דאָרטן ווער ווייסט וויפל צענדליקער טויזנטער יאָרן, און שיטן זיך און ברעקלען זיך שוין פון אַלטקייט, און פאַרשטיינערן מיט שטיקלעך שטיין, מיט האַרטקייט און שפּיציקייט, באַרג, ערד און טרוקענע בלעטער און צווייגן. אָן די שטיינער, וואָס שיטן זיך און ברעקלען זיך, דערקענט מען, אַז די וועלט איז שוין זייער, זייער אַלט... טונקל־גרוי זענען די שטיינער פון ערדיקן יסוד, האַרט געוואַקסן, זין פון דער ערד מיטן זעלבן קאָליר, וואָס די מאַמע, און אָפּגעלעבט אַ לאַנג לעבן, קערן זיי זיך אום צוריק צו דער ערד, אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל, אַ פלאַסט נאָך אַ פלאַסט.

צווישן די קעשענעס פון די בערג נעצן זיך נעצלעך אָן וואַסער, נעצט עס און מען ווייסט נישט, ווו דאָס נעצל הויבט זיך אָן און ווו עס ענדיקט זיך, תמיד בלאָטיק און קיינמאָל נישט וואַסערדיק, עפּעס ווי אַ שטענדיקע ווונד, וואָס פאַסעוועט ווייך און בלאָטיק בערג אַדורך. און ווידער פאַראַן שמאָלינקע, גיך־גיך לויפנדיקע ריטשקעלעך, ווי אין שליחות פון הויך אַראָפּ צו דער נידעריקייט צו וואַסער־שטענגעלעך, און גאָר אונטן, צווישן בערג און צווישן טאָל, שורשעט און מורמלט טאָג און נאַכט און אייביק מיט לויפעניש און איילעניש אַ טייכלדיק וואַסערל. עס לויפט מיט אימפּעט און האָרבעט זיך פון שטיינדלעך און גרעסערע שטיינער, וואָס ליגן דעם אין וועג. דאָס

וואַסערל לויפט, דאָס וואַסערל יאָגט, און ס'שטייט אויף איין אָרט, ס'שלענגלט זיך מיט לויפעניש און אײַלעניש צווישן שטיינער און אויף שטיינער, עס רייבט זיך ביי שטאַמען פון ביימער, און ס'שווענקט דין-שטעקלדיקע ווילדע געוויקסן, און זיי באַוועגן זיך און שאָקלען זיך אָן אויפהער פון לויפנדיק וואַסערל.

אין פאַרשיידענע צייטן פון זומער, ווען פאַרשיידענע געוויקסן וואַקסן און בליען און שטאַרבן איינצייטיק איינס לעבן דאָס אַנדערע, און פונקט ווי יעדעס געוויקס בליט מיט זיין פאַרב, אַזוי שטאַרבט זיך יעדעס געוויקס מיט אַ באַזונדער פאַרב, יעדעס געוויקס מיט פאַרשיידענע בלעטער און קאָלירן, פון וואַקסן, פון בליען און פון שטאַרבן, און דאָס טייכל ווערט באַשאָטן מיט בליעכץ, מיט בלעטער און פאַרבן, און ס'לויפט און ס'טראָגט זיך אַ געבלעטערט, אַ געבלומט, געפאַרבט אין פאַרשיידענע קאָלירן, ווי אַ פיל-פאַרביק צינגל, אַ פיל-שפּראַכיקס פון דער שטומער און רייכער נאַטור, אַ שטילע, שווייגענדיקע שורה פון רייכער אייביקייט און פון אייביקער רייכקייט, פון אַ שיינער וועלט, פון אַן אייביקער וועלט, וואָס האָט זיך דיסהאַרמאָניש און האַרמאָניש צונויפגעגאָסן, אַ וועלט פון בערג, אַ וועלט פון שטיינער, אַ וועלט פון ביימער, גריינס און בלומען, מיט נעצעלעך, ריטשקע-לעך און טייכעלעך, וואָס נעצט, פליסט, רינט אין שטראָמען דאָ און דאָרטן, ווו מ'זעט און ווו מ'זעט נישט.

אידיאָט

פון ווייט האָב איך אָפּגענומען אַ גרוס: ציפּקע האָט חתונה געהאַט, גענומען זייער אַ פיינעם יונגענמאַן און סלעבט זיך איר זייער גוט.

— טאַקע? — האָב איך מיט אַ „ויחד"־געפילגעפרעגט — און וואָס איז דער יונגערמאַן?

דער, וואָס האָט עס מיר דערציילט, איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, האָט אויך געקענט ציפּקען און געוווסט, אַז זי איז מיידלווייז געווען אין מיר פאַרליבט, און אַז איך האָב זי קאַלטבלוטיק אָפּגעשטויסן פון זיך, און ער, נישט זייענדיק גלייכגילטיק צו ציפּקען, האָט מיך געאייפערט צו איר און איז קאָנטיק געווען צופרידן, וואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן און נישט פאַר מיר. און מערקווירדיק: עפּעס האָב איך זיך טאַקע געפילט, ווי באַליידיקט.

אים אָבער האָב איך עפּעס אַנדערש געזאָגט:

— אָ, איך בין זייער צופרידן... אַז איר וועט זי זען, זאָלט איר איר איבערגעבן אַ הערצלעכן מזל־טוב.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך עס שוין געהערט פאַר אים, און כ'לעבן, איך וויים נישט, נאָך וואָס האָב איך אים געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך הער עס דאָס ערשטע מאָל...

אין אַ יאָר צוויי אַרום נאָך ציפּקעס חתונה, בין איך צופעליק אַראָפּגעפאַלן אין דער שטאָט, וווּ ציפּקע האָט זיך נאָך דער חתונה

באַזעצט, און דער ערשטער געדאַנק מײַנער איז געווען: איר מאַכן אַ וויזיט.

איך האָב מיך אויסגעפּוצט, און כאָטש איך בין געגאַנגען צו איר אָן אַ באַשטימטן ציל, האָב איך דאָך נישט געוואָלט טרעפן דעם מאַן אירן אין שטוב.

איך בין שטיין געבליבן בײַ אַ צווייַ גאָרנדיק מויערל מיט צע־פראַלטע פענסטער, געדיכט באַהאָנגענע מיט פאָרהאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דאָרט פאַרשאַרט אַ פאָרהאַנג, און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ מאַנסבילשער קאָפּ מיט אַ פאַפּיראָס אין מויל. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער, ציפּקעס מאַן, און בין אַ ווײַלע געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט, צי זאָל איך פרעגן בײַ אים, ווו ס׳וווינט ליבער־מאַן, דאָס הייסט, אויף אים אַליין, אָדער איך זאָל גאָר אינגאַנצן אָפּציען...

— ווו וווינט דאָ הער ליבערמאַן?

ער האָט מיר אַ ווייַז געטון אויפן אויבערשטן גאָרן, און איך האָב אים האַרציק באַדאַנקט, נישט אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אָנגעוויזן, ווו ליבערמאַן וווינט, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז נישט ציפּקעס מאַן.

איך בין געשטאַנען אַ פּאָר מינוט הינטער דער טיר און האָב מיר געוואָלט פאָרשטעלן, ווי אַזוי עס וועט מיך ציפּקע אויפנעמען. ס׳ווענדט זיך געווייַנטלעך אָן דעם, צי איז דער מאַן אירער דאָ אין שטוב, צי נישט. אויב ער איז דאָ? אויב ער איז נישטאָ?... און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל אים אַליין טרעפן? ס׳קאָן זיך דאָך אַזוי אויך מאַכן.

ציפּקע האָט מיך באַגעגנט מיט אַ גאַסטפרייַנטלעכן שמייכעלע:

— אָ, אַ גאַסט!

און דאָס איז מיר שוין נישט געפעלן געוואָרן... איך האָב גע־וואָרט אויף גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש... אַן ערגערע, אָבער אין תּוך אַ בעסערע, אָדער גאָר אַ גוטע... זי האָט מיך באַגעגנט, ווי אַ גוטן באַקאַנטן און, ווי מיט אַזעלכן, האָט זי מיר גלייך באַוויזן, איז זי זייער צופרידן.

זי האָט מיך אויפגענומען שטיל, געלאַסן, היימלעך און פיין, און האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי אַ טאַקטישע יונגע פרוי דאַרף אויפ־נעמען אַ יונגנמאַן אין דער אָפּוועזנהייט פון מאַן, געוויגן און גע־

מאָסטן, אַזוי ס'זאָל, חלילה, עפעס נישט איינפאַלן דעם גאַסט אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַ באַליידיקונג פאַרן מאַן, און ווידער אַזוי, דער גאַסט זאָל זיין צופרידן. און געטון האָט זיך עס ביי איר, קאָנטיק, נישט געטראַכט, מיט געבוירענער ווייבלעכער נאַטירלעכקייט, און פון דעם אַלעם האָב איך מיך שטאַרק באַליידיקט געשפירט.

אין אַלגעמיין האָב איך דערקענט אָן איר, אַז זי איז שטאַרק צופרידן מיט איר לעבן, און צופרידן, וואָס איך זע זי אַ צופרידענע... זי האָט געשיינט, און כאָטש זי האָט זיך גאַנץ ווינציק געענדערט, האָב איך דאָך אין איר עפעס אַ פאַרענדערונג געשפירט... דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך צו איר שטאַרק געצויגן. אָט די אַלטע באַקאַנטע איז פאַר מיר אינגאַנצן אַ נייע געוואָרן. זיצנדיק ביי איר, האָב איך געטראַכט און זיך דערמאָנט, ווי איך האָב זי אַזוי קאַלטבלוטיק, אויף וואָס אַ מאַנסביל איז נאָר פעיק, אָפגעשטויסן פון זיך, נאָר צייטנווייז פלעג איך מיט איר מיטלייד האָבן: נעבעך, אַן אומגליקלעכע אויף איר גאַנץ לעבן, און געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, זי זאָל גליקלעך זיין, און איצט, ווי משונה, איך האָב איר דאָס גליק נישט פאַרגונען.

זי האָט געשטעלט אויבס אויפן טיש. איך האָב אַלעמאָל ליב, ווען אַ יונגע דאַמע נעמט מיך אויף זומער מיט פרוכטן, דאָס איז זייער אַן איידעלער כיבוד. ס'פרישט־אָפ און דערמאָנט עפעס פריש און צייטיקס. נאָר דאָ האָב איך זיך פון כיבוד אָפגעזאָגט:

— אַ דאַנק!

— איר וועט שפעטער דאַנקען! — האָט זי מיר גאַנץ היימלעך געזאָגט און נאָך נענטער צו מיר צוגערוקט די פיראַמידן מיט פרוכטן.

עסן און שווייגן, איז איינע פון די אומאַנגענעמסטע זאַכן, ווען מ'איז צו־גאַסט.

איך האָב אָבער דאָך נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל און בין בלויז אָפגעקומען מיט אַ „וואָס מאַכט איר”? „וואָס טוט איר”?, — אויף וואָס זי האָט אַזוי אויפגעלייגט געענטפערט. ערשט ווען איך בין אָפגעזעסן אַ גוטע האַלבע שעה, האָב איך מיר געכאַפט, אַז איך האָב גאָרנישט געפרעגט אויפן מאַן אויף אירן.

— ווו איז אייער מאַן?

— מיין מאַן איז אַ גאַנצן טאָג אינדערהיים נישטאָ. ער קומט נאָר מיטאָג עסן.

— איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיטן מאַן אייערן!...

איך האָב עס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז זי זאָל מיינען, אַז דאָס איז דער גאַנצער ציל פון מיין באַזוך, און זי האָט פלוצים אַ זאָג געטון:

— איר ווייסט, איך האָב שוין אַ זון!

— וואָס, טאַקע, איר האָט שוין אַ זון? אַנו, ווייזט אים נאָר!

— ער איז איצט אינדערהייט נישטאָ, די אַם האָט אים אַוועקגעטראָגן צו דער שוויגער.

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז אייער מאַן איז זייער אַ לייטישער מענטש, — האָב איך אַ זאָג געטון, — און דער ערשטער געדאַנק מיינער, ווען איך בין אַהער אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין, איז געווען, זיך צו באַקענען מיט אייער מאַן...

און זי האָט מיט אַזאַ לייכטקייט און אויפגעלייגטקייט געענטפערט:

— מיך פאַרדריסט אויך. איך וואָלט זייער געוואָלט, איר זאָלט אים קענען.

איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דאָס פאַרדריסט מיך נאָכמער פון איר:

— איר זאָגט דאָך, אַז אייער מאַן איז אַ גאַנצן טאָג אינדערהיים נישטאָ.

— ער קומט בלויז נאָר מיטאָג עסן.

— און ווען קומט ער אינאָוונט אַהיים?

— אַכט אַזייגער.

— און קיינמאָל נישט שפעטער?

זי האָט מיט אַן אומרויִק פייערל אין די אויגן און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפן געענטפערט:

— ער קומט אַמאָל שפעטער, ער האָט אַמאָל ליב כאַפן אַ קערטל.

— זומער קאָרטן?

— ס'טרעפט אַמאָל. נישט אָפט. גוטע ברידער פאַרשלעפן אים.

איך האָב מיך אויפגעהויבן, געפילט, אַז ס'איז שוין צייט אַוועקצוגיין. נאָר מיר האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקגיין פון דעם שיינעם, ליכטיקן און אויסגעפוצטן זאַלכל, ווו ס'האָט זיך געפילט אַ שטיל גע-

מיטלעך פאַמיליע־לעבן, און אַ נחת־רוחדיק געמיט איז געווען צעגאָסן אין יעדן ווינקעלע. ס'האָט זיך געפילט, אַז די באַלעבאָסטע איז אַ יונגע, אַז ס'איז איר ליב די שטוב, ליב דער מאַן, און ס'האָט מיר עפּעס ווייטאָגדיק באַנג געטון... דאָס האָט געקאָנט זיין מיינס... און איך האָב אים מקנא געווען, יענעם, דעם אומבאַקאַנטן מאַנספּאַרשוין, און מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, צי ס'איז נאָך ערגעץ פאַרבליבן ביי איר אַ פונק ליבע צו מיר, און איך האָב פלוצלינג אַ זאָג געטון:

— אמת, ס'איז גרינגער אַ דימענט אויפן אָפּגרונט פון ים צו געפינען...

— איידער וואָס?

איך האָב אַ קוק געגעבן אויפן זייגער.

— אָ, איך האָב מיך דאָ לאַנג פאַרזעסן ביי אייך.

איך האָב איר געגעבן די האַנט, זי פאַרהאַלטן לענגער, ווי מ'באַדאַרף, און געפילט, ווי איך גלי פון איר נאָנטקייט. זי האָט מיר מיט אַ שמייכעלע געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און דערקענט האָב איך אין איר, אַז זי פילט זיך אַזוי פריי און רוהיק נעבן מיר... איך האָב איר פאַרקוקט אין די אויגן אַריין, און האָב דאָרט, אַחוץ גוט־מוטיקער גאַסטפריינטלעכקייט, גאָרנישט געפונען.

באַגלייטנדיק מיך צו דער טיר, האָט זי געזאָגט:

— אויב איר פאַרבלייבט דאָ אַ לענגערע צייט, בעט איך אָפּט אַריינקומען.

און איך האָב פון יענער זייט טיר געזאָגט:

— גריסט אייער מאַן אומבאַקאַנטערהייט.

— אַ דאַנק! — האָט איר קול אַ הילך געטון איבער די ליידיקע קאָרידאָר־ווענט.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון אַ פּאָר טרעפּלעך, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ דיקער גויע מיט אַ קינד אויף די הענט, און אין דעם מאָ־מענט, ווען איך האָב זיך מיט דער גויע און קינד באַגעגנט, האָט ציפּקע מיט אַ יונג־ווייבלעכן קוויטש מיך אַ רוף געטון, איך זאָל שטיין בלייבן, דער זון אירער גייט!

איך בין עטלעכע מינוט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דער גראָבער גויע און געגלעט דאָס קינד, גערעדט צו אים, געסמאָקעט, בכלל געטון אַלץ, וואָס מ'טוט מיט אַ קינד, נאָר איך האָב עס געטון קעגן מיין ווילן. איך האָב עס געטון נאָר דערפאַר, ווייל נישט טוו דאָס, האָב איך נישט געקאָנט...

נאָכאַמאָל געזאָגט „זײַ געזונט“, און נאָכאַמאָל באַקומען אַן ענטפער „פאָרט געזונט“, — בין איך געשווינד פון די טרעפ אַראָפ, און האָב צו זיך אַליין אויפן קול אַ זאָג געטון:

— אידיאָט!

אויף אַ קרבן פון דער רעוואָלוציע

איך קען אים שוין, אָט דעם העלד, וואָס וועט דאָ באַשריבן ווערן, אַ יאָר פינפאונצוואַנציק. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן-פופצן, האָב איך זיך באַקענט מיט אים, און ביים ערשטן מאָל, וואָס איך האָב אים דערזען, האָט ער געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ פריצייטיק געוואָרענעם מענטשעלע, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מינדעריעריקע יינגל איז זיך אַליין דעם וועג פאַרלאָפן, אַז ער האָט אַ שפרונג-געטון מיט אַ צען-פופצן יאָר פאָרויס און אַריינגעכאַפּט אין זיך אַלץ, וואָס אַ מענטש אין די יאָרן, אין וועלכע ער איז אַריינגעשפרונגען, דאַרף באַזיצן. און שוין, ער ווייס שוין אַלץ, וואָס אַ דערוואַקסענער מענטש דאַרף וויסן, און מער פון דעם, וואָס ער ווייסט, איז שוין נישטאָ וואָס צו וויסן...

צו יענער צייט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער שוין געווען צוויי יאָר אין אַ טוך-געשעפט ביי איינעם שאַפּיראָ, — דאָס איז געווען דאָס גרעסטע געשעפט צו יענער צייט אין יענער שטאָט, ווו איך האָב געהאַט דאָס גליק מיט אים באַקאַנט צו ווערן. און שוין צו דער צייט, ווענן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, האָט „עס" געטראָגן דעם בליישטיפט הינטערן אויער און ער (צוזאַמען מיטן פאַרשטעקטן בליישטיפט הינטערן אויער) האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי אַ קליין מיניאַטור מענטשעלע פון אַ גרויסער מסחר-וועלט, וואָס ווייסט נישט פון קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר וועגן מסחר, און דערצו איז ער געווען אַזוי קאָמיש ערנסט, ווי קאָמיש עס זעט

אויס מיט זיין ערנסטקייט אַ פּריצייטיק געוואָרן חתנדל, וואָס בלויז דערפאַר, וואָס „עס״ איז אַזוי יונג אַ חתן געוואָרן, מיינט „עס״, אַז עס באַדאַרף אַזוי ערנסט זיין.

איצט, נאָך אַכט יאָר נישט זען אים, האָב איך אים גלייך דער־קענט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זיך אויסערלעך שטאַרק געענדערט. אָבער די גאַנצע האַלטונג זיינע איז געבליבן די־זעלבע. איך האָב גלייך דערקענט אָן אים יענעם פּערצן־פופצניעריקן יינגל פון צוריק מיט פינאונצוואַנציק יאָר.

— איר האָט מיך דערקענט? — האָט ער אַ פאַרוואונדערטער גע־פרעגט, דערקענענדיק אָן מיר, אַז איך האָב אים גלייך דערקענט, און דערביי האָט ער געטרייסלט די האַנט מיינע, ווי ער וואָלט זיך געבעטן רחמים ביי מיר, איך זאָל אים נישט דערקענען. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן: — „האָב איך זיך דען פאַר די אַכט יאָר נישט געענדערט?״

— יאָ, אַזוי גלייך ווי איך האָב אייך דערזען, האָב איך אייך דערקענט.

און ער האָט זיך געזעצט, און קוקנדיק אויף מיר און באַ־טראַכטנדיק מיך אַ לענגערע צייט, האָט ער געזאָגט:

— גאָר קיין ווונדער נישט...

— וואָס?

— איך מיין, אַז ווען איר וואָלט מיך נישט דערקענט, וואָלט איך זיך גאָרנישט געוווּנדערט... איך ווייס, אַז איך אַליין דערקען זיך נישט, ווען איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אויסגעזען צוריק מיט אַכט־צען יאָר, ביז איצט.

— איך האָב אייך גלייך דערקענט, — האָב איך געזאָגט.

— טאַקע אַ ווונדער... — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— מיר לעבן שוין איבער איינמאָל אַ צייט!... מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט, ווי גוט ס׳איז אונז אַמאָל געווען.

און נאָך אַ לענגערע פּויזע האָט ער גאָר פּלוצים אַ פרעג געטון:

— ווי מיינט איר, עס וועלן זיך נאָך אַמאָל אומקערן צוריק די אַלטע גוטע צייטן?... האַ, וואָס זאָגט איר?

איך האָב געשוויגן, און ער האָט זיך אַליין געענטפערט:

— און קיינער איז נישט צופרידן!...

— און איר גלויבט אין אַזאַ מעגלעכקייט? — האָב איך פאַרוווּנדערט געפרעגט.

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, און אַזוי שמייכלענדיק און נישט אַראָפּנעמענדיק די שמייכלענדיקע אויגן זיינע פון מיר, האָט ער פּאַמעלעכקע אַריינגעשטעקט די רעכטע האַנט אין בוזים-קעשענע פון דער לינקער זייט און האָט לאַנגזאַם אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל ניקאָלאַיעווער הונדערטער און מיר אַ ווייז-געטון.

— וואָס, וואָס ווייזט איר מיר? — האָב איך מיט אַ פאַרוויר-טער צעמישונג געפרעגט.

— ...איר באַדאַרפט שוין אַליין פאַרשטיין!...

— ניין, איך פאַרשטיי גאָרנישט.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל, וואָס איז אַמאָל געווען געלט, און אַ זאָג געטון:

— צען יאָר לעבן!

און געשלעפּט פון פּעקל אַ הונדערטער נאָך אַ הונדערטער. און יעדן הונדערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט, האָט ער אויס-געלייגט און אויסגעגלעט אויפן טיש. און אויסגעלייגט אַזעלכע עלף שטיק, האָט ער פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און געקוקט אויף מיר מיט אַן אויסדרוק פון באַרימעריי, ווי נאָר ער איינער אַליין וואָלט געקאָנט באַווייזן אַזאַ מופת, איינצוהאַלטן ביי זיך אַזאַ לאַנגע צייט אָט די ווערטלאָזע פּאַפּירלעך.

יאָ, נאָך צוריק מיט אַכט יאָר, איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך געוווּסט פון אַזאַ סומע געלט, וואָס ער האָט אָנ-געקליבן אין פאַרלויף פון צען יאָר (ביז דער מלחמה), און שוין דע-מאָלט האָב איך געקוקט אויף אים מיט ביטול, וואָס ער האַלט זיך מיט די אשר-יצרלעך, ווייל שוין דעמאָלט האָבן זיי, אָט די עלף הונדערטער זיינע, כמעט ווי גאָר קיין ווערט נישט געהאַט. דעמאָלט אָבער איז ער נישט געווען קיין בן-יחיד. עס האָבן זיך פיל אַנדע-רע מענטשן אַרומגעטראָגן מיט פולע בוזימער ניקאָלאַיעווער געלטער, מיט דער האָפענונג, אַז די אַלטע אָרדענונג וועט זיך צוריקשטעלן אויף די פיס, און די אַלטע וואַליוטע וועט צוריק איר ווערט באַקו-מען. איצט אָבער איז דאָס פאַר מיר געווען ממש אַן איבעראַשונג.

— צוואָס האַלט איר זיך מיט די ווערטלאָזע פּאַפּירלעך? — האָב איך מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

– וואָסי, זיי מאָנען ביי מיר עסן? — האָט ער גלייך אויפן אָרט געענטפערט מיט אַ קלוגיטשקע שמייכעלע.

און דאָס אָפּגעזאָגט, האָבן זיך די אייגעלעך זיינע צעשמייכלט, און דערקענט האָב איך אין אים יענעם טיפּ מענטש, וואָס אַליין איז עס טעמפּ ווי האָלץ, און עס האַלט זיך קליגער פון דער גאַנצער וועלט. מיינט, אַז אַלע מענטשן זענען נאַראָנים, נאָר ער אַליין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ קלוגס, אַן איינאונאיינציק חכמל פון דער גרויסער נאַרישער וועלט... און דאָ האָב איך ווידער דערזען דאָס פערצנפופצניעריקע בחורל מיטן בליישטיפט, פאַרשטעקט הינטערן אויער און געזען, אַז ער איז פאַרבליבן דאָסזעלבע חכמל, וואָס ער איז דעמאָלט געווען... און קוקנדיק אויף אים איצט, האָב איך פונקט אַזוי געשמייכלט ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אויף אים געקוקט... איך האָב געקוקט אויף אים מיט דערזעלבער נייגעריקייט, ווי מענטשן קוקן אויף אַ קאַרליק... און פונקט ווי אַ קאַרליק, מעג ער ווי אַלט זיין, איז וואָס ער רעדט, הערסטו זיך צו צו זיינע רייד מיט אַ קאָמישן נייגעריקן אינטערעס, אַזוי האָב איך זיך צוגעהערט צו אים, צו אָט דעם גייסטיקן קאַרליק, ווייל אַ גייסטיקער קאַרליק איז ווייט נישט דאָסזעלבע, וואָס אַ נאַר. ווייל אַ נאַר רעדט דאָך נאַרישקייטן, און דער פאַרשוין האָט דווקא גערעדט קלוגיטשקע ריידעלעך, און דערמיט, וואָס דאָס זענען קלוגיטשקע ריידעלעך, רופן זיי ביי דיר אַרויס דעם זעלבן קאָמיש-נייגעריקן אינטערעס, ווי ווען דו הערסט אַ קאַרליק... ער האָט שוין אַרויסגערופן ביי מיר אַ קאָמישע נייגעריקייט דערמיט, וואָס ער האָט געמיינט, אַז איך וועל אים גלויבן, אַז ער האַלט ביי זיך אָט די עלף הונדערט נולן בלויז דערפאַר, וואָס זיי בעטן ביי אים קיין עסן נישט.

— זאָגט דעם אמת — האָב איך צו אים געזאָגט — איר האָפט נאָך אַלץ, אַז די אַלטע אָרדנונג...

— מ׳קען גאָרנישט וויסן! — האָט ער זיך געכאַפּט ענטפערן, נישט לאָזנדיק מיר ענדיקן די פראַזע.

און ווען אַזאַ פאַרשוין גיט זיך אַ זאָג אָפּ „מ׳קאָן גאָרנישט וויסן״, מיינט עס, אַז אין זיין נישט-וויסן איז דאָ מער וויסן, ווי ביי יענע, וואָס ווייסן יאָ דאָס, וואָס ער ווייסט כלומרשט נישט... אָט ווייסן דאָך אַלע, אַז דאָס ניקאָלאַיעווער געלט האָט קיין ווערט נישט, און ער ווייסט עס נישט... און דערפאַר, וואָס ער ווייסט נישט,

האַלט ער זיך מיטן געלט, און ווען זיין ווּנש וואָלט דערפילט געוואָרן, וואָלט זיך ערשט דעמאָלט אַרויסגעוויזן, וויפל פאַרשטאַנד און וויסן עס איז געלעגן אין זיין נישט־וויסן...

און נאָך אַ לענגערער פויזע האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס איז דאָס געלט ערגער פון אַ באַנקראָטירטן וועקסל... מ׳וואַרפט עס נישט אַרויס...

— בלויז דערפאַר, וואָס ס׳בעט קיין עסן נישט, אַיאָ?

אין זיינע נאַרישע אייגעלעך האָט זיך אַ קלוגיטשקער שמייכעלע באַוויזן, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז וואָס עס זאָל דאָרטן נישט זיין, איז ער דאָך פאָרט קליגער פון דער גאַנצער וועלט דערמיט, וואָס ער האָט באַוויזן איינצוהאַלטן ביי זיך אָט די ווערטלאָזע פאַפירלעך... אָט טאַקע אַרויסגייענדיק פון דעם איינציקן שטאַנדפונקט, וואָס זיי בעטן ביי אים קיין עסן נישט.

— איר זענט אַ ייד, צי ניין? — האָב איך ביי אים אַ פרעג געטון.

— וואָסי, וואָסי דען?

— איך מיין, אַז בלויז אַלס ייד וואָלט איר נישט באַדאַרפט האָבן אַזאַ אויסקוק, אַז עס זאָל זיך אומקערן צוריק די אַלטע אָרדענונג.

נו, האָב איך אים אַ טובה געטון, האָט ער אַלס ייד ערשט באַקומען לשון, און אין נאָמען פון כלל־ישראל האָט ער אַרויסגעלאַפּעט דאָס, וואָס ער האָט פריער קיין דרייסט נישט געהאַט צו זאָגן:

— וואָסי, האָט זיך דען יידן נישט געלעבט דעמאָלט בעסער ווי היינט? — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — איר מיינט, אַז נאָר אין רוסלאַנד מיין איך? ניין, איך מיין אומעטום. אומעטום, ווו עס זענען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס, לעבט זיך יידן איצט ערגער, ווי עס האָט זיך זיי פריער געלעבט... עס איז נאָך קיינמאָל אַזאַ אַנטיסעמיטיזם נישט געווען אין די לענדער, ווו די רעוואָלוציעס זענען פאָרגעקומען, ווי עס איז איצט.

— נו, אויב עס גייט אייך בלויז אין דעם, — האָב איך איראָניש געזאָגט, — איז שוין עפּעס אַנדערש. אויב אַזוי, קאָנט איר שוין ווייטער האַלטן די פאַפירלעך אייערע, און עס איז מעגלעך, אַז אין זכות פון פאָלק ישראל וועט איר געהאָלפן ווערן.

און ער איז זיך אַזוי געזעסן און שמייכלענדיק געקוקט אויף

די צעלייגטע און צעשפּרייטע עלף הונדערטער. און אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט אַ הילפלאָז שמייכעלע, האָט ער געזאָגט, אַז עס וואָלט אים נישט געווען אַזאַ ווייטאָג, ווען, אַ שטייגער, מען קומט צו אים פאַר דער מלחמה אָדער נאָך דער מלחמה, פאַר דער רעוואָלוציע אָדער נאָך דער רעוואָלוציע, און מען נעמט ביי אים צו דאָס געלט. וואָלט ער געוווּסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: פּטור! אָבער בלייבן ביי דעם געלט, און דאָס געלט זאָל פּונקט אַזאַ ווערט האָבן, ווי ער וואָלט עס נישט געהאַט, — ער קען אויף קיין פאַל מיט דעם געדאַנק נישט מושווה ווערן.

— וואָס הייסט, איך האָב עס דאָך פאָרט!

אַנטשוויגן געוואָרן, און זיך פאַרנומען צונויפצולייגן אַ פּאַפּירל צו אַ פּאַפּירל. און ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט ער אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט אין דעם פּעקל אַסיגנאַציעס, און האָט זיך אַ וואָרף געטון צו מיר מיט פאָלגנדיקער פראַגע:

— וויפל האָב איך דאָ?

— וויפל איר האָט דאָ?... אַנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— איר האָט איבערגעציילט אויפן טיש וויפל?

— עלף... נו, וואָס איז דען?

— עלף, וואָס?

— עלף הונדערטער. נו, וואָס איז דען?

— נו, זעט איר! — האָט ער נצחונדיק אויסגערופן. — ווען איך וואָלט דאָ געהאַט עלף פּראָסטע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָלט איר נישט געזאָגט, אַז איך האָב עלף הונדערטער.

איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען, און געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי אים נישט, און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט די נאַרישע אייגעלעך, אין וועלכע עס האָט געגלאַנצט אַ קלוגיטשק שמייכעלע, און אויף לעצט געזאָגט מיט אַ גמרא-ניגון:

— מה-דאָך איר, וואָס איר האָט אויף דעם געלט נישט אַוועקגעגעבן קיין איין מינוט פון אייער לעבן, זעט איר אויך נישט עפּעס אַנדערש, ווי עלף הונדערטער, הייבט ווי קאָן איך עפּעס אַנדערש זען?

און נאָך אַ קורצער הפסקה, האָט ער צוגעגעבן:

— ...אַז עס גלויבט זיך מיר נישט. נו... אַז איך קוק אויפן געלט, גלויבט זיך מיר נישט, קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז שוין קיין געלט נישט.

דאָ האָב איך אים שוין פאַרשטאַנען, און געקוקט אויף אים מיט יענעם מיטלייד, ווי מען קוקט אויף איינעם, ווען מען האָט אַ פאַר־דאַכט, אַז ער איז „עפּעס נישט מיט אַלעמען"... איך האָב געמאַכט אַן ערנסטע מינע, און מיט ערנסטקייט געזאָגט:

— נו, כ'ווייס... האַלט עס... ווער ווייסט, אפשר.

און דאָ איז מיר איינגעפאַלן אים פאָרצולייגן אַ געוויסע סומע געלט פאַר זיינע „ניקאָלאַיעווער". איך האָב זיי געוואָלט האָבן פשוט פאַר אַן אָנדענק. איך וואָלט דאָרטן אין אַמעריקע צעטיילט עטלעכע הונדערטער, און די רעשט וואָלט געבליבן פאַר מיר, און צווייטנס, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, אַז אים וואָלט צונויץ געקומען די פּאָר דאָלאַר.

— אפשר ווילט איר דאָס פאַרקויפן? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס גאַנצע געלט? — האָט ער מיט אַן אויסדרוק פון ניי־געריקייט און אומרוהיקייט געפרעגט. און נאָך דער פראַגע נאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל שוין ביי אים „דאָס גאַנצע געלט" נישט קאָנען קויפן. און אַזוי ווי איך האָב ביי זיך באַשטימט, אַז העכסטנס קאָן איך אים שענקען פינף און צוואַנציק דאָלאַר, און אַזוי ווי פאַר מיר בלויז איז גענוג איין „הונדערטער" אויף „אַן אָנדענק", האָב איך ביי אים געפרעגט:

— וויפל ווילט איר פאַר איין שטיק?

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט בלאָנדזשענדיק־צעמישטע אויגן, און נאַריש און פאַרווירט שמייכלענדיק, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, איך ווייס אַליין אויך נישט... פאַר אייך האָט עס דאָך גאָרנישט קיין ווערט.

— טאָ זאָגט, וויפל עס האָט ביי אייך די ווערט.

ער האָט אַ ווײַלע געקלערט און געזאָגט:

— ביי אייך וועל איך נעמען פינף און צוואַנציק דאָלאַר.

— פאַר איין שטיק? — האָב איך טשעקאַווע געפרעגט, וויסנ־דיק, אַז נאָך צוריק מיט צען יאָר האָט מען פאַר אַזאַ סומע געלט געקאָנט אָפּקויפן אַ גאַנצן וואַגאָן מיט ניקאָלאַיעווער פּאַפּירלעך און דער עיקרשט זיין „פאַר אייך", אַז בלויז מיר לאָזט ער אַזאַ הנחה. און איך האָב געקוקט אויף אים און געטראַכט, צי מאַכט ער זיך פאַר אַ תּם, צי ער מיינט עס טאַקע ערנסט, אַז ער וואָלט אַ צווייטן אַזוי

בּיליק נישט פאַרקויפט אָט דאָס ווערטלאָזע פּאַפּירל. און אויב ער מיינט עס ערנסט, איז ער דאָך אַ קאַנדידאַט אין משוגעים-הויז.

— און צוויי ווערט איר מיר נישט געבן פאַר דעם געלט?...

— ניין! — האָט ער האַרט און אַנטשלאָסן געזאָגט.

איך האָב געקוקט אויף אים מיט נייגעריקייט. אויף לעצט האָב איך אַרויסגענומען פינף און צוואַנציק דאָלאַר און אים געגעבן, און ער האָט אַראָפּגענומען פון פּעקל איין הונדערטער און מיר דערלאַנגט. און די איבעריקע צען הונדערטער האָט ער צונויפגעלייגט און פאָר־זיכטיק זיי אַריינגעשטופּט אין בוזים־קעשענע, צוזאַמען מיט די פינף און צוואַנציק דאָלאַר, וואָס איך האָב אים געגעבן. און גלייך נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט אַן אויסדרוק פון אַ סוחר, וואָס האָט געמאַכט אַן אָרנטלעכן מסחר, און מיר די האַנט געגעבן, און אַפילו נישט געדאַנקט פאַר די פינף און צוואַנציק דאָלאַר, וואָס איך האָב אים געגעבן... — — — — — — — — — — — — —

„ער“

איך קען אים נישט, ווי איך קען נישט נאָך צענדליקער צו אים, וואָס קענען מיך, און איך קען זיי נישט. דער חילוק אָבער פון דעם ביז אַלע איבעריקע איז, וואָס דער האָט זיך אָנגעלייגט אויף מיר מיט זיין קענען מיך מיט איינגעגעסענער נאָענטקייט און היימיש־קייט... ער טראַכט נישט איבער, אָט דער אידיאָט, אַז ס׳איז נישט גענוג אָט דאָס, וואָס ער קען מיך, אַז איך באַדאַרף אים אויך קע־נען, און איז אַזוי בלינד און זעט נישט, ווי איך נעם אויף זיין פריינטשאַפט. ער איז אַזוי ברוטאַל צו מיר, ווי איינער צו זיין לו־באָוניצע, פון וועלכער ער האָט פאַרגעניגן און פאַרהאַלט זיך צו איר אָן דער מינדעסטער אַכטונג... אומעטום באַגעגן איך אים, אומעטום וואַקסט ער מיר אויס פאַר די אויגן, און נעמט מיך אויף מיט אַזאַ היימישער פרעכהייט, שטופט מיר אַזוי אָן צערעמאָניעדיק די לאַפּע זיינע:

— העלאָו, יונה ראָזענפעלד!

און וויל איך נישט אַרויסנעמען די האַנט מיינע פון קעשענע, איז ער מכבד דעם אַקסל מיינעם מיט דער לאַפּע, און אַז איך גליטש מיך אַרויס פון דער לאַפּע, איז רעכט פאַר אים דער עלנבויגן: כאַפּט ער מיט ביידע הענט מיין האַנט מיטן עלנבויגן און דריקט און קוועטשט און טרייסלט צוזאַמען מיט דער האַנט מיין גאַנצן קערפּער. און ביי יעדער באַגעגעניש קומט פאַר אַ געשפּרעך וועגן דער זאַך, וואָס איז לעצטע וואָך געווען געדרוקט, וואָס ער האָט וועגן דער זאַך

געזאָגט זיין ווייב, און וואָס זיין ווייב האָט אים געזאָגט, און ווידער, וואָס אַנדערע האָבן אים געזאָגט, און וואָס ער האָט געזאָגט צו די אַנדערע, און אַלעמאָל פאַרענדיקט ער אָט דעם שמועס אַזוי:

— וואָס שרייבט איר עפּעס איצט? איר שרייבט אַ נייע זאַך?

— ס'וועט זיין געדרוקט, וועט איר זען.

— איר האָט מורא אויסצוזאָגן?

אַ צווייט מאָל ביי אַזאַ שמועס, האָט ער מיר אַ שטעל געטון אַזאַ פראַגע:

— וויאַזוי פאַלט עס איין אַ מענטשן אָנצושרייבן אַזאַ זאַך, אָט ווי ס'איז געווען לעצטע וואָך געדרוקט?

— וואָס-זשע?

— איך מיין עס, וויאַזוי קאָן עס איינפאַלן? מיר וואָלט קיינמאָל אַזעלכעס נישט איינגעפאַלן...

בכלל האָט ער נאָך מיט מיר וועגן קיינעם און וועגן גאָרנישט גערעדט אַזוי לאַנג ווי ער קען מיך און אַזוי לאַנג ווי איך קען אים נישט, ווי נאָר וועגן מיר און וועגן מיין שרייבן. אָט האָט זיך אים איינמאָל פאַרוואָלט וויסן, אין וואָס פאַר אַ צייט איך שרייב.

— איר שרייבט זיכער נאָר ביינאַכט?

— פאַרוואָס עפּעס נאָר ביינאַכט?

— ווייל איר שרייבט נאָר פון טויטע און פון מתים.

ווילט זיך מיר שוין לאַכן. ענטפער איך אים, אַז פון טויטע שרייב איך ווירקלעך ביינאַכט, פון לעבדיקע — אינדערפרי און פון קראַנקע שרייב איך צווישן טאָג און נאַכט.

איך האָב דערקענט אָן אים, אַז ער איז זייער צופרידן, אַז אים האָט זיך עס גלאַטיק געלייגט אויפן שכל, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זיין, אַז דאָס שטימט מיט זיין פאָרשטעלונג, אַז וועגן טויטע דאַרף מען שרייבן ביינאַכט, פון לעבעדיקע אינדערפרי און פון קראַנקע צווישן טאָג און נאַכט... ער האָט לאַנג אַריינגעטראַכט אין דעם און ענדלעך געזאָגט:

— וואָס דען, איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז בייטאָג קאָן מען וועגן אַזעלכע זאַכן נישט שרייבן.

און געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, ווי גלייך אַז דאָס וואָס ער האָט צוגעטראָפן, ווען איך שרייב וועגן מתים און טויטע,

וואָלט מער וויכטיקייט געהאַט, ווי דאָס גאַנצע שרייבן וועגן די מתים און טויטע.

אומעטום באַגעגן איך אָט דעם בחור. איך ווייס נישט, וואָס ער טוט אַזעלכעס, וואָס זיין באַשעפטיקונג איז, וואָס ער האָט צייט זיך אַרומצודרייען, און איך וויל עס נישט וויסן. איך ווייס אַפילו נישט דעם נאָמען זיינעם; ווען איך וואָלט געוווּסט וויאַזוי ער הייסט, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אַריינגעשטעלט זיין נאָמען, און זאָל ער אָנגעבן אויף מיר. איך ווייס נאָר פון אים, אַז ער האָט אַ ווייב, וואָס וויל מיך זייער זען, וואָס וויל מיך אָנקוקן, און ער פאַרשטייט עס נישט אַנדערש, אַז אויב זי, זיין ווייב, וויל מיך זען, דאַרף איך קומען צו אים און צו איר, צו זיי אין הויז אַריין און צופרידנשטעלן איר פאַרלאַנג...

איך טרעף זיך מיט אים אָפט אין דער ליטעראַרישער קאַפע. אויב ער טרעפט מיך פריער, זעצט ער זיך לעבן מיר, און אויב איך טרעף אים זיצן, שלעפט ער מיך צו און באַזעצט מיך לעבן זיך, און כאָטש ער ווייס שוין, אַז איך עס קיינמאָל גאָרנישט אין גאַס, שטייט ער דאָך אַלעמאָל צו צו מיר:

– איר וועט עפּעס נעמען אין מויל אַריין?

– אַדאַנק, איך נעם נישט.

– עפּעס אַ פרוכט?

– אַדאַנק, איך עס נישט.

– פרוט סאַלאַד?

– אַ שיינעם דאַנק, איך וויל נישט.

– טאָ זייט מיך מכבד – האָט ער איינמאָל געזאָגט צו מיר.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויל אים אויך נישט מכבד זיין, און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ שמייכעלע, ווי ס׳קוקט אַמאָל איינער אויף אַ קאַפּריזנע קינד, און ער האָט אַ רוף געטון:

– ווייטער!

און געהייסן דערלאַנגען צוויי פּאָרציעס.

– איך וועל נישט עסן.

– איר וועט יאָ עסן. פאַרוואָס זאָלט איר נישט עסן? דאָס קאָן אייך נישט שאַטן.

און געקוקט און זיך אַזוי איינגעקוקט אין מיר מיט אַ שמייכל און מיט צופרידנהייט, ווי ער וואָלט געווען צופרידן, וואָס ער לעבט

און וואָס איך לעב, וואָס ביידע לעבן מיר און זיצן איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע, און צופרידן, וואָס מיין עקזיסטענץ שטעלט אים צו פאַרגעניגן, אַז איך בין עפּעס ווי פאַר זיינעטוועגן באַשאַפן געוואָרן. אָט צוליב דעם, ווייל ער איז אַ פאַרשטייער פון דעם שרייבן, וואָס איך שרייב, און איז אַזוי צופרידן מיט זיך, ווי אים וואָלט געקומט מער דאַנק פון מיר, דערפאַר וואָס ער פאַרשטייט מיך, ווי מיר פון אים, דערפאַר וואָס איך שרייב. און אַזוי אַריינגעקוקט און אַריינגעשמייכלט, האָט ער מיר געהייסן, איך זאָל אַרעפּנעמען די וואָנצעס.

— נעמט אַראָפּ די מאָסטיעס. וואָס טויגן זיי אייך?

דער ווייטער האָט צוגעטראָגן צוויי פּאָרציעס פרוט-סאַלאַד און אַוועקגעשטעלט לעבן מיר איינע און לעבן אים איינע, און איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינער אַ דערציילונג, „אַ היימישער", וואָס איך האָב אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט צוריק מיט אַ יאָר צען, וואָס דאָרטן מאָל איך אומגעפער אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איז צוגעשטאַנען צו מיר מיט זיין היימישקייט און פריינטשאַפט און ער לאָזט מיך נישט אָטעמען, וויאַזוי ער באַגעגנט מיך איינמאָל אין גאַס און איז מיך מכבד מיט אַ וואַרעמען עפּל פון זיין קעשענע אַרויס, און די מעשה ענדיקט זיך, ווי איינמאָל, איך שטיי אַזוי לעבן אַ טויער און רעד מיט אַ מיידל, ווי פלוצלינג לייגט עמעצער פונהינטנאַרום צוויי לאַפּעס אַרויף אויף מיינע אויגן און נאָכדעם, ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען דעם פּאַרשוין, האָב איך אים אַרעפּגעלאָזט אַ פּלאַם אין באַק אַריין. כ'האָב דעמאָלט אָט די גאַנצע מעשה אויסגעטראַכט. איצט, אין יאָרן אַרום, איז ווי אַ נבואה אָט די מעשה פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט מיר גאָט טאַקע צוגעשיקט אַזאַ פּאַרשוין. איך וויס נאָר נישט, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. מעגלעך, אפשר אַזוי ווי דאָרטן אין מיין דערציילונג... האָב איך אָבער מורא, ער איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי איך און קאָן מסתמא די אַמעריקאַנער תורה פון פייטן זיך.

— עסט! — האָט ער מיר געזאָגט, און צוגערוקט אונטער מיין נאָז דאָס טיפע שאָלכן מיט די פרוכט.

— איר האָט אַמאָל געלייענט מיינע אַ דערציילונג „אַ היימישער"?

— אייערע אַ דערציילונג „אַ היימישער"? ווען איז זי געווען געדרוקט?

— צוריק מיט אַ יאָר צען.

— געווען געדרוקט דאָ אין אַמעריקע?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איך געדענק אַלע אייערע זאַכן, וואָס איר האָט געשריבן.

— איך וואָלט אייך מוחל געווען אַלע זאַכן — דאָס איז איינע פון מיינע בעסטע זאַכן...

ער האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, און מיר אָנגעהויבן אויסצורעכענען איין זאַך נאָך דער אַנדערער, וואָס נאָך זיין מיינונג נאָך קאָן שוין גאָר קיין בעסערע נישט זיין, און איך האָב גענומען איין זאַך נאָך דער אַנדערער „אַרונטעררייסן". וואָס מער איינע אַ זאַך איז אים מער געפעלן, האָב איך זי אַלץ מער „אַרונטערגעריסן". ער האָט מיך פאַרגאַפּט אָנגעקוקט, און איך בין פון מינוט צו מינוט אַריין אין דער ראָלע אַריין:

— אָט די אַלע זאַכן, וואָס איר רעכנט מיר אויס, טויגן נישט. איר הערט, וואָס איך זאָג, זיי טויגן נישט... איר האָט אַ טעות, מיסטער... איך האָב נאָך קיין איין גוטע זאַך נישט אָנגעשריבן... איר הערט, קיין איין גוטע זאַך נישט...

ער איז געווען איבעררשאַט. און אַנדערע זייטיקע קאָלעגן און באַקאַנטע, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך, און מער געררויכערט, ווי געגעסן און געטרונקען, האָבן מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. יאָ, ס'איז ביי זיי אַלעמען געווען זייער אַ גרויסער חידוש, וואָס איינער פון זייעריקע טוט עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס קיינער פון זיי האָט נאָך נישט געטון, נאָר וואָס איינער טוט עס פאַרן אַנדערן... ט'איז זיי, קענטיק, געפעלן געוואָרן די אָריגינאַליטעט, און זיי האָבן געשמייכלט צו מיר, און איינס צו דאָס אַנדערע.

— אָבער איר האָט דאָך נאָר-וואָס געזאָגט, אַז איין זאַך האָט איר יאָ אָנגעשריבן אַ גוטע.

— ...אַ זייער אַ גוטע, דער עיקר איז דער סוף, דער סוף איז אַ פּראַכט...

ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים באַקענען מיטן אינהאַלט פון דער זאַך. איך האָב אַ ווײַלע געקוקט אויף אים, און געענטפערט, אַז מיטן סוף פון דער זאַך וואָלט איך זייער גערן געווען אים באַקאַנט צו מאַכן... ער האָט מיך אָנגעקוקט אין פאַרלעגנהייט, נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן עסק, און ענדלעך געזאָגט:

— יאָ, איך וועל הערן.

— ניין... דאָס וועט איר מוזן פילן...

און אַ געדאַנק האָט אויפגעפלאַמט: זאָל איך אים טאַקע אפשר מכבד זיין... אפשר איז די גאַנצע מעשה, וואָס איך האָב אָנגעשריבן צוריק מיט יאָרן, געווען אַ פאָרגעפיל, און איך מוז שוין דאָס דערפאַר אַליין טון...

— זאָל שוין זיין אויף אַ צווייטן מאָל, — האָב איך געזאָגט.

און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב עס נישט געטון... איך גלויב, אַז איך וועל שוין איצט אַזוי אויך פטור ווערן פון אים. ער וועט עס איבערלעזן, וועט ער פאַרשטיין, אַז דאָס מיין איך אים, און ער וועט מיך צורו לאָזן... איך וואָלט נאָר געוואָלט הערן פון אים אַ מיינונג איבער דער זאַך, ווי וועט די זאַך אים שמעקן, צי וועט ער זיין אַנטציקט פון איר, צי נישט. אָבער וואָס גייט ער מיך אָן, אַבי איך וועל פטור ווערן פון אים, זאָל ער אַריבער אויף אַנדערע הענט... אפשר וועט אים אַ צווייטער קאָלעגע אַנדערש אויפנעמען... אַדיע! צום קיינמאָל מער נישט זען, אומבאַקאַנטער פּאַראַזיט...

אין אַ שטורעם־נאַכט

ס'איז געווען אַ פּאָר שעה נאָך זון־אונטערגאַנג און אַ פּאָר שעה צו זון־אויפגאַנג. און ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז צווישן צוויי זונען שטיקט זיך די נאַכט. צווישן צוויי זונען, איינע אין מערב און די צווייטע אין מזרח. ביידע באַהאַלטן אונטער דער ערד און ביידע האַלטן־אויף די היץ אינדערלופט. אַ שטילע, אַ פינסטערע וואַרעמע לופט אָן זון, אָן פייער. ווי אין טיפן חלשות זענען געלעגן אויסגעצויגן די גאַסן, הייזער און שטיינער זענען וואַרעם געווען, ווי האַרטע פאַרגליווערטע קערפּערס נישט לאַנג נאָך יציאת נשמה.

דאָ און דאָרט האָבן זיך מענטשן געשלעפּט. ווער פון אַ גערטל, ווער פון אַ פּאַרק, און יעדער איינציקער פון זיי האָט געפילט די איבעריקייט פון קערפּער און פלייש. מ'איז געגאַנגען, ווי אויף וואַטענע פיס, זיך געוואַקלט, ווי שכורים; ווי היימלאָזע האָבן זיך די מענטשן געשלעפּט אין דער שפּעטער שעה. שרעקלעך הייס איז געווען אינדרויסן, און נאָך שרעקלעכער די שטוב און דאָס געלעגער. די שטיינער אונטער די פיס זענען וואַרעם געווען און האָבן מיט זייער וואַרעמקייט און האַרטקייט באַשווערט דעם גאַנג. נאָענט ביי די הייזער האָט פון די הייזער מיט וואַרעמקייט געזעצט, און דאָס בלוט האָט געשלאָגן אין קאָפּ אַריין.

און איבער שטאָט, איבער גאַסן און הייזער האָבן ליכטיקע פלעקן, ווי אין היציקן שוואַרצן פיבער געצאַפּלט. פון אַלע פיר זייטן האָט די היציקע נאַכט מיט ליכטיקע פלעקן געפיבערט שטיל, אָן

דונער, ווי מלאכים וואָלטן זיך אין די הימלען מיט פּאָספאָר געשפּילט. עס האָט זיך געדוכט, ברעמען ציטערן מיט ליכטיקייט פון אויבערשטע ווייטע וועלטן, פון הייסע פייערדיקע הימלען, וואָס ליגן ערגעץ באַהאַלטן פון נאַכט און פינסטערניש. די ליכטיקע פלעקן האָבן זיך געגליטשט אויף הייזער און אויף שטיינער, מיט ליכטיקער לייכטקייט זיך געגליטשט און באַוויזן שוואַרצע שווערקייט פון הייזער און שטיינער.

און מענטשן פון טאָג, וואָס האָבן אין דער נאַכט זייער רו געזוכט, האָבן פאָרטגעזעצט דעם טאָג מיט נישט-רוען און נישט-שלאָפן. האַלב-נאַקעטע האָבן זיך מענטשן אַרומגעדרייט פון שטוב אין הויף און פון הויף אין שטוב, און אין ערגיץ קיין אָרט פאַר זיך נישט געפונען, ווי גילגולים פאַרשאָלטענע. מ׳האָט זיך געטאַסקעט פון די שטיבער מיט מאַטראַצן און קישנס און אויף האַרטע, שפּיציקע שטיינער אַראָפּגעוואָרפן. אָבער אויך אונטערן פרייען הימל איז קיין לופט נישט געווען, ווי ס׳וואָלט ערגעץ אַ געהיימע קרעפטיקע האַנט דעם לופט-שטראָם פאַרהאַמעוועט.

און ס׳האָט געמאַטערט מידקייט פון טאָג און געפייניקט דער נאַכטיקער שלאָף. מ׳האָט נישט געקאָנט אויף-זיין, נישט געקאָנט רוען, נישט געקענט שלאָפן. ביי פיל מענטשן האָט זיך געלאָזט בלוט פון די נעזער.

און פונאויבן, אָן באַשטימטקייט פון זייטן און ערטער, האָט זיך דער נאַכטיקער הימל אָן אויפהער מיט פּאָספאָר געשפּילט, האָט פון פינסטערער אומבאַשטימטקייט ליכטיקע פלעקן אין דער שטיקנדיקער פינסטערניש געוואָרפן, ווי עמעצער וואָלט געוואָלט פונאויבן קוקן אַראָפּ, נאָר ער קאָן דעם בליק נישט איינהאַלטן. צאַפּלען זיך די בליקן און ס׳פיבערט די אָנלופטיקע שוואַרצע נאַכט, מיט ליכטיקע פלעקן פיבערט זי, ווי זי וואָלט אין היציקער שלאַפקייט געלעגן.

אַ לופטעלע איז פון ערגעץ געקומען און אַ ריר געטון אָנלופטיקייט און אָן באַוועגלעכקייט, און פונם לופטעלע איז אַ ווינטעלע אויסגעוואָקסן און אַ ריר געטון בלעטלעך פון ביימער, וואָס האָבן זיך אַ הויב געטון און אַ שאָקל געטון מיט גרינגקייט און לייכטקייט, און מיט לשון פון בלעטער, און מיט לשון פון צווייגן אַ זאָג געטון,

אַז עס האָט זיך שוין געענדיקט היץ און שטילקייט, אַז ס'הויבט זיך שוין עפּעס נייעס אָן. און ערגעץ אין אומבאַשטימטער ווייטקייט און הויכקייט האָט זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע און איינס נעבן אַנדערן בליציק, פֿייערדיק און שלאַנגענדיק דער הימל אַ שפּאַלט געטון, און די ביימער האָבן, ווי איבערגעשראָקענע, מיטאַמאָל זיך צערוישט און צעוויגט מיט צווייגן און מיט קעפּ אַהער, מיט קעפּ אַהין, ווי געטאַפּט, ווי געזוכט פֿונוואַנען, פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט ס'קלויבט זיך אָנצוקומען ווינט און שטורעם.

פֿייערדיקע שלאַנגען שפּאַלטן אומבאַשטימטע הויכקייט מיט שטילקייט פֿאַרן אויער, אָבער מיט ליכטיקן רעש פֿאַרן אויג. עס בלענדט און שווינדלט ליכטיקייט און פֿינסטערניש, און עס דוכט זיך, אַז איינס דאָס אַנדערע שלינגט און איינס דאָס אַנדערע קאָן נישט איינשלינגען, און ראַנגלען זיך אין גרויסקייט און ברייטקייט פֿון רוים מיט שטילער רעשיקער בלענדעניש... בליץ-שטיל, שטיל-בליץ, שטילער רעש און — פֿלוצלינג!...

שטילקייט האָט געפּלאַצט אויף איין אָרט און אומעטום, ערד און הייזער האָבן אַ ציטער געטון, ערגעץ איז אַ שויב אַרויסגעפֿאַלן און מיטן פֿאַלן און מיטן קלאַנג זיך צעקלאַפּט און אין קלאַנגלען זיך צעברעקלט און צעשאָטן.

— און ס'האָט זיך אָנגעהויבן...

באַגלייט מיט בליצן, באַגלייט מיט דונער, מיט ליכטיקייט און רעש באַגלייט, האָט זיך אַ בורע צעוואָרפֿן, אַ בורע צעשפּרייט און אַ קער געטון די גאַסן, אַ הויב געטון דאָס אויסגעאַקערטע אינדערלופֿטן, און אויף הייזער און אויף ביימער שטאָטישן שטויב געוואָרפֿן. ביימער האָבן זיך מיט צווייגן צעוויגט און מיט בלעטער צערוישט. ביימער מיט שטורם, שטורם מיט ביימער האָבן זיך צעקרעכצט. שטאַמען פֿון ביימער האָבן געסקריפּעט, און בלעכענע שילדן האָבן געקנאַקט. און איינע און אַ צווייטע האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דראָט און פֿון אײַזן מיט בלעכענעם קנאַק און דונער, זיך אַ טראָג געטון און רעשיק געפֿאַלן אויף שטיינער.

צווישן שטויב און שטורעם זענען אומבאַמערקט איינצלנע גרויסע טראָפּן וואַסער געפֿלויגן, און ווי ניסלעך האָט עס האַרט און הילכיק אָפּגעקלאַפּט אין דאַך, אין שויב, ווי אָנגעזאָגט: אָט-אָט באַלד קומט עס. און נאָך יעדן בליץ, און נאָך יעדן דונער האָבן אַלץ

אָפּטער און אָפּטער אַזעלכע טראָפּנס אָנגעקלאַפּט אויף דעכער און אויף פענסטער, און אומבאַמערקט האָט זיך די שטורעמדיקע לופט אין אַ וואַסער-שטורעם פאַרוואַנדלט. אַ כוואַליע אַהער, אַ כוואַליע אַהין און מיט אימפּעט געשווענקט גאַסן און הייזער. כוואַליעס גאַנצע זע־נען אויף די שטיינערנע ברוקן און שטיינערנע טראָטואַרן געפאַלן. עס איז געפאַלן מיט אַזאַ שטאַרקן אימפּעט, אַז די שפּריצן האָבן זיך געהאַלטן אַ האַלב אַרשין אינדערהויך, און געדאַכט האָט זיך, אַז אַלע שטיינער צוזאַמען זענען איין פאָנטאַן געוואָרן.

ערגעץ אויף איין אָרט, ערגעץ אויף אַ צווייטן אָרט, האָט זיך מיט דיקער, מאַסיווער שווערקייט אַ צווייג פון אַ בוים אָפּגעבראָכן, און האָט זיך ווי אַ בוים אָפּגעלייגט אויף דער ערד, אַ צווייג מיט צווייגן, מיט בלעטער, מיט שפּיצן אַראָפּ און מיטן שטאַם אַרויף, וואָס איז געבליבן הענגען אויפן בראָך, און נאָך ערגעץ האָבן זיך קרעכצן דערהערט. אַ וואָרצל נאָך אַ וואָרצל האָט געפּלאַצט, און געפאַלן איז אַ בוים, מיט שטורעם פון אייגענעם פאַלן זיך אויסגעצויגן, מיט ערד און מיט שטיינער האָט זיך אַ קאָפּ באַוויזן, אַ קאָפּ מיט צעפּ, און נעבן קאָפּ — אַ גרוב, ווו ס׳האָבן אַרויסגעשטעקט וואָרצלען פון אַלע זייטן, און מאָמענטאַל איז די גרוב פאַרגאָסן געוואָרן.

און אויבן האָבן זיך שטיקער הימל געשפּאָלטן מיט ליכטיקן און גלענצנדיקן רעש פאַרן אויג. ביי יעדן בליץ האָט אַ גלאַנץ געטון אַ גאַס מיט וואַסער, פון יעדן דונער האָט אַ ציטער געטון אַ גאַס מיט הייזער, און געדאַכט האָט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור איז אין אַ ווילדער משוגעת אַריינגעפאַלן. פאַרוואַסערט און פאַרטויבט איז די גאַנצע לופט-אַטמאָספערע געוואָרן. וואַסער מיט שטורם, שטורם מיט וואַסער, באַגלייט מיט בליץ און דונער. נאָך יעדן בליץ, נאָך יעדן דונער, האָט זיך דער וואַסערדיקער שטורם געשטאַרקט, טייכן גאַנצע האָבן זיך שטורעמדיק געטראָגן, זיך געוואָרפן אויף ווענט, אויף טירן און אויף פענסטער, און ס׳האָבן געקנאַקט בלעכענע דעכער פון ציגל און שטיי־נער, וואָס איז אויף זיי געפאַלן פון די צעווייקטע קוימענס. און איין הויז און אַ צווייטס האָט פון זיך די ליימיקע געפּוצטע פעל אַראָפּ־געוואָרפן און געבליבן אין אַ שטיינערנער נאַקעטקייט. אויף איין אָרט און אויף אַ צווייטן האָט עס פאַרשווענקט דורך אַ לאָך, דורך אַ שפּאַלט פון אַ דאַך, אַ סופיט צענעצט, און מיט שווערקייט פון ליים און וואַסער, זענען אויף די פּאָדלאָגעס שווערע פּלאַסטן געפאַלן, און

נאָך אין אַ הויז, און נאָך אין הייזער האָט אַ וואַנט אָנגעהויבן צו נעצן. דער שפּאַליר האָט זיך אָפּגעטיילט בייכיק, שווער-מוטיק, פון נאַסקייט און פון חורבן.

אין פאַרשיידענע ערטער, אָן באַשטימטקייט פון שטח, האָט זיך נאַכט, האָט זיך שטורם מיט ראָזע, ברייטע פנימער באַוויזן. די ראָזע פנימער האָבן זיך געטוקט, צוריק ליכטיק געוואָרן. מיט טויבן-קלאַנג האָבן זיך געלאָזט הערן קירכן גלאָקן. ס'האָט געקלונגען, ס'האָט געברומט, ס'האָט גענעצט, און ס'האָט זיך צעוויגט די נאַכט מיט אומגליק, מיט שטורם און פייער, מיט וואַסער און מענטשן-קולות, מיט שרעק פאַר וואַסער, מיט שרעק פאַר פייער.

ס'האָט געברענט אינעווייניק אין הייזער, געפרעסן מעבל, געלעקט די ווענט און געשטעקט צינגער צו פינסטערניש, צו וואַסער. דורך די געפּלאַצטע שויבן האָבן זיך צינגער געריסן און באַלויכטן מיט אומגליק פון פייער, אומגליק פון וואַסער, און געפרעסן די אינעווייניקסטע געדערים פון די הייזער, און דורכגעפרעסן, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, אַזוי לאַנג, ביז ס'האָט זיך פייער מיט וואַסער און שטוב צוזאַמענגעטראָפן. און וואַסערדיקע גאַסן האָבן זיך געשפּילט און געשפּיגלט מיט וואַסער און פייער, זיך געשפּיגלט, ווי גלאַנציקע חלפים פון פאַרדאַרבונג און טויט... דער גרויסער קאָסמאָס האָט זיך מיט זיינע שאַרפע חלפים אין די גאַסן צעשפּרייט.

* *

*

דער צופלוס פון וואַסער איז געווען נישט אין פאַרגלייך שטאַרקער פונם אָפּלויף, און ס'האָט זיך מיט ווילדן אימפּעט אָנגעהויבן אַריינצוגיסן אין די קעלערס און אין די קעלער-שטובן... צו אָרעמקייט געקומען, זיך אַריינגעיאָגט און זיך צעגאָסן שטוביק, פיר-קאַנטיק, און שטורעמדיק אויפגעהויבן האָלץ און מעבל און אַנדערע שטוב-זאַכן און אָנגעגאָסן, אָנגעפולט קעסטלעך מיט וואַסער. זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט וואַסער אין דרויסן, טאַסקענדיק מיט זיך שטוביקע זאַכן, און הינטער דער שטאָט האָט זיך דאָס היימישע טייכל צעוויגט, דאָס קליינע טייכל האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי טויזנטער שדים וואָלטן אין דעם אַריינגעשפּרונגען, זי אָנגעבלאָזן און אַרויס פון מולטער און האָט היימישע, שכנישע שטיבלעך אויפגעהויבן, צעגלידערט און אַ כאַפּ

געטון אויף די ריזיקע וואַסער-פּלייצעס, צוזאַמען מיט פרעמדן וואַסער, אין שטאָט אַריין. און ס'האָט זיך אויסגעמישט הימל, ערד און קולות, זיך צוזאַמענגעגאָסן אין וואַסערדיקער שרפה, צונויפגעגאָסן אינאיינעם, גאַסן און הייזער, און איין מענטש פון צווייטן אָפּגעריסן. טויזנטער קולות האָבן געשריגן פאַר זיך און פאַר אַנדערע, וואָס די, וואָס האָבן געשריגן, האָבן נישט געוווּסט, ווו יענע זענען אַהינגעקומען. ס'האָבן אַלע מיט איין קול געשריגן אויף דער שוידערלעכער פרעמדקייט פון וואַסער, וואָס האָט זיך צו-היימיש אין שטאָט געמאַכט... נישט געבליבן קיין נאָענטקייט און ווייטקייט. אַלץ נאָענט, אַלץ ווייט: נאָענטקייט, ווי ווייטקייט, נישט צו דערגרייכן...

וואַסער !...

וואַסער אינדערלופט, לופט אין וואַסער, וואַסער אין שטאָט, וואַסער אין די גאַסן; גאַסן אין וואַסער, וואַסער אין הייזער, הייזער אין וואַסער; אָן אַן ערד, אָן אַ הימל, אַלץ צוזאַמען, אַלץ אינאיינעם צונויפגעגאָסן; רעש פון וואַסער, רעש פון שטורעם און פון דונער און פון בליץ, און צווישן אַלץ און אַלעמען:

מענטשן-קולות.

די גאַסן האָבן זיך אָנגעפּוישט, זיך אויפגעהויבן, הייזער און ביימער זענען קירצער געוואָרן... דאָס וואַסער האָט געבושעוועט אַרום הייזער און ווענט, און צייטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וואָס עס שטראָמט פון די הייזער אַרויס האָט אָפּגעטיילט מיט שוידערלעכער וואַסער-פרעמדקייט איין זייט גאַס פון דער צווייטער.

פון דעכער און פון ביימער זענען מענטשן געוואָקסן, פיל זענען פאַרכלינעט געוואָרן פון שטורעמדיקע שטראָמען, וואָס האָבן געבושעוועט אינדערלופט, פון שווערקייט האָבן זיך צווייגן געבראָכן און זענען אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט די מענטשן און פאַרטראָגן געוואָרן מיטן שטראָם, און אַלץ אָפּטער און אָפּטער האָבן זיך אין שטאָט אַריין, אין גאַסן אַריין, אַריינגעריסן שטיקער געהילץ, אברים און זאַכן פון הייזער און אָנגעקלאַפּט זיך אין שטיינערנע ווענט, ווייטער געלאָפן און ווייטער געקלאַפּט. אַלץ אָפּטער און אָפּטער האָבן זיך אויף געהילץ און אויף שווימענדיקע דעכער מענטשן באַוויזן. פיל פון זיי צעקלאַפּטע, צעהרגעטע און דערטרונקענע, וואָס זענען פאַרשטאַרצט געוואָרן אויף די אָן-אָרטיקע ערטער און געטראָגן געוואָרן מיטן געהילץ אין גאַסן צווישן הייזער.

ערגעץ אויף איין אָרט, ערגעץ אויף אַ צווייט אָרט האָט עס אַ פונדאַמענט אונטערגעשווענקט, אַ וואַנט פון אַ וואַנט האָט זיך אויסגעטײַלט און זיך צעפאַלן, און מיט עטלעכע טויטן, זענען די אייגענע מענטשן פון הויז און פרעמדע מענטשן, וואָס זענען געקומען זיך באַהאַלטן, אומגעקומען.

ס'האָט געטראָפן, אַז אַ מוטער האָט אַ פרעמד קינד געכאַפּט, עס אָנגענומען פאַר איר אייגנס, און ערגעץ האָט די מוטער פון קינד איר קינד באַוויינט. און נאָך ערגעץ האַלט זיך אַ פרוי מיט אַ קי־שעלע אויף די הענט און מיינט, אַז זי האָט דאָרט דאָס נישט־לאַנג געבוירענע קינד אירס. זי האַלט זיך שטאַרק מיטן קישעלע און זי ווייסט נישט, אַז זי האָט עס גלייך פאַרלוירן אין וואַסער אַרײַן, לויפנדיק פון וואַסער.

ס'האָט איין מענטש דעם צווייטן פאַרלוירן אין אייגענער שטאָט, אין היימישע גאַסן און אַרום אייגענע הייזער פרעמד געבליבן: אויף ערטער אָן ערטער, אין גרויזאַמער פרעמדקייט פון וואַסער, אין הילפ־לאָזער שוידערלעכער איינזאַמקייט פון צעווילדעוועטער נאַטור — אַליין אומבאַהאָלפן און עטלעכע צוזאַמען אַזוי הילפלאָז, ווי די גאַנצע שטאָט, ווי אַלע צוזאַמען, ווי איינער מיט אַ סך און אַ סך מיט איי־נעם, ווי יעדער איינציקער פאַר זיך...

...וואַסער!!!

* *

ס'איז שוין געווען עטלעכע שעה אין טאָג, און קיינער האָט נישט באַמערקט, ווען די נאַכט איז אַוועק, און ווען דער טאָג איז געקומען. דער טאָג איז מיט שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס געקומען, און געדאַכט האָט זיך, אַז די נאַכט האָט זיך אויפן הימל פאַרקליבן און פאָרטגעזעצט פאַרפלייצונג און פאַרוויסטונג. די שוואַרצע נאַכט הויבט זיך אין בלייכן וואַסערדיקן טאָג אַרײַן, מיט פייערדיקע שלאַנ־גען געשפאָלטן, און געצאַפּלט האָט די שטורעמדיקע וואַסער־לופט מיט רעגנבויגנדיקע פאַרבן.

דער הימל ווערט אַלץ דיקער, ווערט אַלץ שוואַרצער און גיסט און שמייסט מיט שטראָמען גאַנצע, מיט גאַנצע טייכן און צווישן

הימל פונאויבן און וואַסער פונאונטן און וואַסער אינדערמיט; צווישן לופט, צווישן וואַסער, גוססט פאַר דער צייט דער טאָג. אין עטלעכע שעה נאָך זיין געבוירן איז דער גרויסער זומער-טאָג דערשטיקט געוואָרן...

ערגעץ אויף אַ דאַך, אָנגעהאַלטן אָן אַ קוימען, האָט אַ משוגע-נער (וואָס איז ערש משוגע געוואָרן) זיך באַוויזן און האָט אויס-געשריגן:

— משיח קומט! — — — — — — — — — — —

אַ שטורעם אויפן ים

די שיף האָט זיך פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרקער געהויבן און זיך געוויגט. איבערן קײלעכדיקן וואַסער-פעלד האָבן זיך בײכער געבלאָזן, זיך געהוידעט און זיך געטראָגן, און אײנצײטיק אויף אײן אָרט געשטאַנען, אײנס דאָס אַנדערע זיך געוויגט און זיך געשפילט אין כאַפּעניש און אין שלאָגעניש. און צײטנווײז האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ריזיק צעאַקערט פעלד האָט זיך צעשפילט און זיך צעאָטעמט מיט ערדישער שווערקײט און באַזוימט מיט װײסן שוים, ווי ווײסע שטיקלעך שנײ.

ווי פאַרכאַפּט פון אײגענעם שפּיל ווערט אַלץ אומרויִקער און רוישיקער. אַלײן באַהערשט פון זעלבסטהערשאַפט, ווערט די לופט וואָס ווײטער געדיכטער פאַרטויבט, און ס'דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ צווײ-טער ים, אַ ים פון גערויש, וואַקסט פונדערלופטן איבערן וואַסער. פון גרויס רעש ווערט די לופט אַלץ טויבער, און דער אויער ווערט פון צײט צו צײט אָפּגענאַרט פון קלאַנגען אַזעלכע, וואָס אין דער ווירקלעכקײט הערט מען זײ נישט. עס האָט זיך געפילט דער בראשיתדיקער תוהו-ובוהו, ווי עס וואָלט ערשט פאָרגעקומען דער „יקוו המים"...

עס נעבלט זיך. דער האָריזאָנט ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ שמעלער, און אַלץ נעענטער צו דער שיף קומען זיך צונויף וואַסער און הימל. די לופט ווערט שפּריציק, פון אַלע זײטן שפּריצט מיט נאַס-קײט, עס נעצט און עס רינט און עס בלאָזט פון אַלע זײטן. די

שיף שפּיצט זיך אַרויף און אַראָפּ, און אינעווייניק סקריפּען די ווענט מיט מאַסיווער שווערקייט פון שטאָל, אייזן און האָלץ, און די מענטשן, וואָס האָבן זיך אינעווייניק געפונען אין די קלאַסן, זענען געלעגן און געזעסן צעוואָרפן אין שטילקייט און אין שווייגן, מיט טעמפּע הילפלאָזע בליקן און אין שאָטנס פון טויט געהילט. מענטשן, וואָס זענען פון פאַרשיידענע לענדער געפאָרן, פון פאַרשיידענע נאַציעס, זענען געווען געבונדן מיט איין געדאַנק און מיט איין פּחד, נישט צו געפינען דעם קבר אין די אָפּגרונטן פון ים.

און אויבן, אויף דער אויבערשטער דעק פון שיף, צווישן געוועב פון דראָט, שטריק און אייזן, צווישן די שיפלעך, וואָס זענען אָנגעבונדן מיט שטריק צו הילצערנע סלופּעס, וואָס זעען אויס ווי שוואַנען-העלזער — איז געווען אַ כאַאָס פון קולות, אַלץ האָט געקוויטשעט און געפייפט, און שווער, מיט שוואַרצן רויקן אָטעם, האָבן געסאָפּעט די צוויי שוואַרצע אויסגעקנעפּלטע קוימענס... אויסגעקנעפּלט געשטאַנען און געהאַלטן אין איין שיטן נעבן זיך און ווייט פון זיך שוואַרצע גרייפּלעך. און דאָרטן אין נאָז פון דער שיף איז געשטאַנען דער קאַפּיטאַן מיט דער פּלייצע צו דער גאַנצער לענג פון שיף. ער האָט פון צייט צו צייט אַ דריי-געטון אַהין און צוריק דאָס רעדל מיט די הענטלעך, און צווישן איין דריי און דעם צווייטן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אָן לעבן שטיין געבליבן און וואַרט, ער זאָל צוריק דאָס לעבן באַקומען...

עס וואַקסט דער שטורעם. אַלץ אָפּטער הויבן זיך אויף ביים גאַנג און ביי די זייטן פון שיף ברייטע, מעכטיקע, לאַנגע וואַסער-פליגל און פאַרגיסן די צענדליקער קיילעכדיקע שיף-אויגן, וואָס געפינען זיך אונטן, נענטער צום וואַסער, און פון יעדעס מאָל, וואָס די פענסטער ווערן פאַרגאָסן, טראָגט זיך אינעווייניק דורך אַ דורכזיכטיקער שאָטן, וואָס פאַרגיסט מיט וואַסערדיקער דורכזיכטיקייט דעם סופיט און די ווענט פון שיף.

און די שיף הויבט זיך, וויגט זיך און שפּילט זיך אַלץ שטאַרקער און פּילבאַרער. און עס דאַכט זיך, אַז זי לעכצט מיט אירע שפּיצן דעם הימל, און מאָמענטנווייז דאַכט זיך, אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַז זי איז שטיין געבליבן דעם אָטעם צו כאַפּן און אָטעמט אַזוי שווער אַרויף און אַראָפּ.

עס האָט זיך צעוויגט און צעשפּילט דער ים מיט מאַכט פון

אייביקייט און מיט גבורה פון „יקוו המים". בערג הויבן זיך און טראָגן זיך מיט דער לייכטקייט פון אָנגעבלאָזענע ליילעכער, און דאָ און דאָרטן, פון אייניקע און פון פיל שלאָגט עס אָפּ מיט גרינע קאָלירן, און עס דאַכט זיך, אַז גרינע, טעמפּע ים-אויגן וואַרפן זיך פון וואַסער אַרויס, פון שטורעם און רוגזה. צענדליקער און הונדערטער גרינע אויגן, וואָס קייקלען זיך אַרויס פון דעם גרויסן וואַסער-ריז.

וואַסער און שטורעם, שטורעם און וואַסער. און דו ווייסט נישט, צי שטורעמט דער ים פון ווינט, צי דער ווינט שטורעמט פונם שטורעמדיקן ים. עפּעס ווי איינס געוואָרן, איין קערפּער, וואָס האָט זיך צעבושעוועט אין ברייטער פרייהייט פון ברייטן און ליידיקן פאַרנעם. נישט געשטערט פון קיינעם, פון קיינעם און פון גאָרנישט. פריי פאַר שטורעם און וואַסער פון אַלע זייטן, אָן אַ מזרח, אָן אַ מערב, אָן אַ צפון און אָן אַ דרום, אין איין רינג אַלע פיר זייטן געריגנלט. און ס'נעצט, און ס'גיסט, און ס'רינט, און דו ווייסט נישט פונוואַנען דאָס קומט, פונאונטן צי פונאויבן. צייטנווייז דאַכט זיך, אַז אָט אָט רייסט זיך די שיף מיט דער נאָז און מיט אַלע איבעריקע שפּיצן אין הימל אַריין, דאָ יאָגט זיך און מיט אימפּעט אַ וואַסער-וואַנט, און אַליין גרין מיט שוים ווי מיט וואָלקן געזוימט, לויפט זי אָט די כוואַליע מיט אימפּעט און קומט אַלץ נענטער און נענטער צו דער שיף און פליוך — און עס דאַכט זיך, אַז די שיף איז אויפן אָפּגרונט אַראָפּגעפאַלן...

עטלעכע מענטשעלעך פון קאָפּ ביז די פיס אין האַרטער שוואַרצקייט געהילט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פּאָרען מיט די שטריק און מיט די שיפלעך, וואָס זענען געווען אָנגעבונדן ביי די ווייסע סלופּעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שוואַנען-העלדזער. עס האָט זיך געדאַכט: ברואים אויסגעוואָקסן פון דאָ צווישן שטורעם און ים. אַזוי ווי שוואַרצע פּיאַווקעס, וואָס באַוועגן זיך שטיל און בלינד, געבוירן און אויסגעוואָקסן אין וואַסער.

אַזוי האָבן זיי, אָט די מענטשעלעך, געהילט אין האַרטער שוואַרצקייט, זיך געפּאָרעט אַזוי רוהיק און שטיל מיט אַ שוואַרצן געדאַנק, וואָס נאָר זיי ווייסן וואָס זיי טוען, און שטיל איז די צוגרייטונגס-אַרבעט געטון געוואָרן אין כאַאָס פון ווינט און שטורעם פון זיך

אַליין פאַרטויבט, און צענדליקער קולות פון פייפערייען און קוויטשערייען אונטערן נעץ פון רעגן און וואַסער, וואָס דער שטורעם-ווינט האָט געטראָגן און געריסן, פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ, און אַזוי זיך שטיל, אָן קלאַנג, זיך געפּאָרעט אין דער הויך, צווישן הימל און וואַסער, אויסגעדרייט די שוואַנען-העלזער מיט די קעפּ און מיט די שיפלעך, וואָס זענען געבליבן הענגען איבערן וואַסער.

אַ נאַכט אין צוג

דער צוג איז געגאַנגען. דער צוג איז געשטאַנען. מענטשן זענען אַרויס, מענטשן זענען אַריין, מענטשן מיט פּעק, פּעק מיט מענטשן, און יעדער איינציקער האָט מיט זיך אַ פרישע אומעטיקע קעלט אַריינגעבראַכט, אָרט און פּלאַץ פאַרנומען, פאַר זיך און פאַר זאַכן; און ווען דער צוג האָט שוין געהאַלטן אין פולן גאַנג, איז שוין יעדערער געזעסן אָדער געלעגן, און פון מינוט צו מינוט איז אַלץ רויקער און שטילער געוואָרן, און געדאַכט האָט זיך, אַז דער צוג שניידט זיך אַלץ טיפער און טיפער אינדערנאַכט אַריין.

פון לאָקאָמאָטיוו האָט אָן אויפהער, אַמאָל פון איין זייט, אַמאָל פון דער צווייטער, געשפּריצט אַ פייערדיקער רעגן. און געדאַכט האָט זיך, אַז דער הימל געפינט זיך גאָר נאָענט איבער דער ערד און שפּייט מיט שטערן פון זיך. געפלויגן זענען די פונקען פייל פון בויגן, געשווומען אין דעם פינסטערן ים און געווען איז פון דעם אי ליכטיקער, אי פינסטערער.

אויף איינער אַ סטאַנציע האָט זיך צווישן אַנדערע פּאַסאַזשירן אויפגעזעצט אַ מאָגער מיידל מיט צוויי גרויסע, שוואַרצע, אומעטיקע, גלאַנציקע אויגן, מיט אַ נערוועיש שטילשווייגן. מיר איז עפּעס אויסערגעוויינלעך אומעטיק געוואָרן, אָבער אויפן אָרט האָב איך נישט געוווסט, פונוואַנען דער פלוצלינגדיקער אומעט איז געקומען, צי פון דעם, וואָס עס האָט זיך אָנגעיאָגט אַ פולער וואַגאָן מיט מענטשן און האָבן מיט זיך אָנגעיאָגט אַ פרישע קעלט, צי פון דעם מיידל. זי־

האָט זיך גלייך פאַרקוקט אין שוואַרצן, קאַלטן, שווייסיקן פענסטער, ביי וועלכן זי האָט זיך באַזעצט, און פון יענער זייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַן אומדייטלעך קיילעכיק שטיק בלאַסקייט, ווי אַ פאָרעמלאָז, פּנים.

אין וואַגאָן איז אַלץ שטילער, רויקער און אומעטיקער געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן יענער אומעט, וואָס שפּירט זיך אַלעמאָל שפּעט אינאָוונט, ווען איין פאַרשוין נאָכן צווייטן ווערן איינגעזעסן אויף די ערטער, הויבן אָן צו דרעמלען, אָדער ווערן גלאַט אַנטשוויגן...

איך בין אויך אַנדרימלט געוואָרן, נאָר ערגעץ טיף אין מיר איז פאַרגליווערט געבליבן אָט דאָס פאָרמלאָזע קיילעכיק שטיק בלאַסקייט, וואָס האָט פון יענער זייט פענסטער אין וואַגאָן אַריינגעקוקט, און דאָס האָט מיך נישט געלאָזט איינשלאָפן מיטן נאַטירלעכן געזונטן שלאָף. האָב איך געהערט, ווי דער צוג גייט, ווי די רעדער קלאַפּן... געהערט, אַז ער גייט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט, און נעפּלדיק געזען צווישן די שטייענדיקע, נאָר אומרויקע, רעדער אַרומשוועבן אַ פּנים ווי אַ פּאַפּירענע לאַמטערן, און דאָס לאַמטערן־פּנים זוכט עפּעס, און מיט דער צייט פון זוכן ווערט דאָס פּנים און לאַמטערן וואָס־אַמאָל העלער און ליכטיקער...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אַן אומרויקער, צערודערטער, און גלייך האָט זיך מיר אין די אויגן אַריינגעוואָרפן דאָס בלאַסע מיידלשע פּנים, וואָס האָט זיך געבלייכט אין דער האַלב־פינסטערניש פון דער אויפגעהויבענער באַנק איבער איר קאָפּ. זי איז געזעסן אַזויווי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט — אין היטעלע און אין דעם מאַנטל, גלייך ווי זי וואָלט באַדאַרפט אַראָפּקריכן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, די הענט טיף פאַררוקט אין דער גרויסער שוואַרצער מופטע, וואָס האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן אויבערשטן טייל קערפּער אירן.

אין וואַגאָן איז געווען רויק און שטיל. מענטשן אומבאַקאַנטע, פרעמדע און ווייטע, זענען געזעסן און געדרעמלט אַ קאָפּ אַהער, אַ קאָפּ אַהין, און אין דרעמל האָבן זיי מיר אויסגעזען נאָך פרעמדער... פון די אויבערשטע בענק הענגען אַראָפּ הענט און פיס, אַ שפּיץ פון אַ קאָלדרע, אַ פּאָלע פון אַ בורקע, אַ פּאָר ווייַדלעך פון אַ טכוירענעם פוטער, אַלץ אַזוי שטיל, ווי נישט טויט און נישט לעבעדיק,

און זונטן רייבן זיך די רעדער אין די רעלסן, ווי זיי וואָלטן גע־רעדט:

— מ׳שלאָפט, מ׳שלאָפט, מ׳שלאָפט!

און די נאַכט האָט מיט אומעט, קעלט און פינסטערניש אין די פענסטער אַריינגעקוקט און אָפּגעשלאָגן האָבן זיך דאָרט אומדייטלעכע פיגורן, די טונקעלע שיין פון דער ליכט און די גלאַנציקע בענק.

איך בין ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער אין שלאָף הער איך און פיל, אַז איך פאָר, און ווייל איך ווייס, אַז איך שלאָף, צווייפל איך שוין, צי איך הער אין דער ווירקלעכקייט דאָס, וואָס איך הער.. אמת, איך הער די רעדער קלאַפּן, אָבער איך בין אונטערן איינדרוק, אַז איך שטיי אויף איין אָרט, און צווישן די רעדער דרייט זיך אַרום אַ שוואַרצע פיגור... אַ פיגור מיט אַ דורכזיכטיקן קאָפּ... דער קאָפּ פאַלט האַסטיק אַראָפּ, און — ס׳ווערט פון אים אַ לאַמטערן... דעם לאַמטערן האַלט דיזעלבע פיגור (נאָר שוין אָן דעם קאָפּ), דרייט זיך צווישן די רעדער, זוכט און געפינט... געפינט אַ גרויסע, גרויסע, שוואַרצהאָריקע מופּטע...

דערהערט, עמעצער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, און האָב מיך אין קאָנוווּלסיווער שרעק אויפגעכאַפּט און האָב גלייך די מופּטע דער־זען, און אין דער מופּטע האָט דאָס מיידל געהאַלטן די הענט אַריינ־געשטעקט און דאָס פּנים פאַרגראָבן... די האָר פון קאָפּ מיט די האָר פון דער מופּטע האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָ זיצט עפּעס אַ פּאַרזעניש מיט אַן אומגעוויינלעך גרויסן קאָפּ אָן אַ פּנים... זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך אין פאַרגליווערטער רויקייט, אין צונויפגעגאָסענער שוואַרצקייט, באַהאַלטן מענטש און לעבן...

אַ מעכטיקער פייף האָט די שטילקייט צעריסן, אַ פּאָר קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און אין די פענסטער פאַרקוקט. עמעצער האָט געשמאַק געגענעצט, איינער וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר, האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַזוי זיס און ליידנשאַפטלעך געצויגן, אַז ס׳האָט ערגעץ ביי אים געקנאַקט אַ ביין. ס׳האָט עמעצער צו עמעצן עפּעס געזאָגט, און די שטילקייט און רויקייט איז געשטערט געוואָרן. אָפּטער און אָפּטער האָבן זיך פון יענער זייט פענסטער פאַרשיידנפאַרביקע פייערלעך געוויזן, פייערלעך פּרעמדע, פייערלעך אומבאַוועגלעכע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לייכטנדיקע דימענטן, איינגעפאַסט אין נאַכט און אין פינסטערניש.

דאָס אובמאַקאַנטע מיידל האָט אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אין פענסטער פאַרקוקט. אירע אויגן, ווי צוויי קיילעכיקע שוואַרצע רעדעלעך, האָבן זיך בליצנדיק אויסגעטיילט פון בלאַסן פּנים, און דאָס פּנים האָט זיך געבלייכט פון אונטער דער אויפגעהויבענער באַנק, ווו עס איז געווען פיל טונקעלער ווי אין וואַגאָן, און איך האָב געקוקט אויף איר און געטראַכט פון איר, נישט געוווסט, וואָס איך קוק און נישט געוווסט, וואָס איך טראַכט... איך האָב נאָר געפילט, אַז די וואָס זיצט מיר אַנטקעגן, זיצט אויך אין מיר, זיצט און פרעסט מיין געמיט, אַז עפּעס האָט זיך פון איר ווי אַ גלגול אַריינגעכאַפּט אין מיר, און וואַכנדיק האָב איך שוין אויך עפּעס געחלומט. איך האָב געקוקט מיט אָפענע אויגן און אַלץ אַרום זיך געזען צוויי-זייטיק... געזען אַ טיף לעבן, ווי עמעצער וואָלט אין מיר אַ טיר אין אַ טיפן תהום אַריינגעעפנט, און דאָרטן אין תהום האָט זיך אַרומגעדרייט די אומבאַקאַנטע, וואָס זיצט מיר אַנטקעגן...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. צווי קלינג, אַ קליינע סטאַנציע. אַ פּאָר לאַמטערנס אויף הילצערנע סטויפּעס, וואָס וואַרפן אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ ברייטע, טונקעלע שיין, און אַלץ אַרום איז פרעמד, שטיל, פינסטער. די קאָנדוקטאָרן דרייען זיך אַרום מיט די קאָלירטע לאַמטערנדלעך, און אַרום זייערע פיס בלאָנדזשען פאַרשיידנפאַרביקע קוואַדראַטן. די כאָלעוועס פון זייערע שטיוול גלאַנצן, אַלץ איז נאַכטיק, אַלץ איז שטיל, און דערפאַר לאָזט זיך שוין אַזוי שטאַרק הערן דאָס מעכאַנישע אָטעמען פון לאָקאָמאָטיוו.

קיינער קומט נישט אַרויף, קיינער שטייגט נישט אַרויס, און דאָך האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז אין וואַגאָן איז ווייניקער געוואָרן...

— וואָס פאַר אַ סטאַנציע איז דאָ? — האָב איך אַ פרעג געטון ביי מיין שכנה, בלויז צוליב דעם, כדי צו הערן די שטימע אירע.

זי האָט אַ ציטער געטון און אַ בליק געטון אויף מיר מיט אויגן, און נישט געענטפערט.

קלין, קלין, קלין! קליין, קליין, קליין סטאַנציעלע, אַ פייף, און דער צוג איז אַוועק.

ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, און ווידער „ער" מיטן לאַמטערןקאָפּ. ער לויפט מיט די רעדער, קייקלט זיך געשווינד, האַסטיק, און שטייט אויף איין אָרט... דורכזיכטיקער ווערט דער קאָפּ און פאַלט

אונטער די רעדער... אַ לאַמטערן... נעבן: אַ גרויסע, שוואַרצע מופטע... פון דער מופטע קריכט אַרויס אַ צעקאַליעטשעטער קאָפּ מיט גרויסע שוואַרצע לעבעדיקע אויגן. „זי"... ניין, איך פיל, ווי זי זיצט מיר אַנטקעגן... ווו בין איך?... אין וואַגאָן צי אינדרויסן?... די רעדער טאַראַבאַנען... דער צוג שטייט... איך און „זי" אויף צוויי ערטער זיך צעטיילט... איך בין מיט איר דאָ און מיט איר דאָרטן... איך שלאָף נישט און שלאָף, הער נישט און הער, זע נישט און זע, ווי זי זיצט... ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן, און שטייט אַנטקעגן מיר מיט אַ שווערער געדיכטקייט פון חלום און וואָר, שטייט איינע נעבן מיר דאָ, איינע נעבן מיר „דאָרטן", איינע איז טויט, די צווייטע לעבעדיק, און ביידע זענען איינע און דיזעלבע... ביידע אויסער מיר און אין מיר מיט לעבן און טויט צונויפגעמישט, מיט ווירקלעכקייטן און חלום... אַ טריט, אַ שפּאַן, און אויפן זעלבן אָרט געבליבן... און מיט האַרטקייט און שטילקייט הערט זיך איר אָפּגאַנג פון אָרט און אַוועקגאַנג צו אומבאַשטימטקייט און ווייטקייט... און נאָך אַ שפּאַן, און נאָך איינער, גרויסע גיגאַנטישע, און מיט יעדן שפּאַן זיך דערנענט צו אַ שרעקלעך געפערלעכן אָפּגרונט און ערגעץ ווייט-ווייט האָט זיך אָן עפּן געטון אַ טיר...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ ווילדער פּייף האָט מיינע אויערן דורכגעשניטן, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַ וואָרף געטון מיט נאָך מענטשן צו דער טיר. אויף דער פּלאַטשאַדקע אָנגעטראָטן אויף עפּעס ווייכס... אויפגעהויבן די מופטע אירע...